STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00378

A VANDERUNG IBER OKUPIRTE GEBITN

Tania Fuks

Permanent preservation of this book was made possible by
Rene & Michele Lerer
in memory of
the Lerer & Zytenfeld families

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ט א נ י א   פ ו ק ס

אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן

די הכנסה פון דעם דאָזיקן בוך איז באַשטימט פאַר
דער הילפס-אַרבעט פונעם פוילישן יידנטום.

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

24

רעדאַקטאָר:

מאַרק - טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אבֿרהם מיטלבערג

מ. פֿייגענבלום

די רשימה פֿון דערשינענע בענד — צום סוף פֿון בוך

טאניאַ פוקס

אַ וואַנדערונג
איבער אָקופּירטע געביטן

★

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס-איירעס, 1947.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
Tania Fuks, Montevideo.

TANIA FUKS

"A wanderung iber okupirte gebitn"

(Errando por zonas de ocupación)

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1947.

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

אינהאַלט:

1. לאָדזש — 9
2. קיין פּושעמישל — 38
3. לעמבערג — 49
4. מען בויט דאָס נייע לעבן — 60
5. דעפּאָרטאַציע — 79
6. קיין טשערנאָוויץ — 108
7. טשערנאָוויץ — 115
8. געטאָ — 126
9. נאָטיצן פון מיין טאָג־בוך — 151
10. אַ ניי יאָר — 173
11. דאָס יאָר 1944 — 246

רעגיסטער פון נעמען — 258

דעם ליכטיקן אָנדענק

פון מיין אומפאַרגעסלעכן חבר און לעבנס־באַגלייטער

לאַזאַר פוקס

איז געווידמעט דאָס דאָזיקע בוך.

טאַניאַ פוקס.

מאָנטעווידעאָ, סעפּטעמבער 1947.

אין לאָדזש אין יאָר 1934



פון רעכטס צו לינקס: איציק מאנגער, לאזאר פוקס, קאדיע מאָלאָדאָווסקי,
טאָניא פוקס, יוסף קירמאן און משה בראָדערזאָן

I

לאָדזש

אויף דער מלחמה האָט מען זיך גערעכט, געריכט א לענגערע צייט, גאָר ווען זי האָט אויסגעבראָכן, איז זי געווען פאר אלעמען אומגעריכט.

ווען עס האָבן אין לאָדזש, פרייטיק אינדערפרי, דעם 1טן סעפטעמבער 1939, זיך לאנג און אומעטיק צעפייפט די פאבריק־סירענעס אָנזאָגנדיק א לופט-אלארם, האָבן מיר געמיינט, אז דאָס איז דערווייל בלויז נאָך א פּראָבע אַלאַרם, און צו פּראָבע אַלאַרמען זענען מיר געווען געוווינט, מען האָט אונדז גענוג געלערנט, אז ביי אן אלארם דארף מען שליסן די פענצטער, אראָפּלויפן אין שוצקעלער. פון פריער זענען געווען באשטימט די ערטער, צעטיילט די אמטן אין יעדן הויז: קאָמענדאנט פון בלאָק, סאניטאַרע דינסט, דיזשורן אין טויער, ביי די ארייננגענג, אויף די טרעפּ, צו די קעלערס, צום בוידעם. אַלץ איינגעחזרט און אויסגעפּרוווט. אין א מינוט זענען אלע געווען אויף די ערטער. אויך דאָסמאָל, ווי אלעמאָל האָט זיך אָפּגעשטעלט די באוועגונג אויף דער גאס, די שטאָט איז פארגליווערט געוואָרן, געלעגן עטלעכע מינוט אין א טויט שטילקייט און מיטאמאָל א גערויש פון אעראָפּלאנען, אין א ווײַלע ארום א שטאַרקער קנאַל, א דעטאָנאציע פון אן אויפרייס, און ווידער שטיל... גלייך דאָס הארץ פון דער שטאָט וואָלט זיך פון שרעק אויפגעטרייסלט. אַלץ איז פארוואנדלט געוואָרן אין אויגן: פון אלע טירן, טויערן, פענצטער, לעבער, קוקן

אומרואיקע אויגן אויף דער ליידיקער גאס און... וואס איז דאס? עס לויפן מיט א בליצשנעלקייט אדורך די פיעטרקאווער גאס אלע קארעטסעס פון גיכער הילף, אין א מאמענט ארום, אלע אפטיילונגען פון די לאדזשער פייערלעשער. ווי דורך דער לופט ווערט באלד באקאנט, אז נישט קיין פראבע אלארם, נאר א ריכטיקער, אמתער לופט־אנגריף, מיט טויטע און פארוואונדעטע, מיט פארניכטונג, מיט פייער.

מיר לויפן צו צו די טעלעפאנען, קלינגען אין אלע זייטן. דער ראדיא־אפאראט הערט נישט אויף צו איבערהזרן פון אינדערפרי אן: „אוואגא, אוואגא, נאדכאדזשי, פשעשעדל...” (אכטונג, אכטונג, עס קומט אן, עס איז אדורכגעגאנגען...) און א ציפער דערביי, א צאל, ווי א חתימה, ווי עס וואלט זיך עמיצער אונטערגעשריבן אונטער דער דאזיקער מעלדונג. איצט, ווייזט זיך אונדז אויס, אז מיר פארשטייען, וואס דאס באדייט, עס איז, געוויס, א ווארענונג, עמיצער זאגט עמיצן אן, אז עס גייט, עס קומט די געפאר...

מען רופט אפ דעם אלארם. עס הייבט אן פיבערן די גאס. מען יאגט, מען לויפט א היים. נאך עפעס איינקויפן, עמיצן עפעס אנזאגן.

אויך מיר צעלויפן זיך, מיר לאזן זיך ארוים פונעם טויער, פון פיעטר־קאווער גאס 21, וווּ עס האט זיך געפונען די רעדאקציע, אדמיניסטראציע און זעצעריי פונעם „נייעם פאלקסבלאט”, מיר זענען כמעט אלע מיטארבע־טער געווען אין רעדאקציע, כאטש פרייטיק איז דער אפרו־טאג, פרייטיק האבן מיר נישט געארבעט, שבת איז די צייטונג נישט ארויסגעגאנגען, אבער פרייטיק פלעגן מיר זיך פארזאמלען צו דערליידיקן אונדזערע אי־נערלעכע ענינים, און אין די לעצטע טעג פארן אויסברוך פון דער מלחמה פלעגן מיר סיי ווי פארברענגען טעג און נעכט אין רעדאקציע, אנגע־האנגען אין טעלעפאן, אנגעשטעלט מויל און אויערן אויף דעם ראדיא־אפאראט. מיר האבן געוווסט, אז עס גייט אויף אונדז מלחמה, מיר האבן נאר נישט געגלויבט, אז אט שוין קומט עס. עס זענען שוין אין משך פון די לעצטע חדשים געווען אזעלכע קריטישע מאמענטן, אז מען האט געמיינט, אט, אט... נאכדעם האט זיך עס ווידער אויסגעלייטערט.

אויך איצט האט מען ביז אין דער לעצטער מינוט געגלויבט, אז מען

סטראַשעט נאָר, אַז מען קלאַמפּערט מיט די שווערדלעך, אַנצושרעקן איי־נער דעם צווייטן, אָבער עס וועט זיך נאָך אויסלייטערן, אַפשר אינגאַנצן צו קיין מלחמה נישט קומען, יעדנפאַלס נישט באַלד... מיר האָבן נישט געוואָלט, עס זאָל קומען און געגלויבט, אַז עס וועט נישט קומען...

און אָט איז עס דאָ, געקומען דער אומגליק!

איך גיי אַרויס פון טויער און ווער באַלד פאַרשלונגען פון שטראָם פון מענטשן. מען גייט, מען יאָגט, מען שטופּט פון פאָרנט און פון הינטן. כ'באַוויז נישט אָפּצוגיין אַ פּאָר קוואַרטאַלן, ווי עס הייבט אָן ווידער. אַ לאַנגער, אומעטיקער פייפן פון די פאַבריק-סירענעס זאָגט ווידער אָן אָן אָנגריף. מען נעמט לויפן, מען ראַטעוועט זיך אין די טויערן אַריין, מען לויפט אַריבער די גאַסן. אין עטלעכע מינוט אַרום ווערט די גאַס, דער טראָ־טואַר — ליידיק, און נאָר פאַראיינצלטע טוליען זיך צו די ווענט, לויפן פון טויער צו טויער, ווילן, זעט אויס, ערגעץ דערלויפן.

איך שטעל מיך אוועק אין אַ טויער, קוק אַרויס אין גאַס אַריין און זע...

איך וועל קיינמאָל דאָס בילד נישט פאַרגעסן.

עפּעס אַ יונגערמאַן לאָזט זיך שנעל אַריבער קווער איבער דער גאַס, צום צווייטן טראָטואַר צו. פון דער אַנדזשעיאַ־גאַס לויפט, מיטן גאַנצן אימפּעט, אַרויס אַ טראַמוויי (אויך געוואָלט ערגעץ דערלויפן?), פאַר־טשעפּעט דעם מענטשן און גיט אים אַ שליידער... איין יעבץ פון אַלע זייטן... דער מענטש בלייבט ליגן אינמיטן גאַס. פון אַ טויער לויפן אַרויס אַ פּאָר מענטשן, שטעלן זיך איין, און מען שלעפּט אַריין דעם פון דער גאַס אין דער נאָענטסטער אַפּטייק.

דריי גרויסע פייגל שווימען, אין דער פאָרם פון אַ „סגל" הויך אונ־טערן בלויעם, קלאָרן הימל. שווימען רואיק, געלאַסן, קיינער שטערט זיי נישט. זיי שווימען אַריבער אונדזערע הייזער, עס דויערט אַ פּאָר מינוט און מיר דערהערן פון דערווייטנס שוין דעם אויפרייס. ווידער רייסט זיך ביי אַלעמען אָפּ דאָס האַרץ. אַ טויט שטילקייט אַרום... און אין אַ מי־נוט אַרום: „אוואַגאַ, אוואַגאַ, נאַדבאַדזשי, פּשעשעדל". דאָס הערט מען דעם ראַדיאָ פון פענצטער פונעם ערשטן שטאָק.

עמיצער גנבעט זיך אַרויס פון אונדזער טויער און שלייכט זיך ביי די ווענט צו דער אַפּטייק, וווּ מען האָט אַריינגעטראָגן יענעם פון אונטערן טראַמוויי. ער קומט צוריק מיט דער שרעקלעכער בשורה: יענער איז שוין טויט. עס מאַכט אויף אונדז אַלעמען אַ שרעקלעכן רושם. און כאָטש אַזאַ פּאַרפאַל, אַ טראַמוויי־אומגליק האָט זיך געקאָנט מאַכן אויך ביי אַנדערע אומשטענדן אין די נאָרמאַלסטע צייטן אפילו, אָבער דאָ, איצט, ביי דעם לופט־אַלאַרם, האָבן מיר דאָס פאַרצייכנט פאַר איינעם פון די ערשטע מלחמה-קרבנות. עס איז געווען שוידערלעך דער איינדרוק: אָט איז דורכגעלאָפן אַ לעבעדיקער מענטש, און שוין לעבט ער נישט...

דער אַלאַרם האָט דאָסמאָל געדויערט עטלעכע שעה. מיר האָבן זיך אין הויף געדרייט, קיין אָרט זיך נישט געקאָנט געפינען, געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ אַלע טרעפּן. אין דרויסן האָבן מיר נישט געוואַגט אַרויסצוגיין, ביז מען וועט נישט אָפּרופן דעם אַלאַרם, עפּעס אַן אָפּגערעדטער אַרעסט. ענדלעך, שפּעט נאָכמיטאָג, אָפּגערופן דעם אַלאַרם. כ׳טרעט נאָר אַרויס פונעם טויער, טראָגט מען אַרויס יענעם, פון דער אַפּטייק.

פאַר אים איז די מלחמה געענדיקט...

ווידער לאָזט מען זיך לויפן. ווידער זענען פול די גאַסן. אַ היים, אַ היים. אין דער היים ציילט מען די קעפּ, ווער איז שוין דאָ, ווער עס פעלט נאָך און איידער מען קוקט זיך אום — ווידער אַן אַלאַרם, און ווידער איז פּאַראַליזירט די גאַנצע באַוועגונג.

פאַרנאַכט ווערט שטילער, נישטאָ קיין אַלאַרם-סיגנאַלן. מען הייבט זיך אָן גרייטן צו דער נאַכט, צו דער ערשטער מלחמה־נאַכט.

אויף דער גיך לייגט מען צוזאַמען דאָס נויטווענדיקסטע, אויפן פאַל... מען זאָל האָבן אונטער דער האַנט, ווען חלילה מען זאָל דאַרפן לויפן... דאָס נאָרמאַלע ליגט נאָך אָבער אַזוי טיף אין בלוט, אין די געוווינהייטן, אַז עס גלייבט זיך דאָך נישט, אַז עס וועט דערצו קומען.

ס׳איז אויך שווער צו מאַכן דעם אָפּקלייב, מען איז צו אַזוי פיל זאַכן אין משך פון יאָרן צוגעוווינט געוואָרן, אַז עס איז שווער צו דעצידירן עפּעס איבערצולאָזן. מאַכט מען דאָס פּעקל אויף יעדן פאַל, ווי אויף קאַטאָוועס, אין דער איבערצייגונג, אַז מען וועט עס נישט באַדאַרפן.

די שטאָט ווערט פאַוואָליע איינגעהילט אין א שטאָק פינצטערניש. שטרענג פארמאסקירט.

הייבט זיך ווידער אָן א מעשה, נישט אַלע זענען צוגעגרייט צו מאַס־קירן די פענצטער, נישט געוועז לעצטנס צו קריגן קיין שווארץ פאַפּיר אויף צו מאסקירן די פענצטער, אָרדנט מען זיך דערוויייל איין אין די פענצ־טערלאָזע ווינקעלעך, אין די קאָרידאָרן און קעמערלעך... און דאָס לעבן פּאַדערט זיינס, אין ערשטן טאָג מלחמה, נאָך די פיל איבערלעבענישן, ווערט מען סוף כל סוף אויך הונגעריק... מען נעמט זיך אויפסניי איינ־אָרדענען ווו אָפּצוקאָכן, ווו אָפּצועסן, ווו זיך צו לייגן שלאָפן...

דער גאנצער הויף ביי אונדז ווערט מיטאמאָל משפּחהדיק. עס קומען אריין שכנים, קודם־כל צום ראַדיאָ.

„אכטונג, אכטונג, ס׳קומט־אָן״... דאָס זאָגט מען אָן נישט נאָר אונדז, עס גייט איבער גאַנץ פּוילן די וואָרענונג... מען לייענט דורכן ראַ־דיאָ, און מען איבערחזרט דעם אויפרוף פון פּרעזידענט מאָשטשיצקי, וועלכער הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„...אונדזער אייביקער שונא, די דייטשן, זענען באַפאַלן אונדזער ערד...״ וויטער, רעדעס, פּאַטריאָטישע אויפרופן, געזאַנג, דער פאָלקס־הימן: „מיר וועלן נישט געבן די ערד, פון וואַנעט אונדזער שטאַם״ און זעלנערישע לידער. די ראַדיאָ אווידיציעס הערן נישט אויף אויף קיין מי־נוט. אין משך פון טאָג האָט מען מורא געהאַט זיך צוצוהערן צום ראַ־ריאָ, איצט האָט מען זיך פון אים נישט אָפּגעריסן. שכנים קומען, שכנים גייען... מען באַשטימט דיזשורן אויפן הויף, אין טויער, אין קעלער... מען טיילט זיך מיט די אמטן, מען גרייט זיך, מיט איין וואָרט, צום נייעם שטייגער פון לעבן...

שפּעט אין דער נאכט בארואיקט זיך ערשט אין הויף. מענטשן זענען אנדרימלט געוואָרן, מען האָט זיך נאָר צוגעלייגט אין אָנגעטועכץ, די צו־געגרייטע פּעקלעך אונטער די הענט, מען זאָל זיי נישט באַדאַרפן... און פּלוצים, דער לאַנגער, לאַנגער אומעטיקער וואָיען פון די סירענעס זאָגט אָן א פרישן, ערשטן נאַכט-אַלאַרם.

מען איז, דאַכט זיך, געוועזן צוגעגרייט צו אזא פאַל, ווען עס האָט

זיך אָבער אָנגעהויבן, אין דער פינצטערניש, פונעם דרימל ארויס, אי־בערהויפט נאָך ווען מען האָט גענומען וועקן פון שלאָף די קינדער, איז אַנטשטאַנען אַ שרעקלעך צעמישעניש; פון אַלע זייטן האָט זיך געטראָגן דאָס געוויין פון קינדער, געשרייען פון דערוואקסענע, אַ געלויף איבער די פינצטערע טרעפּן, אראָפּ אין קעלער אריין... און איידער מען איז אונטן, דערהערט זיך אַ קנאַל, אַז עס קלינגען אָפּ די שויבן אין די פענצטער.

אין קעלער פאַלט מען שוין אריין נישט טויט און נישט לעבעדיק פון שרעק.

***

ס׳איז מערקווירדיק די פעאיקייט פון מענטשן זיך צוצופאַסן צו די נעשאַפענע באַדינגונגען. דאָס ערשטע, וואָס עס האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן אין קעלער: שוין עפּעס אַ געוויסע אָרדענונג, שוין אַ געווי־סער ארט לעבן, צוגעפאַסט צו די „נייעסטע" באַדינגונגען. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז באַלד נאָכן ערשטן אַלאַרם אינדערפרי נאָך, האָבן מענטשן פארשטאַנען און אָנגעהויבן, אויף יעדן פאַל, זיך איינאָרדענען אין קעלער. מען האָט אראָפּגעטראָגן אהין דאָס נויטיקסטע און איבערן טאָג שוין איינ־געשטעלט אַ געוויסן סדר פונעם לעבן. ווען איך בין איצט אראָפּגעקומען, האָב איך שוין געטראָפן „איינגעזעסענע" — תושבים, אַזוי צו זאָגן. אַ מאַמע האָט געקאָכט אויף אַ מאַשינקעלע אַ קאַשקעלע פאַר אַ קינד. אין אַ זייט איז געשטאַנען אַן עמער וואַסער, עס איז געלעגן אויסגעלייגט גע־פעס, געשיר, קאַסטנס, בינטלעך. די בעסטע ערטער זענען שוין געווען פאַרכאַפּט. די בעסטע ערטער האָבן געהייסן — ביי די פענצטער און נישט וויים פון די ארויסגענג. עס זענען שוין געווען אויסגעבעט געלעגערס, גע־שטאַנען בענקלעך און בע:ק צום זיצן. „פּעסימיסטן" האָבן אַראָפּגעבראַכט העק און העקלעך, לאָפּאַטעס, א.ד.גל. אויפן פאַל, אויב עס זאָל חלילה פאַרשיטן, מען זאָל זיך קענען פון אינעווייניק ארויסגראָבן. אַ ניי־געבוירן, אין איין רגע, אונטערערדיש לעבן. און שוין האָבן די מענטשן, די פרישע תושבים, מיט אַ געוויסן ווידערווילן געקוקט אויף די פריש אָנגעקומענע, וועלכע האָבן אויך געזוכט בעסערע פּלעצער.

אין קעלער איז מען די נאכט אָפּגעזעסן, גלייך ס'וואָלט קיין נאכט נישט געווען. ס'איז שוין קיינער נישט געשלאָפן, באַטש דער אלארם איז אינגיכן אָפּגערופן געוואָרן.

***

דער צווייטער טאָג מלחמה שטייט אויף א ליכטיקער, ריינער, א בלויער הימל אָן איין וואָלקנדל. עס גייט אויף א גרויסע גאָלדענע זון. דער פּוילישער הארבסט שמט פאר דער שענסטער צייט פון יאָר. אין היינטיקן יאָר אָבער האָט די קלאָרקייט פון הימל ווי אליין זיך איבערשטיגן. ווי אויף צו להכעיס האָט אין דער גאנצער צייט פון די פיינטלעכע אָנגריפן קיין וואָלקנדל נישט געשטערט דעם שונא פריי צו הערשן איבער אונדזער הימל.

זיי האָבן גוט געצילט, די שונאים אונדזערע, און געטראָפן אין פּונקט, אין וועלכן זיי האָבן געצילט. קיין חידוש נישט. מיט די אָנגריפן אויף לאָדזש האָבן אָנגעפירט היימישע, די זונדלעך פון די לאָדזשער דייטשע פאבריקאנטן. די דאָזיקע זונדלעך האָבן באצייטנס געענדיקט די פּוילישע מיליטערישע אקאדעמיעס, געארבעט אין די פּוילישע מיליטערישע שטאבן. פאר זיי, פאר די זונדלעך פון די לאָדזשער דייטשע פאבריקאנטן, זענען נישט געווען געשלאָסן די פּוילישע מיליטערישע היכשולן ווי פאר די יידישע קינדער. פאר זיי זענען נישט פאראויסגעזען געווען קיין באזונ-דערע בענק אין די אוניווערסיטעטן ווי פאר די יידישע סטודענטן, זיי האָבן די ענדעקישע סטודענטלעך נישט געשפּאָלטן די קעפּ, ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט יידישע סטודענטן און סטודענטקעס, זענען זיי אויסגעוואקסן, די דייטשלעך, געזונט און שטארק, צום רום פונעם „פאָ-טערלאנד", אָבער פון זייערן, פונעם דייטשן פאָטערלאנד!

עס באווייזט זיך אונטערן הימל א „פויגל", א באָמבע איז געפאלן אויף א גרויס הויז אויף באנדורסקיעגא-גאס, און עס איז שטויב פאר-וואנדלט. עס זענען אין קעלער פארשיט געוואָרן מענטשן. די, וועלכע מען האָט אויסגעגראָבן, זענען געווען פארסמט מיט גאז. די גאזאָווניע האָט

ניִשט באַוויזן אויסצושאַלטן די אינסטאַלאַציע. איצט האָבן מענטשן מורא געהאַט בעת אַן אָנגריף זיך אויסצובאַהאַלטן אין די שוץ־קעלערס.

אין דעם זעלבן טאָג, שבת, אין צווייטן טאָג מלחמה, האָט מען דאָס אײנאַונאייִנציקע מאָל געזען איבער לאָדזש אַ קאַמף אין דער לופט. ווען עס האָבן זיך באַוויזן הויך אין הימל די דייטשע עראָפּלאַנען, זענען פּלוצים פון ערגעץ זיי אַקעגנגעשוווּמען אויך אין אַ „סגל״ דריי פּוילישע לופט־שיפן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף טויט און לעבן, אַ גע־ראַנגל אונטערן לויטערן בלויעם הימל, מיט געיעג, מיט סאַלטאָ־מאָרטאַ־לעס, קניפּן, שלייפן. עס איז שווער געווען צו אונטערשיידן, ווער וועמען עס יאָגט. ס׳האָט אויסגעזען ווי אין פילם... מיר זענען געשטאַנען אין פענצטער פונעם דריטן שטאָק און געקוקט. ווייסע וואָלקנדלעך, רויכע־לעך אַראָפּ און אַרויף האָבן באַוויזן, אַז עס גייט אַ קאַמף. עס איז געווען אַ בושה פאַר זיך אַליין צו שטיין, אָט אַזוי פון דערווייטנס, און אויפצו־נעמען דעם דאָזיקן געראַנגל אויף לעבן און טויט ווי עפּעס אַ קינאָ־פאַר־שטעלונג. אָבער אַזוי, איז עס געווען.

שוין שבת האָבן אָנגעהויבן צו קומען קיין לאָדזש פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך פּליטים. שוין היימלאָזע, דאַכלאָזע.

אַ ייִד פון אַ שטעטל נעבן וויעלון איז פאַרנאַכט געקומען אין רע־דאַקציע און דערציילט.

פרייטיק, אַרום זעקס אינדערפרי האָט ער אַרויסגעטריבן די קו אין פעלד אַריין. פּלוצים האָט ער דערהערט זשומען עראָפּלאַנען. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ נאָכצוקוקן, וווּהין זיי פליען און באַמערקט צוויי איבערן שטעטל. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער דערזען, ווי עפּעס האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט, ווי קײַלעכלעך... דער אויפרייס איז ניִשט געווען קיין שטאַרקער, אַזוי האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אפשר דערפאַר, ווײַל ער איז געשטאַנען ווייט, נאָר אין אַ מאָמענט אַרום איז דאָס שטעטל געשטאַנען אין פלאַמען. און שוין אין אַ שעה אַרום זענען אַלע, וועלכע זענען אין שטעטל פאַרבליבן מיט אַלעם וואָס עס איז זיי פון דער שׂרפֿה פאַרבליבן, געוועזן אויף די וועגן אין שטאָט אַריין, קיין לאָדזש.

עס איז געווען אַ גאָלדענער האַרבסט, דער האַרבסט 1939. פרויען

און קינדער פון לאָדזש זענען נאָך געזעסן אויף די זומער וווינונגען ארום לאָדזש.

פון בעלמי, א וואלד נעבן לאָדזש, אויפן וועג קיין זגיערזש, האָט מען שבת אינדערפרי געבראכט עטלעכע פארוואונדעטע פרויען און קינדער. איין קינד שוין א טויטס. ס'איז געווען דאָס קינד פון אונדזער שכן, וויינבערג. מען האָט אונדז איבערגעגעבן, ווי עס איז פאָרגעקומען דאָס אומגליק אין בעלמי. די פרויען מיט די קינדער זענען געזעסן פרייטיק אינדערפרי אין וואלד. זיי זענען נאָך געווען אויף לופט און וועגן דער מלחמה נישט געוווסט. פלוצים האָט מען דערהערט אעראָפּלאַנען. די קינדער זענען ארויס פון וואלד נאָכקוקן די פליער. די אעראָפּלאַנען האָבן זיך אראָפּגעלאָזט אזוי נידעריק, אז די קינדער האָבן אָנגעזען די פּילאָטן. א גאנצע גדולה אויף די קינדער, זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען און באגריסן די פליער. דערויף האָבן יענע געענטפערט מיט פייער. עס זענען אויף די געשרייען ארויס פון וואלד די מאמעס. זיי האָבן געכאפּט די קינדער און גענומען לויפן צו די שטיבער א היים. די אעראָפּלאַנען האָבן זיי פארפאָלגט און די גאנצע צייט געשאָסן... דאָס האָט פאסירט אין ערשטן טאָג מלחמה, שוין אין ערשטן טאָג מלחמה האָבן די דייטשן בכיוון געשאָסן אין שוצלאָזע פרויען און קינדער.

וועגן א מערקווירדיקן פאל, אויך פונעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה, האָט מיר דערציילט סטעפא ציקערט, א קראנקן שוועסטער אין פאזנאנסקים שפּיטאָל. מען האָט זי ארויסגערופן, זי זאָל אָפּפירן צוזאמען מיט א דאָקטאָר א קראנקע אין שפּיטאָל קיין קאָכאנוּוועק. די קראנקע איז געווען א באַקאַנטע אין לאָדזש געזעלשאפטלעכע טוערין, א פּ. פּ. ס.אָווקע, אויסגעצייכנט מיט פארשידענע פארדינסט־אָרדנס פאר איר אָנטייל נעמען אין קאמף פאר פוילנס אומאָפּהענגיקייט. איצט, אין ערשטן טאָג מלחמה, איז זי פלוצים משוגע געוואָרן. זי האָט געשלאָגן, געוואלדעוועט און געשריגן: „עס וועלן אונדז צעפּיצלען קראָען און וואראָנעס". (דאָס איז דער טיטל פון סטעפאן זשעראָמסקיס א גרעסערע דערציילונג פון יענער מלחמה).

אויפן וועג קיין קאָכאנוּוועק האָט זיך די קראנקע א ביסל באַ־

רואיקט און געזאָגט צום דאָקטאָר: „איר מיינט, אז כ'וויים נישט, אז דאָס איז עפּעס א משוגעת פון מיין זייט, אָבער איך קאָן מיך נישט באהערשן, איך זע עפּעס אן אומגליק איבער אונדזערע קעפּ... און ווידער אָנגעהויבן שרייען: „עס וועלן אונדז צעפּיצלען קראָען און וואָראָנעס"...

דאָס איז געווען נאָך וואונדערלעכער, ווייל אין די ערשטע טעג פון מלחמה איז אין דער גאנצער פּוילישער געזעלשאפטלעכקייט געווען שטארק דאָס געפיל פון פאטריאָטישקייט, און עס האָט זיך געדאכט, אז מען וועט זיי ברעכן די ביינער, די דייטשן. מען האָט זיך אויך נישט פאָרגעשטעלט, אז מען וועט בלייבן שטיין אליין, אויג אויף אויג מיטן דייטש, מען האָט זיך געריכט אויף הילף מצד פראנקרייך און ענגלאנד.

**
*

אויפן דריטן טאָג האָט מען זיך געכאַפּט, אז די סירענעס בעת די לופט־אָנגריפן האָבן נישט קיין זין. די סירענע סיגנאלן קומען געוועגלעך שוין נאָכדעם, ווי די באָמבע איז ערגעץ אראָפּגעפאלן. די לופט אלארמען פאראליזירן דאָס לעבן אין שטאָט, האָט מען מיטגעטיילט, אז דער עולם זאָל אליין אכטונג געבן: איז דער אעראָפּלאן איבערן קאָפּ, זאָל מען אנט־לויפן און זיך אויסבאהאלטן, אויב נישט — קאָן מען ווייטער טאָן זיין ארבעט. און אזוי איז עס געווען. ערגעץ האָט געקנאלט אן אויפרייס, אויף דער צווייטער גאס האָט געקאָכט דאָס לעבן מיט ניי אויפגעשוווּמענע מלחמה-פּראָבלעמען, וועלכע מען האָט געמוזט באלד, אויפן אָרט לייזן...

**
*

מיר אין דער רעדאקציע האָבן נאָך געארבעט. עס איז געגאנגען לויט דער אינערציע. מיר האָבן געדרוקט דעם אויפרוף פון פּרעזידענט מאָש־טשיצקי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

— „דער אייביקער שונא אונדזערער איז באפאלן אונדזער ערד"...

מיר האָבן געגעבן ידיעות וועגן פראָנט שוין פון אָנהייב אָן עפּעס אומרואי־קע, נערוועזע, ווייניק פארשטענדלעכע. מען האָט קיין אויג נישט אראָפּ־געלאָזט פונעם ראַדיאָ, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט צו וואָרענען:

„אכטונג, אכטונג, עס קומט... שוין פאַרביי!"

קאָמוניקאַטן, וואָס אַמאָל וויינִיקער פאַרשטענדלעכע.

די רעדאַקציע איז שטענדיק געווען פול מיט מענטשן, מיט די אַזוי גערופענע רעדאַקציע-פריינד. זיי האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מיר ווייסן עפּעס מער ווי זיי.

מיר האָבן געזוכט נייעס ביי אונדזערע פּוילישע קאָלעגן. מיר זענען געווען זיכער, אַז זיי ווייסן עפּעס מער ווי מיר. מיר האָבן געמיינט, אַז עס גרייט זיך אַ פאַרטיידיקונגס-ליניע אַרום לאָדזש. לאָדזש, די אַרבעטער־שטאָט מיט די אַלטע טראַדיציעס פון קאַמף, פון באַריקאַדן... זאָל עס קומען צו לאָדזש — איז יעדעס הויז אַ פעסטונג, יעדע שטוב אַ פאַר־טיידיקונגס־פונקט. מיר זענען געווען פסיכיש גרייט דערצו. און צווישן די פּוילישע קאָלעגן אונדזערע זענען געווען מיליטערלייט, אויסגעאיבטע און וועטעראַנען נאָך פון יענער מלחמה, ווייסן זיי עפּעס מער ווי מיר, אַזוי האָבן מיר געמיינט. און אָט דערוויסן מיר זיך, שוין אויפן דריטן טאָג, אַז איי־ניקע פון זיי, און פונקט די, אויף וועלכע מיר וואָלטן זיך דאָס נישט גע־ריכט, האָבן אין איילעניש פאַרלאָזט די שטאָט... און נאָך זיי אַנדערע... מען לויפט, מען לויפט... עס ווערט עפּעס שטאַרק אומבאַקוועם. עס לויפן גוטע פריינד, באַקאַנטע, קרובים... מיטן אויסרייד: ווייטער פונעם פראָנט, מיר זענען ווירקלעך שטאַרק נאָענט צו דער גרענעץ... אָבער די פאַרטיידיקער? זיי אויך?

עס סטראַשען לאַנגע, לאַנגע אויפדערנאַכטן מיט שטאָק פינצטערניש.

אויף דער גאַס. דער טרעף-פונקט אין קאַפע „אַסטאָריע" איז פול מיט פאַרשידענע קלאַנגען... עפּעס בלאָנקען מיר זיך אַרום ווי שאָף. מען ווייסט נישט פון וואָס אָנצוהייבן, וואָס מיט זיך צו טאָן.

אין פערטן און פינפטן טאָג מלחמה איז די שטאָט שוין פול מיט פּליטים. שיעראַדז איז אין די הענט פון די דייטשן. מען זאָגט, אַז זיי זענען שוין אויך אין זדונסקאַ־וואָליאַ, לאַסק, באַלד אין פּאַביאַניץ. אי־בער דער שטאָט ציען גוישע פורלעך מיט פּעק, מיט בעבעכעס, מיט בעטגעוואַנט און קינדער דערויף, מיט שטייגן עופות, מיט קי, פערד און זשרעבאַקלעך, וואָס לויפן נאָך.

עס קומען אָן און גייען פאַרביי ייִדן אויסגעמאַטערטע און שוין פאַר־שוואַרצטע. אָט גייט אַ יונגערמאַן, אויף דער פּלייצע אַ היבש פּעקל און פירט אונטערן אָרעם אַן עלטערע פרוי, אַ מאַמע. אַ שטאַלטנע, אַ שיינע, אַ מין מירעלע אפרת, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און אין ברילן. זי טאַפּט מיטן שטעקן דעם וועג, זעט אויס בלינד. פון יונגנמאַן גיסט זיך דער שווייס. שווער געווען דער וועג... פּלוצים עפּעס אַ געשריי, אַ רעש, אַלע צעלויפט זיך. מען זוכט אויפן הימל די רויב־פייגל. די גאַס ווערט אין איין רגע, ווי אויסגעקערט. אויפן טראָטואַר בלייבט די בלינדע שטיין אַליין. נעבן איר דאָס פּעקל. זי דרייט הילפלאָז מיטן קאָפּ און רירט זיך נישט פון אָרט. אין אַ ווײַלע אַרום באַרואיקט זיך אַליץ, דער זון קומט צוריק, נעמט דאָס פּעקל אויף דער פּלייצע, די מאַמע אונטערן אָרעם און זיי גייען ווייטער.

ווי ווייט וועלן זיי אַזוי דערגיין?

אין דער אָט־אָ רגע פאַלט מיר איין דער געדאַנק: — כ׳וועל פון לאָדזש נישט אוועקגיין, כ׳האָב מורא פאַר היימלאָזיקייט. די מענטשן אַנגעקומענע אהער זענען שוין אָנגעוואָרפענע, זיי האָבן זיך שוין נישט וווהין אהינצוטאָן. נעבכן אַליין באַלעבאַטים, וואַלגערן זיי זיך שוין אויף פרעמדע הייף, היימלאָזע, דאַכלאָזע, שוין דעגראַדירטע. מען לאָזט זיי שוין נישט גערן אַריין אין אַ שטוב...

— היימלאָזיקייט איז אַ שרעקלעכע זאַך, איך וועל פון דער היים נישט אוועקגיין, זאָל זיין וואָס עס וויל זיך — האָב איך פעסט בײַ זיך באַשלאָסן...

און שוין אין דער זעלבער נאַכט בין איך אַרויסגעגאַנגען פון דער היים.

***

אין דער נאַכט פון דינסטיק אויף מיטוואָך, פונעם 5טן אויפן 6טן סעפּטעמבער, האָט מען פון וואַרשע איבערגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע מענער פון 16 ביז 60 יאָר זאָלן פאַרלאָזן לאָדזש און אַרויסגיין אין דער ריכטונג קיין וואַרשע. מען האָט דערבײַ בפירוש געוואָרנט, אַז פרויען מיט

קינדער זאָלן נישט ארויסגיין, ווייל פונעם גרויסן עולם ווערט פאַרפּאַטשט דער שאָסיי און עס שטערט דער פרייער באַוועגונג פון די מיליטער טיילן. די וואָרענונג האָט נישט געהאָלפן. א סך פרויען האָבן באַשלאָסן נישט צו שיידן זיך מיט די מענער און זענען צוזאַמען מיט זיי ארויסגעגאַנגען און אויך די קינדער מיטגענומען. עס זענען אין דער נאַכט ארויסגעגאַנגען פון לאָדזש, ווי מען האָט געשאַצט, העכער צוויי הונדערט טויזנט מענטשן.

און איך און מיין חברטע צעשיא הירשפעלד אויך. די גאַנצע שטאָט גייט — איז שווער צו בלייבן אין דער היים. גייען מיר אויך. דער גאַנצער הויף ביי אונדז פּ. א. וו. (סקווערזאווא-גאַס) נומער 6 האָט געקאָכט ווי א בינשטאָק. אַלע האָבן זיך געקליבן ארויסצוגיין און נאָר עלטערע מענטשן און מאַמעס מיט קליינע קינדער האָט מען קוים געקאָנט איינרעדן, „זיי זאָלן בלייבן אין דער היים.

מען פּאַקט צוזאַמען מיטצונעמען אויפן וועג, עס ווייזט זיך אויס, דאָס נויטווענדיקסטע: א ביסל עסן, א ביסל קליידער, א וואַרעמען מאַנטל, איין פּאָר שיך — און עס באַקומט זיך א גאַנץ שווערער פּאַק, דערצו א פּאָרטפעל, פּאַפּירן, א האַנטטאַש, — ווו טוט מען דאָס אהין?

***

שווער איז דאָס וואָס מען נעמט מיט, נישט גרינג איז דאָס וואָס מען מוז איבערלאָזן. איך דאַרף איבערלאָזן א גאַנצע זשורנאַליסטישע ביבליאָטעק, אן איינציקע אין דעם מין. ס'האָט לאַזאַר פוקס אמאָל פאַר־טראַכט: יידישע זשורנאַליסטן האָבן נישט קיין הילפס־מאַטעריאַל אין זייער אַרבעט, א סך פון זיי פעלט די פּראָפעסיאָנעלע פאַרברייטונג. אַלע פּראָפעסיעס דערלערנט מען אין יאָרן — אין שולן און אוניווערסיטעטן און נאָכדעם זענען נאָך פאַראַן הילפס־ביכער, זשורנאַלן. און נאָר אונדזע־רע זשורנאַליסטן, וועלכע מוזן זיין „ענציקלאָפּעדיש" ביים אויספירן זייער פאַך, מוזן וועגן אַלעם שרייבן, אַלץ ווייסן — זיי האָבן נישט קיין שום הילפס־מאַטעריאַל. און באַשלאָסן צו שאַפן א ביבליאָטעק צו הילף די יידישע זשורנאַליסטן. אין משך פון 17 יאָר האָט ער געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר אזא ביבליאָטעק. עס זענען געווען ביכער, זשורנאַלן, אויסשניטן פון

צייטונגען, בראַשורן — אין דער יידישער, רוסישער, פוילישער און דייטשער שפּראַכן.

דער סינדיקאַט פון זשורנאַליסטן און ליטעראַטן אין לאָדזש, לאַזאַר איז געווען פאָרזיצער פון דער יידישער סעקציע ביים סינדיקאַט, האָט באַשלאָסן די דאָזיקע ביבליאָטעק צו לייגן אַלס גרונט פאַר אַן אַלגעמיינער ביבליאָטעק פאַר זשורנאַליסטן אויפן נאָמען פון לאַזאַר פוקס. מען האָט אין לאָקאַל פונעם סינדיקאַט רעמאָנטירט אַ צימער פאַר דער דאָזיקער ביבליאָטעק און די ביכער און דער גאַנצער מאַטעריאַל איז דערווייל געווען ביי מיר.

און אַט גיי איך אַוועק.

און וואָס וועט זיין מיט דעם אַלעמען?

דאָס ערגסטע וואָס איך האָב מיר דעמאָלט פאָרגעשטעלט: — עס קאָן חלילה פאַרברענט ווערן!

מען גייט אַרויס פון לאָדזש פאַרטאָג, עס איז נאָך פינצטער, עס וויקלען זיך אַרויס פון די גאַסן און געסלעך סילועטן — איינצלנע און גרופּעס — אַלץ אין איין ריכטונג — צו דער בזשעזשינער גאַס. אויף פּאַמאַרסקאַ טרעפן מיר אָן אויף אַ גרופּע באַקאַנטע מיט יונה שפּער אין דער גרופּע (דער ווילנער שרייבער און דיכטער יונה שפּער איז געווען סעקרעטאַר פון דער לאָדזשער יידישער קהילה). מיר שליסן זיך איין אין דער גרופּע.

וואָס נענטער צו דער בזשעזשינער גאַס, אַלץ געדיכטער דער עולם. פון אָנהייב גייט זיך נישקשה, אָבער וואָס ווייטער, און ווען מען איז נאָך באַלאָדן מיט פּעקלעך, גייט זיך ערגער. מיר שטייען אָפּ. אונדזער גרופּע זעען מיר שוין פון דער ווייטנס. מיר געפינען זיך שוין אין דערמיטן פון אַ צווייטער גרופּע, וועלכע לאָזט אונדז איינגיכן אויך פון הינטן. עס איז שוין כמעט ליכטיק אין דרויסן, מיר בלייבן באַלד אַליין אויפן וועג. מיר פּרוּוון דעריאָגן דעם עולם, אָבער עס גייט נישט, עס קלאַפּט משוגע דאָס האַרץ, נאָר זיך אָפּצורייסן. מיר שטעלן זיך ביידע אָפּ, לאָזן אַראָפּ אונדזערע פּעקלעך. איך קוק אָן מיין צעשקע, זי איז בלאַס ווי דער טויט.

„ווייסטו וואָס?" — זאָגט זי — „מיר קערן זיך צוריק א היים, מיר וועלן נישט דערגיין"...

„אוודאי", באַשטיי איך באַלד, „שטאַרבן קאָן מען דאָך אויך אין דער היים, מען מוז נישט גיין זוכן דעם טויט. דווקא אין וועג, אין פעלד"...

און דאַ דערמאָן איך מיך:

כ'האָב דאָך ערשט נעכטן באַשלאָסן, פעסט באַשלאָסן, נישט אַרויס־גיין פון דער היים, נישט מאַכן אליין זיך היימלאָז!

מיר רוען זיך אביסל אָפּ און גייען צוריק מיטן וועג, מיט וועלכן מיר זענען געקומען. ס'איז העלער טאָג און די שטאָט איז ווי אויסגעשטאָרבן, פּוסט און וויסט, קיין מענטש נישט אויף דער גאַס.

און ווידער א העלער זוניקער טאָג.

מיר קומען א היים. די שכנים שטוינען: שוין צוריקגעקומען? מען חוזקט אביסל פון אונדז. שפּעטער גייען מיר זיך דערוויסן, ווער ס'איז אוועק, ווער עס איז געבליבן. פון די מענער כמעט קיינער נישט געבליבן, אוועק אַלע קרובים, אוועק אַלע פון דער רעדאַקציע.

דער ערשטער גרויסער אומגליק. נאָכמיטאָג פאַרשפּרייט זיך איבער דער שטאָט א שרעקלעכער קלאַנג:

דער עולם, וועלכער איז אַרויס ביינאַכט פון דער שטאָט, האָט נישט באַוויזן צו דערגיין ביז בזשעזשין. די געדיכטע מאַסע מענטשן, וועלכע האָט ווירקלעך פאַרפּראָפּט דעם שאָסיי און איבערגעפּלאָסן אויף די אַרו־מיקע פעלדער און וועגן, איז פּלוצים אַרומגענומען געוואָרן פון אַלע זייטן מיט פיינדלעכע עראָפּלאַנען.

אין וועג זענען געווען נישט נאָר די לאָדזשער, עס זענען געגאַנגען און געפאָרן אויך פּליטים פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. דער גאַנצער וועג מיט פורן, מיט אויטאָס, מיט שטאַטישן און דאָרפישן האָב און גוטס; מענער, פרויען, קינדער, און דער גאַנצער דאָרפישער לעבעדיקער אינווענ־טאַר און אינמיטן שטעקט, ווי אין סמאַלע אויך א מיליטערישע אָפּטיי־לונג... דאָס אַלץ איז אַריינגענומען געוואָרן דורך די פיינדלעכע פליער, ווי אונטער א גלאָק. פון אַלע זייטן הייבט אָן צו האָגלען, צו שיטן מיט פייער. מענטשן לויפן, מען וואַרפט אַוועק אַלץ פון זיך און מען זוכט אַן

אָרט, א לאַך ווו זיך אויסצובאהאלטן. די רויב־פייגל לאָזן זיך אראָפּ ני־דעריק איבער די פעלדער און פארפאַלגן און שיסן פון קוילנוואַרפער. זיי יאָגן נאָך די אַנטלויפנדיקע אפילו באַזונדערע, איינצלנע מענטשן. אויף אייניקע ערטער לאָזן זיך אראָפּ פּאראשוטיסטן און טרייבן, און יאָגן און שיסן.

ארום לאָדזש זענען אין פרידנסצייטן געווען דערפער, ווו די גרעסטע טייל באַפעלקערונג איז געווען א דייטשישע. ערב דער מלחמה זענען א סך פון זיי נעלם געוואָרן. איצט האָבן זיי זיך פּלוצים באַוויזן, און אומעטום ווו מען האָט זיך נישט געריכט אויף זיי. איצט זענען זיי געווען אויף די ערטער און אין מונדירן פון דייטשישן מיליטער.

אויפן שאָסיי, אויף די פעלדער, אויף די וועגן זענען געבליבן ליגן טויטע און פאַרוואונדעטע. אין שטאָט, אויפן גאַנצן שטח דאָס צעוואָרפענע און איבערגעלאָזטע האָב און גוטס.

אין שטאָט האָט מען גערעדט וועגן א פּראָוואָקאציע. נישט אַנדערש ווי מען האָט בכיוון די מענטשן ארויסגענאַרט פון דער שטאָט, מען זאָל זיי אין פעלד, אויפן וועג, אלע צוזאמען באַפאַלן און אויסהרגענען, און דאָס אלע מענער אין מיליטער־עלטער!...

אזוי האָט מען גערעדט.

מען האָט גענומען אָרגאַניזירן הילף די געליטענע. עס איז נישט גע־ווען קיין גרינגע זאַך. ווו נעמט מען טראַנספּאָרט? אלץ וואָס עס האָט געהאַט רעדער, איז מיטגענומען געוואָרן אין דער ביינאַכטיקער נסיעה. מ'האָט קוים מיט צרות צוזאמענגעשטעלט עפּעס פערד און וואָגן און אָרגאַניזירט א גיכע הילף. פון דעם וואָס עס האָבן דערציילט די צוריק־געבראַכטע פאַרוואונדעטע און נאָכדעם די צוריקגעקומענע — האָבן זיך די האָר געשטעלט קאַפּויר.

אויפן בית עולם האָט מען אָנגעבראַכט הונדערטער טויטע פרויען, קינדער, מענער, צעקאַליעטשעטע, צעריסענע, שטיקער פון מענטשלעכע קערפּער. מען האָט ארויסגעהאנגען אין די שפּיטאָלן און אין די לאָקאַלן פון די יידישע הילפס־אָרגאַניזאציעס „בקור חולים“ און „לינת הצדק“ צעטלען מיט די נעמען פון די וועלכע מען האָט געפונען אויף די וועגן

מוים אָדער לעבעדיק — און עס האָבן זיך ביי די צעטלען אָפּגעשפּילט שרעקלעכע סצענעס.

און מען איז געלאָפן ווי פאַרסממטע מייז פון אָרט צו אָרט, פון איין שפּיטאָל אין צווייטן איבערקוקן אַלע צעטלען, און נאָכפרעגן, צי נישט געזען, נישט געהערט, און אויך אויפן בית עולם... אפשר דערקענט מען חלילה עמעצן דאָרטן...

די שטאָט איז דערוויל געווען קיינעמס נישט. שטיל אונטערן בלויעם קלאָרן הימל, קיין לופט־אַלאַרמען, קיין עראָפּלאַנען, נאָר דער אומעט און אָפּוואַרטן.

מען וואַרט אויך אויף די, וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען ביינאַכט און נישט צוריקגעקומען. מען וואַרט מיט אומגעדולד — אפשר קומען זיי צו־ריק — איז פאַרוואָס נישט באַלד. מיט אומרו — אפשר האָט זיי עפּעס פּאַסירט; מיט האָפענונג — אפשר זיך אַדורכגעריסן, אַוועק ווייטער קיין וואַרשע...

ס'איז קלאָר, די שטאָט איז אַרומגערינגלט. דאָס אַריינקומען פונעם שונא איז אַ פראַגע פון ז יי ן ווילן, פון ז יי ן סטראַטעגיע. ווען עס וועט א י ם פּאַסן, ווען ער וועט געפינען פאַר נייטיק, וועט מען די שטאָט נעמען. דאָס איז דער זעקסטער טאָג פון מלחמה...

וואַרט מען: ווי אַזוי וועט דאָס געשען. און ווידער ליגט אויף אַלע־מענס צונג: פּאַרראַט, דיווערסיע, פּראָוואָקאַציע. ווייל אָט האָט מען אי־בערגעלאָזט דעם שונא אַ שטאָט מיט אַלעם גוטן. אין די פאַבריקן פול מיט רוי־שטאָף, אין די מאַשינען, מאָטאָרן פעלט קיין שרייפעלע נישט. אין די מאַגאַזינען פון אַלע מינים גוטס — אפילו אַמוניציע, אין די רע־זערוואַרן פול בענזין (נישט אויפרייסן! אפילו די בענזין־רעזערוואַרן — דאָס האָט עפּעס ספּעציעל שאָקירט!), די עלעקטראָווניע, די גאַזאָווניע, וואַסער־לייטונג — אַלץ נישט גערירט, און עס שטייען די טראַמווייען — נאָר זיך אַרויפצוזעצן און צו פאָרן. אין די אַמטן פּאַפּירן, דאָקומענטן... גלייך מען וואָלט געוואַרט אויף ז יי: קומט און נעמט אונדז!...

שטיל. שטילקייט פאַר אַן אומגליק. דער שונא איז אין דעם טאָג נישט

אריינגעקומען. און אויך דאַנערשטיק האָט נאָך געהערשט די אומעטיקע, אומהיימלעכע שטילקייט אונטערן בלויעם קלאָרן הימל.

דאַנערשטיק ביינאַכט האָט ערשט דער שונא אַדורכגעפירט דעם ער־שטן, שטאַרקן ריכטיקן אַנגריף אויף לאָדזש. עס איז געווען קענטיק, אַז ביז איצט האָבן די דייטשן די שטאָט ווי געשוינט, די לופט-אַנגריפן האָבן אויסגעזען ווי יוצא צו זיין און קיין גרויסן שאָדן פאַרהעלטניסמעסיק נישט אָנגעטאָן, אָבער דאַנערשטיק ביינאַכט האָט מען געצילט אויף דער שטאָט, באַשאָסן פון שווערער אַרטילעריע, און עס איז געשען עפּעס ווייניק פאַר־שטענדלעכס: קעגן וועמען דער שטורעם? אין שטאָט זענען געווען פרויען, קינדער, אַלטע לייט, און די גאַנצע שטאָט איז גאַנץ און נישט גערירט. מען זאָגט, אַז עס איז איינפאַך א מנהג אַזאַ ביי די דייטשן, איידער זיי טרעטן אריין אין א שטאָט, מוזן זיי זי אביסל חרוב מאַכן. זיי האָבן געצילט הויפּטזעכלעך אויף וואַרשע-ווינער וואָקזאַל, האָבן פון די שראַפּנעלן טאַקע געליטן אמשטאַרקסטן די גאַסן ארום דעם וואָקזאַל און ספּעציעל די פּ.אָ.וו.־גאַס, ווו איך האָב געוווינט. מיר זענען געווען אין צענטער פונעם פייער. די דאַזיקע נאַכט זענען מיר אַלע אָפּגעלעגן אין קעלער. ביי לופט־אַנגריפן האָט מען נאָך געקענט אמאָל בלייבן אין שטוב און ארויסקוקן דורכן פענצטער, ווי זיי שווימען דאָרט אין הימל. ביי אַרטילעריע־שאָסן האָט מען געמוזט זיך ראַטעווען אין קעלער אַריין, עס זאָלן די קנאַלן נישט רייסן אַזוי די אויערן און די נערוון. בלייבן אין קעלער איז אָבער אויך נישט געווען פון די אנגענעמע זאַכן: נאָך יעדן קנאַל, וואָס עס האָט אָפּגעהילכט אי־בער אונדזערע קעפּ, זענען אויסגעבראָכן געוויינען, היסטעריקעס, חלשות.

עס שטייט אַ יידענע ביי דער טיר, רייסט זיך די האָר פון קאָפּ און שרייט: „עס וועט אונדז פאַרשיטן, לאָזט מיך"...

— גייט געזונטערהייט — לאָזט מען איר דעם וועג. זי גייט ארויף אַ פּאָר טרעפּ צום אַרויסגאַנג, גיט עס פּלוצים אַ קנאַל און זי קייקלט זיך אַראָפּ ווי אַ קנויל.

יעדער איינער האָט זיך זיין טעאָריע, ווי אַזוי עס איז זיכע־רער איבערצושטיין אַזאַ אַרטילעריע־שטורעם. אייניקע זאָגן, אַז עס איז גוט זיך אוועקצושטעלן הינטער דער טיר: די ווענט פאַלן איין, ווען

עס טרעפט אַריין אַ שראַפּנעל, און די טיר בלייבט, אַזוי פאַרזיכערן אייני־קע, די טיר בלייבט שטיין. דאַרף מען זיך אוועקשטעלן הינטער דער טיר. אַנדערע מיינען, אַז דאָס גלייכסטע איז זיך אַוועקצושטעלן אינמיטן הויף, אַז טאָמער פאַלן וועגט, זאָל מען זיין ווייטער פון די חורבות. אייניקע שטעלן זיך אוועק אין טויער... אָבער נאָך יעדן קנאַל, ווען ס׳האָבן זיך געגנ־מען שיטן די שויבן פון די פענצטער און אין דער לופט האָבן געגומען פליען שטיקער פונעם דאַך און איבערן קאָפּ איז מיט אַ שיפּעריי אַדורך. ווי אַ מעטעאָר אַ שטיק פייער — איז אַלץ אין שרעק געלאָפן אין קעלער אַריין.

אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען איך האָב מיך געפונען, לויט דער דער־מאָנטער טעאָריע, אינמיטן הויף, — איז טאַקע איבער מיין קאָפּ מיט אַ שיפּעריי אדורכגעפלויגן אַ שטיק פייער. פון לופט־דרוק, צי פון עפּעס אַנדערש האָט עס מיך אַ שליידער געטאָן... ווי אַזוי כ׳האָב זיך געפונען אין קעלער, געדענק איך נישט, נאָר כ׳געדענק, אַז אַ ייד איז געשטאַנען נעבן מיר אין אַ טלית און תפילין און האָט געדאַוונט.

פאַרטאָג איז שטיל געוואָרן. גלייך מיטן אויפגיין פון טאָג איז אויס־געלאָשן געוואָרן דער צאָרן, וואָס האָט געהערשט די גאַנצע נאַכט.

מיר רוקן זיך פּאַוואָליע אַרויס פונעם קעלער. אַ חורבן אין הויף, שפּליטער פון אויסגעהאַקטע שויבן, שטוקאַטור פון די ווענט, שטיקער דאַך, אָבער עס שטייען אַלע פיר ווענט. אין דרויסן, אויף דער גאַס זעט עס אויס פיל ערגער. איבער דער גאַנצער לענג פון פּ. א. וו. שטייען צעשע־דיקטע הייזער, וואָס קוקן אויף אונדז מיט לעכער פון ווענט, לעכער פון געוועזענע טירן און פענצטער, עס הענגען אַרויס ווי געדערים דאָס אינע־ווייניקסטע פון די געוועזענע היימען — אויף דער גאַס, די טראָטואַרן פול מיט גלאָז, ציגל, האָלץ. אַ שראַפּנעל איז אַריין אין הויז פּ. א. וו. נומער 4, אין הויז פּ. א. וו. נומער 8, און אונדזער הויז פּ. א. וו. 6 — איז גע־בליבן שטיין גאַנץ — וואָס עס הייסט מלחמה־נס.

נאָך דער קאַטאַסטראָפאַלער נאַכט ליגט מען ווי געשלאָגענע הינט און מען וואַרט. מען וואַרט ווידער: וואָס וועט איצטער קומען?

און עס קומט.

עס זענען אריינגעקומען די דייטשן. דאָס איז געווען פרייטיק דעם 8טן סעפּטעמבער. פּונקט צו די אַכט טעג.

עס האָבן געוואַרט אויף זיי, אויף פּלאַץ-וואָלנאָשטשי (פרייהייטס־פּלאַץ) מיט ברויט און זאַלץ אונדזערע היימישע דייטשן, און אויפדערנאַכט אויפגענומען מיט אַ באַל, מיט פייערווערק, מיט מוזיק און טענץ.

מיר זענען געלעגן אין אונדזערע פינצטערע לעכער, דערשלאָגן אין פאַרגעפיל פון ווייטערן אומגליק און פּיין.

**
*

באַלד ווי זיי זענען אריינגעקומען, האָט זיך אָנגעהויבן דער נאַצי־שער פּאָגראָם. אָבער נישט מיטאַמאָל, נאָר מיט אַ סדר, סיסטעמאַטיש, מיט איין וואָרט — דייטשיש.

קודם־כל האָט מען געדאַרפט געווינען די סימפּאַטיע פון דער פּוי־לישער מאַסע. צו פריש איז נאָך געווען דאָס געפיל, דער אויפברויז פון פּאַטריאָטיזם ביי די פּאָליאַקן. האָט מען זיי געגומען געווינען אויפן חשבון פון יידישע פּיין און דערנידערונג. מען האָט באַפוילן צו עפענען די מאַ־גאַזינען, געשעפטן, און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז יידיש האָב און גוטס איז פריי, הפקר, עס מעג נעמען, ווער עס וויל. זענען געקומען כוליגאַנעס און גענומען, ווער וואָס עס האָט געוואָלט. גערויבט האָבן לעת־עתה נישט די דייטשן. די דייטשן האָבן געכאַפּט אויף אַרבעט. מען כאַפּט אויף די גאַסן, מען דאַרף רייניקן די קאַזאַרמעס, וואַקזאַלן. דאָס איז נאָך נישט קיין בייז. בייז איז נאָר דער אופן ווי מען טוט עס: מען כאַפּט דעם מענטש ווי אַ הונט און מען שליידערט אים אריין אין אַ לאַסט־אויטאָ, און מען פירט אים אוועק. צוערשט האָט מען פון דער אַרבעט צוריק־געשיקט און שפּעטער האָט מען אפילו נישט געוווסט וווהין מען האָט די פאַרכאַפּטע אויף דער גאַס פאַרשלעפּט. די קהילה האָט זיך גע־ווענדט צו דער דייטשער קאָמענדאַנטור מיט אַ פּאָרשלאַג, אַז זי וועט צושטעלן יעדן טאָג אַזוי פיל אַרבעטער, וויפל די קאָמענדאַנטור וועט אָנווייזן, אַז עס איז נויטיק צו דער אַרבעט, כדי מען זאָל נישט שלעפּן די מענטשן פון דער גאַס. זאָל יעדער וואָס ווייסט, אַז ער איז היינט נישט

באַשטימט צו אַרבעט, זיך פּילן זיכער, אַז מען וועט אים אויף דער גאַס נישט כאַפּן. די קאָמענדאַנטור האָט דעם פאָרשלאַג נישט אָנגענומען, עס איז טאַקע געגאַנגען אין אופן פון נעמען די יידן פון דער גאַס, אין דעם חוזק מאַכן פון זיי און דערמיט איבערצייגן דעם פּוילישן פּלעבס אין דער מינדערוויכטיקייט פונעם יידן און אפשר זיי אויך דערמאָנען, אַז מיט זיי באַגייט מען זיך נישט אַזוי, כאָטש מען וואָלט געקאָנט מיט זיי זיך אויך אַזוי באַגיין.

חוזק, און נאָך עפּעס ערגערס האָבן מיינע אויגן געזען.

איך גיי דורך דער ווסכאָדניא (פּילסודסקיעגאָ — דאָס איז די גאַס, וווּ מאַרשאַל פּילסודסקי האָט געוווינט אין די צאַרישע צייטן און אומ־לעגאַל אַרויסגעגעבן די ערשטע פּ.פּ.ס.־צייטונג, דעם „ראָבאָטניק") און שטוים זיך אָן אויף אַזאַ בילד:

מען פירט אַ ייד, עס רינגלט אים אַרום אַן עולם פון פּוילישן פּלעבס. מען לאַכט, מען וויצלט זיך. דער ייד איז אין בלויזע אונטערוועש, איבערן העמד איז אַריבערגעוואָרפן אַ טלית קטן און עס הענגען אַראָפּ די ציצית, פאַרבלוטיקט דאָס העמד מיטן טלית קטן, באַרוועס די פיס, אַנטבלויזט דער קאָפּ, דאָס פּנים פאַרגעלט ווי דער טויט, די אויגן צעטומלט, אַ וויל־דער בליק, אָבער נישט חסר דעה, נאָר ווי אַ פאַריאָגטע, פאַרפּייניקטע חיה. די כוליגאַנעס צופּן, רייסן אים פון אַלע זייטן. אינמיטן שטעלט מען זיך אָפּ, מען מאַכט פּלאַץ, און אַ דייטשער זעלנער מיט אַ שפּיצרוט קנאַקט און באַפעלט:

„טאַנצן!"

דער המון קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער. דאָס שרעקלעכסטע וואָס איך לעב איבער — די הילפלאָזיקייט. וואָס טוט מען אין דעם פאַל? אַריינמישן זיך אין דעם עסק? דער ערשטער אימפּולס איז געווען: נישט דערלאָזן! אָבער וואָס טוט מען? זיך אָנרופן הייסט טיילן דעם גורל פון דעם אומגליקלעכן, כ'קאָן אים מיט גאָרנישט העלפן.

כ'לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ און גיי ווייטער.

און עס ברענט, עס בראָט דער געדאַנק: ווי אַזוי גייט מען אַדורך

נעבן אזא אומגליק און מען שווייגט? כ'האָב געדאַרפט עפּעס טאָן — וואַרף איך מיר פאָר, — אָבער וואָס? ווי אַזוי?

***

א געשטייגערטן אינטערעס רופן איצט אַרויס די ראַדיאָ־אווידיציעס. מען כאַפּט וואַרשע און פון דאָרטן גיט מען איבער דורכן ראַדיאָ גריסן פון די, וועלכע עס איז געלונגען אַנצוקומען קיין וואַרשע. מען זיצט שעהן לאַנג און מען הערט אויס אַ גאַנצע ריי נעמען — דער און דער שיקט איבער אַ גרוס דער פאַמיליע זיינער און מען וואַרט — אפשר וועט מען באַלד דערהערן דעם נאָמען פון אַן אייגענעם, פון אַ נאָענטן מענטש.

דורך דעם ראַדיאָ כאַפּן מיר שוין אויך אויף באַריכטן פונעם פראָנט. אַלע אונדזערע פאַרשטעלונגען וועגן פראָנט ווערן איינגיכן צעמישט. עפּעס אין געוויסע פונקטן, דאַכט זיך דאָ נישט ווייט פון אונדז, אין לעוויטש, אין קוטנע, שלאָגט מען זיך נאָך, אָבער שוין וואַרשע אַליין איז אין איין ציטערניש. דאַכט זיך, אַז אויך נעבן וואַרשע, עפּעס אָפּגעריסענע באַזונדערע פונקטן. ווי־זשע וועט זיין דער פראָנט, ווי אַזוי וועט מען אויסגלייכן די פראָנט־ליניע?

אַרום וואַרשע וועט מען וואַרשיינלעך אָרגאַניזירן דעם ריכטיקן ווידערשטאַנד. מען וויל וואַרשיינלעך אויפהאַלטן דעם שונא, נישט געבן די ריכטיקע שלאַכט, ביז עס וועט נישט אונטערקומען הילף — אַלע די זעלבע האָפענונג: פראַנקרייך, ענגלאַנד.

אָבער וואָס זענען דאָס פאַר אווידיציעס פון מאָסקווע?

מיר הייבן נישט אָן צו פאַרשטיין דעם טאָן פון די אווידיציעס. עפּעס אַזוי פיינטלעך קעגן פוילן. אונדזער פּראָסטער שכל האָט דיקטירט, אַז אין אַ מלחמה מיט נאַצי־דייטשלאַנד קאָן דער סאָוועטן־פאַרבאַנד נישט זיין אויף דער זייט פון די דייטשן. און דאָ הערט מען: „די קאַפּיטאַליזע פוילישע רעגירונג, די פאַרברעכערישע פוילישע רעגירונג"... און איינמאָל מיט אַ מין, ווי מען רופט דאָס אָן „שאַדענפרוידע" — אַ מעלדונג:

די פוילישע רעגירונג האָט פאַרלאָזט פוילן און געפינט זיך אויפן וועג קיין רומעניע...

ווידער ווארשע — אונדזער האָפענונג: די פאַרטיידיקונג פון וואַר-שע האָט איבערגענומען די ווארשעווער ארבעטערשאַפט. טאָג און נאַכט כאַפּן מיר די הייזעריקע שטימע פון דעם שטאָט-פּרעזידענט סטעפאַן סטאַזשינסקי: זיך האלטן, זיך האלטן פאַר יעדן פּרייז!

מיר פארטייטשן עס: זיך האַלטן, — ווייל עס קומט הילף. פראַנק-רייך, ענגלאַנד...

דער גלויבן, אַז מען שטייט נישט אין קאַמף אַליין, איז אַזוי פעסט, אַז מען זוכט אין הימל, און עמעצער דערזעט אפילו ענגלישע אָדער פראַנ-צויזישע עראָפּלאַנען...

און נאָך אַ ליכטיקער פּונקט: דאָס ווייטע וועסטערפּלאַטע, אַ פּונקט אין ווייטן ים, האַלט זיך העלדיש... מען וואַרט, מען האָפט, ווייל מען וויל האָפן, אַז אָט וועט קומען פון ערגעץ די הילף, די אויסלייזונג...

***

שוין פון די ערשטע טעג אָן האָבן די דייטשן אָנגעהויבן ארויסצופירן דאָס גאַנצע האָב און גוטס פון די יידישע אינסטיטוציעס און פון די פּרי-וואַטע פּערזאָנען, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. גרויסע לאַסט-אויטאָס זענען געשטאַנען אויף דער גאַס. מען האָט געכאַפּט די יידן און זיי גע-צוווּנגען ארויסטראָגן און אָנלאָדן אויף די אויטאָס מעבל, קילימעס, ראַדיאָ-אַפּאַראַטן, קרישטאַל, ביכער, סחורות, קליידער, פעלצן, ארויס-געפירט פון פאבריקן סחורות, מאַשינען א.ד.גל. אין דער „רעפּובליקאַ" (אַ יידיש-פּוילישע צייטונג) האָט זיך באַלד אריינגעזעצט אַ דייטשע זשורנאַליסטן-גרופּע (היימישע) און גענומען דרוקן זייער דייטשע אויס-גאַבע. פון די איבעריקע פאַרלאַגן האָט מען ארויסגענומען דאָס פּאַפּיר, די מאַשינען.

מען איז אויך געקומען צו אונדז, אין „נייעם פאָלקסבלאַט", דערוויייל נאָר אַ קוק געבן און זיך פאַרצייכענען, וויפל עס איז פאַראַן פּאַפּיר, באַ-קוקט די ראָטאַציע-מאַשין, דעם לינאָטיפּ, דעם זאַץ, א.ד.גל. זיך אַלץ פאַרצייכנט און אין איין וועגס געפרעגט אויף די רעדאַקטאָרן. דער וועכ-טער האָט געוווּסט מיין אדרעס און אים אָנגעגעבן. די איבעריקע האָט ער

געוואוסט זענען אוועק. איצט איז שוין געווען נישט ראטזאם אפילו צו בלייבן אויפן אָרט. כ'האָב געמוזט בייטן דעם אדרעס, און כ'האָב זיך איבערגעצויגן צו מיין שוועגערן גענניא פוקס, אויף וואָלטשאנסקא 65. איר מאַן, ד"ר לעאָן פוקס, איז מאָביליזירט געוואָרן פון אָנהייב מלחמה, און זי איז געבליבן מיט איר קינד, מיסיא, א מיידעלע פון 5 יאָר אליין אין א גרויסער דירה. און מיט מיר איז אריבער צו גענניען אויך מיין חברטע צעשיא הירשפעלד.

צעשיא הירשפעלד, א מיידל פון פּזשעמישל, זי איז געווען לייטערין פון א פאַך-שולע אין לאָדזש. ערב דעם אויסברוך פון דער מלחמה איז זי געקומען עפּענען נאָך די זומער-פעריעס די שול. זי האָט זיך נאָך נישט באוויזן איינצואָרדנען אויפן ווינטער און איז דערווייל געווען ביי מיר צו גאַסט. ס'האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און צעשקע איז פארבליבן מיט מיר. און אזוי זענען מיר שוין געגאַנגען ווי א פאָדעם נאָך א נאָדל, וווּ איינע, דאָרט די צווייטע.

***

די דייטשן ברענגען אָן קיין לאָדזש געבאַפּטע אונטערוועגס, וועלכע זענען אַרוים אין דער נאַכט פון 5טן אויפן 6טן און האָבן נישט באַוויזן באַצייטנס צוריקצוקומען און נישט אדורכגעריסן זיך ווייטער קיין וואַרשע. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז די פארכאַפּטע געפינען זיך אין ראָזענבלאַטס פאבריק אויף קאַראָלא גאַס. מען גיט איבער שוידערלעכע פּרטים וועגן זייער צושטאַנד. לעבעדיקע מתים. עפּעס דורך א ספּעציעלער שתדלנות האָט מען אויסגעפּועלט, מען זאָל צולאָזן צו די אומגליקלעכע עפּעס עסן. ביי דער פאָרזיצערין פון לאָדזשער „וויזא", פרוי דר. מלכה רעזניק, האָט מען אויף דער גיך צוזאַמענגערופן עטלעכע פרויען און באַלד אויפן אָרט צוזאַמענגעבראַכט פּראָדוקטן און אָפּגעקאָכט א מיטאָג. מיר האָבן אויך ערגעץ ארויסגעקריגן ברויט דערצו און זיך געלאָזט מיט די קעסלעך און קוישן אויף קאַראָלא. איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פארגעסן און עס איז נישט צום איבערגעבן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דעמאָלט אין דער פאבריק. מען האָט אונדז אריינגעלאָזט, די מענטשן

האבן שוין געוווסט, אז מען ברענגט זיי עפּעס עסן. די אויסגעהונגערטע האָבן זיך א לאָז געטאָן צו אונדז, נישט געלאָזט צעטיילן, געריסן פון די הענט דאָס ברויט, דאָס פלייש. מיר זענען ארויסגעקומען מיט צעדראַ־פּעטע הענט פון דאָרטן. עס איז געווען שווידערלעך, שרעקלעך, און עפּעס נאַריש אונדזוער לאַגע, ווייל אָט האָבן מיר געבראַכט עמערס מיט זופּ און ווי אזוי האָבן די מענטשן עס געקאָנט באַקומען? קיין לעפל, שיסל האָבן מיר נישט געבראַכט. מען האָט געריסן די עמערס איינער דעם אַנדערן פון די הענט, געזופּט פון די עמערס, געשעפּט מיט די הענט... עפּעס אזעלכעס האָבן מיר זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן. דאָס האָט שוין אויסגעוויזן, ווי א פאָרשפּיל פון די שפּעטערדיקע טויט-לאַגערן. מענטשן האַלב־נאַקעטע, אויסגעמאַטערטע, אויסגעהונגערטע, דערפירט ביז פאַר־צווייפלונג, ביז צו א צושטאַנד פון הונגעריקע חיות.

***

די ראַדיאָ סטאַציע „ראשין” איז שוין אין דייטשע הענט. פון דאָרט הערן מיר שוין נאָר אומגליק-גריסן. די דייטשן זענען אומעטום. מיר הערן שוין נאָר דראָאונגען און באַפעל, ווארשע זאָל קאַפּיטולירן, אָדער מען וועט די שטאָט פארוואנדלען אין אש און שטויב...

אָבער ווארשע האַלט זיך נאָך. מיר כאַפּן עפּעס אויף א צוויימער כוואַליע סטאַזשינסקיס הייזעריקן קול... שווער די לאַגע, אָבער אויס־דויערן, אויסדויערן... מיר הערן וועגן הונגער, וועגן דורשט אין דער באַ־לאַגערטער שטאָט, טויט און העלדישקייט... ווארשע האַלט זיך נאָך, הייסט עס, אז זיי דאָרט וואַרטן אויך אויף עפּעס — הילף! הילף! וועט ווירקלעך קיינער צו הילף נישט קומען?

און דעם 7טן סעפּטעמבער כאַפּן מיר איבער פון עפּעס א קיעווער ראַדיאָ-סטאַציע:

— די רויטע ארמיי איז אריבער די פּוילישע גרענעץ און פארנומען א רייע אָרטשאַפטן.

א נייער דונער פונעם פינצטערן הימל. מיר האָבן עס דעמאָלט פאַר־שטאַנען, ווי א מעסער אין פּלייצע אריין. מיר האָבן געוואַרט אויף הילף,

געוואָלט אז זי זאָל קומען און געגלויבט, אז זי וועט קומען; און דאָ האָט עס אויסגעזען, ווי צוגעקלאפט... מיר האָבן פלוצים דערזען, פלוצים דער־פילט די גרויס פון דער קאטאסטראָפע.

***

און דאָ אויפן אָרט איז שלעכט און ספעציעל שלעכט איז אונדז יידן. וואָס אמאָל ביטערער. עס האָט זיך א שיט געטאָן א האָגל מיט פאראָרדע־נונגען ספעציעל קעגן יידן: נישט קויפן, נישט פארקויפן, אָפּגעבן ווערט־זאכן, פאפירן. ביז 2000 זל. מעג באטרעפן דאָס פארמעגן פון א ייד. און מען כאפט אלעמאָל מענטשן און מען ווייסט נישט וואָס עס איז מיט זיי געוואָרן.

מיר זיצן ביי געניען אין שטוב און האָבן מורא ארויסצוגיין אין גאס. מיט יעדן ארויסגיין ברענגט מען צוריק ידיעות וועגן פרישע און גרעסערע צרות, אומגליק און פארצווייפלונג.

און איינמאָל טרעף איך ווידער אָן אין גאס אויף אזא מין בילד:

עס פאָרט א לאסט־אויטאָ און צוויי דייטשן מיט ביקסן שטייען אויף אים. יעדן פארבייגייענדיקן ייד שטעלן זיי אָפּ:

— יודע קאָם הער!

גייט ער אזוי גיך נישט צו, איז זיך איינער פון זיי, פון די דייטשן, מטריח, שפרינגט אראָפּ, כאפט דעם ייד פארן קאָלנער און ווארפט אים אריין אין אויטאָ. דער צווייטער איז אים מכבד מיט דער קאלבע פון דער ביקס איבערן קאָפּ און לייגט אים אוועק דאָרט פון אונטן.

נאָר אָט טרעפן זיי אויפן וועג מער נישט קיין יידן. עס זעט אויס, אז מען האָט שוין באמערקט און פון ווייטנס אָנגעזאָגט, אז דאָ ארום דארף מען נישט גיין, אז מען כאפט... פאַרן די דייטשן אָפּ א שטיקל וועג און עס קומט זיי קיינער נישט אקעגן. פאלן זיי אויף א שכל: ווידער שפרינגט איינער אראָפּ, לויפט אריין אין נאָענטסטן קעלער שטיבל. דאָרט זיצט א שוסטער און ארבעט. דער דייטש שלעפּט אים אראָפּ פונעם שוס־טער־בענקעלע און שלעפט אים און שטויסט אים און שטופט אים צום אויטאָ; און ביים אויטאָ טוט ער אים ביים קאָלנער א הייב אויף און א שליידער אריין אין אויטאָ, פונקט ווי א הינטשלעגער א הונט.

דער שוסטער איז מיינער אַ באַקאַנטער, דאָס איז אַ באַוווסטזיניקער אַרבעטער, איך פּלעג אים זען אויף פאַרזאַמלונגען, מיטינגען. זיינע צוויי יינגלעך, איצט שוין גרויסע, איינער אַן עלעקטראָ-מאָנטער, דער צווייטער, אַ סטודענט שוין — געוועזענע שילער פון אונדזער שול...

דער מענטש איז טויט בלאַס. דער דייטש שטעלט אָן אויף אים די ביקס; אָט וועט ער אים דערשיסן! איך פאַרמאַך אינסטינקטיוו די אויגן, איך פיל, אַז דאָס האַרץ שטעלט זיך מיר אָפּ. אָבער ניין, ער האָט נישט געשאָסן, דער דייטש, ער האָט אויך אים נאָר מכבד געווען מיט דער קאָלבע איבערן קאָפּ און אים שטיל-געלייגט. זיי פאָרן ווייטער און ביי דער צווייטער שטוב חזרט זיך ווידער איבער דאָס זעלבע, אַ צווייטער קרבן... וואָס טוט מען? ווי לעבט מען? עס ווערט מיר דאָ ענג די וועלט. מען דאַרף לויפן, לויפן, וווּ די אויגן טראָגן. אָבער וווהין? ווי אַזוי?

קיין ווילנע, מיט ווילנע פאַרבינדן מיך אַזוי פיל פעדים!

אָבער אין דער היים האָבן יענע צוויי פון אונדז דריי שוין באַשלאָסן עפּעס אַנדערש. צעשאַ וויל פאָרן צו אירע עלטערן קיין פּזשעמישל און איך זאָל מיטפאָרן מיט איר.

דאָס איז שוין נישט אין דער פרעמד, אויף היימלאָזיקייט, נאָר אין אַ היים אַריין, צו איר אַ היים.ביידע, טענהט צעשקע, וועלן מיר אפשר אויך אין וועג זיך גיכער אַן עצה געבן.

בלייבט עס דערביי. מיר קלייבן זיך צו דער צו אונדז נעענטער געוואָרענער רוסישער גרעניץ, ווייל פּזשעמישל איז איצט די גרעניץ צווישן דייטשן און סאָוועטישן געביט.

מיר קלייבן זיך אין וועג אַריין, נאָר איך בין מיט זיך נאָך נישט אינגאַנצן פאַרטיק.

אַוועקגיין און איבערלאָזן אַלע נאָענטע און אַלדינג, און אפשר, אפשר וועט זיך נאָך עפּעס דאָ ענדערן. עס איז באַקאַנט פון דור-דורות, אַז ווען אַ שונא באַזעצט אַ שטאָט, לאָזן זיך די „זשאַלדראַקעס" פון אָנהייב ווילגיין, אָבער שפּעטער לעבן זיי זיך אויך איין, און אחוץ דעם: אייביק וועלן זיי דאָך דאָ נישט בלייבן!...

עס גלוסט זיך מיר נישט אַוועקצוגיין און איך זוך אַ תירוץ...

דארף מען זיך נאָך אָן עצה האלטן מיט א מענטש, וועלכער קאָן מיר געבן א ריכטיקע עצה, און דער מענטש איז רומקאָווסקי. ער איז געווען אונדזערער, לייזערס און מיינער א גוטער פריינד פון די יונגע יאָרן אונדזערע. זיין שוועסטער ראָזא רומקאָווסקי איז געווען אונדזערע א מיטשילערין. מיר פלעגן אריינקומען צו אים אין שטוב, ווייל ראָזא האָט געוווינט ביי אים, און שפעטער, ווען ראָזא איז אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע, איז נאָך פארבליבן די ווארעמקייט פון די קינדערישע דעראינערונגען, פארבונדן מיט דער שטוב מיט געבורטסטאָג־פייערן, מיט עקזאמענס א. ד. גל. איצט איז רומקאָווסקי פרעזעס פון דער קהילה, האָט צו טאָן מיט די אזוי גערופענע „העברע" דייטשן, ווייסט ער מסתמא ווי עס זעט אויס, צי איז דאָ אויף וואָס צו האָפן, צי קאָן ווערן בעסער.

ער איז נאָך דעמאָלט נישט געווען „דער עלטעסטער דער יודען אין ליצמאנשטאט". זיין טרויעריקע בארימטקייט אלס „עלטעסטער" האָט ער זיך דערוואָרבן שפעטער.

זיין א פאָרשטייער פון יידן ביי דייטשן איז נישט געווען קיין פארגעניגן. מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן, וואָס עס קאָן איינפאלן אין קאָפ אריין א משוגענעם קאָמענדאנט, אָדער אן אנדערן משוגענעם דייטש, מיט וועלכן רומקאָווסקי, אלס פאָרשטייער פון די יידן, האָט געדארפט צו האָבן צו טאָן. האָט מען אין לאָדזש דערציילט, עס איז געגאנגען פון מויל צו מויל, ווי רומקאָווסקי האָט איינמאָל אָפגעענטפערט א דייטש:

— וואָס קאָנט איר מיר שוין טאָן? איך בין 70 יאָר אלט, מיינס האָב איך שוין אויסגעלעבט.

אין אונדזערע אויגן האָט עס דעמאָלט אויסגעזען, ווי א מענטש וואָס ברענגט א קרבן, שטעלט זיך ארויס על קדוש השם.

די דאָזיקע פאָרשטעלונג וועגן אים האָט זיך נאָך באפעסטיקט שפעטער, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט — און דאָס איז שוין געווען דווקא, ווען ער איז שוין געווען „עלטעסטער" — אז מ'האָט פארהאלטן דעם סעקרעטאר פון דער קהילה. רומקאָווסקי איז געגאנגען צו די דייטשן אינטערווענירן. יענע זענען געווען אין „גוטן הומאָר"; האָבן זיי געכאפט דעם גרייז־גרויען, מיט דעם זילבער־קאָפ „עלטעסטן דער יודען" און אזוי ווי ער איז געגאנגען

און געשטאַנען איז אים אריינגעוואָרפן אין אַ וואַנע וואסער און נאָכדעם מיט שפּאָט און שטורכאַנצעס ארויסגעשטופּט. מען האָט וועגן דעם נישט גע־רעדט, כדי נישט צו דעספּרעסטיזשירן דעם „עלטעסטן".

האָבן זיי אים שוין יאָ עפּעס געקאָנט טאָן, די דייטשן, און ער האָט דאָס געוווסט.

ווייל אָט, ווען איך בין צו אים געקומען זיך בּאראטן, צי איך זאָל יאָ אָדער נישט פאַרלאָזן די שטאָט, האָט ער מיר געזאָגט — כ'געדענק עס גוט, ווייל כ'האָב דאָס נישט איינמאָל איבערגעחזרט:

„איר קאָנט גיין — גייט! נישטאָ אויף וואָס צו וואַרטן, אבי ווייטער פון דאַנעט, ס'איז שלעכט!"

אין דער שפּעטערדיקער עפּאָכע איז רומקאָווסקים :אָמען פאַרבונדן געוואָרן מיט די שרעקלעכסטע ליידן פון די יידן אין לאָדזש.

איך בין אין די געטאָ־צייטן שוין אין לאָדזש נישט געווען און איך קען דעריבער נישט ארויסטראָגן קיין שום אורטייל איבער אים.

רומקאָווסקים טעטיקייט אין געטאָ געהערט צום משפּט פון דער גע־שיכטע.

II

קיין פּשעמישל

מיט א פּאָר טעג שפּעטער ווערט שוין קלאָר, אז עס איז נישטאָ דאָ אויף וואָס צו ווארטן. מען שלעפּט ארוים די בעסטע מענטשן אונדזערע און מען ווייסט נישט ווו זיי זענען אהינגעקומען.

די דייטשן האָבן „הומאָר". מען כאַפּט די יידן מיט בערד און מען צווינגט זיי מיט די בערד צו קערן די טרעפּ אין גראנד־האָטעל. עפּעס גרייט מען זיך אויפצונעמען א גרויסע פּערזענלעכקייט דאָ. רייניקט מען דעם האָטעל און מיט „הומאָר"...

מען דארף פארשיטן די שוץ־גריבער, וועלכע מען האָט אויסגעגראָבן ערב דעם אויסברוך פון קריג אויף די אָפענע פּלעצער, אין די פּארקן און גערטנער. און ווידער כאַפּט מען דערצו יידן. אָבער פארשיטן די גריבער דארף מען מיט די בלויזע הענט. דער גאָלדענער הארבסט האָט זיך שוין אָבער געענדיקט, איצט זענען רעגנס און בלאָטעס.

עס קומט אריין צו אונדז יאניע שולמאַן. די גאַנצע שטאָט האָט גע־קאָנט זיין מאַט־טונקל פּנים מיטן שווארצן „כריסטוס"־בערדל. אָן דעם בערדל האָב איך אים איצט קוים דערקענט. ער זאָגט, אז ער האָט די באָרד אליין אָפּגעשוירן. ער זאָגט דאָס אין אזא טאָן, אז מיר ווייסן ווי אזוי דאָס

האָט פּאַסירט. מיר ווייסן אויך, אַז אינדערפרי האָט מען אים געכאַפּט צו דער אַרבעט און עס האָט געקאָסט פיל מי, ביז מען האָט אים אַרויס־געשלעפּט.

גרייטן מיר זיך, אַלזאָ, אין וועג אַריין: אַבי ווייטער פון דאַנעט.

די ערשטע פּאָר וואָכן פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז גאַנץ פּוילן, די גאַנצע באַפעלקערונג, געווען אונטערוועגנס. אַלע סטעזשקעס אויף די פעלדער, וועגן, שאָסייען באַנען זענען געווען פול מיט מענטשן. מענטשן זענען געגאַנגען אַהין און צוריק. ווער עס האָט זיך צוריקגעקערט צו דער פאַרלאָזטער היים, ווער עס איז געגאַנגען פון דער היים צו פרעמדע גרע־ניצן. עס זענען געגאַנגען און געפאָרן דעמאָביליזירטע, וועלכע האָבן שכל געהאַט באַצייטנס אַליין זיך צו דעמאָביליזירן און אַראָפּוואַרפן די מילי־טערישע קליידער. עס זענען אויך געגאַנגען און געפאָרן זעלנער אין די זעלנערישע אוניפאָרמען. מען איז געגאַנגען, ווי געזאָגט, אין פאַרשידענע ריכטונגען. די דייטשן אין וועג — איז געווען גלייכער אויסצומיידן. האָט מען זיך אָבער אומגעריכט אָנגעשטויסן אויף זיי, האָט מען געקאָנט באַ־מערקן, אַז זיי ווייסן אַליין נישט וואָס פאַרא פּאַסירשיינען זיי דאַרפן פאָ־דערן, וועמען אַדורכלאָזן און וועמען פאַרהאַלטן. איין זאַך נאָר האָבן זיי געוווּסט באַשטימט: אַ ייד האָבן זיי נישט אַדורכגעלאָזט; אַ ייד באַש־טימט נישט. איז אונדזער וועג געווען פול מיט שרעק און מורא, נישט אָנ־צוטרעפן אויף אַזעלכע דייטשן, וואָס ווילן אונדז ווילן לעגיטימירן, אָדער אויף דייטשן מיט „הומאָר”. און עס איז שוין שפּעט האַרבסט, און דער וועג איז נאַס און בלאָטיק. און עס געדענקט זיך אַ נאַסער, ליימיקער וועג אונטער אַ רעגן, און אַ בלאָטיק פעלד און אויפן פעלד נישט אַראָפּגענו־מענע ריבן, וועלכע מיר האָבן געקליבן און געגעסן און נאָכדעם אַ גויאישע כאַטע און מענטשן אין דער כאַטע אויסגעלייגט צום שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע ווי שאָף. נישטאָ ווו אַ פוס אוועקצושטעלן. און די באַלעבאָסטע טרעט אונדז אָפּ איר בעט, עפּעס איז איר אין אונדז געפעלן.

צו דער רוסישער גרענעץ גנבעט זיך צוזאַמען מיט אונדז אַ געוועזע־נער פּוילישער פּאָליציאַנט פון דאַנציג. ער האָט מיט זיך אַ שווערן טשע־מאָדאַן, איז אים דער וועג ספּעציעל שווער. ער האַלט אין איין רעדן וועגן

זיין גוט־פריינשאפט צו יידן. די גרעניץ, צו וועלכער ער גייט איצט, איז ביי אים קיין גרעניץ נישט. ער גייט א היים. ער איז א לעמבערגער געבוי־רענער. דאָרט וווינען זיינע עלטערן. עס וואַרט אויף אים די מאמע. ער איז געשיקט געוואָרן פון לעמבערג קיין דאנציג אין א פּאָליציייאישער שולע, ער האָט די שולע דאָרט פארענדיקט און איז פארבליבן דאָרט אין עפּעס אַן אמט. איצט גייט ער אהיים. אָבער פּלוצים איז אינמיטן אויפ־געשטעלט געוואָרן א גרעניץ. גייט ער צו דער גרעניץ מיט א הארצקלאַ־פּעניש, עס איז אים שווער דער באגאזש און עפּעס ווייזט זיך אים אויס, אז אין וועג דארף ער זיך חברן מיט יידן: טשעפּעט ער זיך אָן אין עפּעס א ייד, וואָס גייט כמעט אָן באגאזש. ער שמייכלט זיך אויך עפּעס צו אונדז, און זאָגט אונדז איינמאָל אין דער שטיל:

— איר זעט דאָרט דעם זשידעק (יידל)? ער האָט מיט זיך כמעט קיין באגאזש נישט; גייט לייכט — אַן אָרימאן, קאָן זיך אויסווייזן, ער האָט מיט זיך נאָר איין און איינציקע וואטענע קאָלדרע, צום צודעקן זיך, אָדער אונטערלייגן צום שלאָפן, אָבער פאר די בריליאנטן, וועלכע זענען אריינ־גענייט אין דער דאָזיקער קאָלדרע קאָן מען אָפּקויפן א האלבע שטאָט...

מיר באמיען זיך צו האלטן זיך פון ווייטנס פון ביידע, די דאָזיקע אונדזערע מיטגייערס.

**
*

פון די שטאַרקסטע איינדרוקן אין וועג:

אין זשעשאָוו דערוויסן מיר זיך, אז עס איז פאראן א צוג, וואָס גייט באלד אָפּ קיין יאראָסלאוו און אז מען קען מיט דעם דאָזיקן צוג מיטפאָרן.

מיר לויפן צום וואָקזאל: אמת, עס שטייט א צוג שוין מיט א לאָקאָ־מאָטיוו אונטער פארע. ד. ה. באלד צום אוועקגיין. די וואגאָנעס שוין אי־בערפולט, און הויך דער אריינגאנג. ווי שפּרינגט מען ארויף אויף א לאסט־וואגאָן? קיין לייטערל אויף ארויפצוגיין האָט אונדז קיינער נישט צו־געגרייט. מיר לויפן אין דער לענג פונעם צוג, מיר קענען זיך נישט אריינ־באקומען. עמעצער (דאָך פאראן גוטע מענטשן) דערלאנגט אונדז א האנט און מען שלעפּט אונדז ארויף. א „טיעפּלושקע" מיט אַן אייזערן אויוועלע

אינמיטן, וואָס הייצט זיך; ביי די זייטן אביסל שטרוי אונטערגעלייגט, עס זאָל זיין צום זיצן און צום שלאָפן. אַ גן־עדן—נאָך אַ לאַנגן שווערן און נאַסן צופוס־גיין.

דער צוג האָט שוין געהאַלטן ביים רירן, שפּרינגט פּלוצים אַריין אין וואַגאָן אַ ס.ס.־מאַן:

— „יודען ר־ראַאוס!"

עס רירט זיך קיינער נישט פון אָרט.

זעט דאָס דער דייטש און ער וואָרנט: דער צוג רירט באַלד, ער וועט קאָנטראָלירן די דאָקומענטן און וועט ער געפינען אַ ייד, וועט ער אים אַרויסוואַרפן פון צוג אין מיטן גאַנג.

מען האָט אים געקאָנט גלויבן, דעם דייטש, אַז אַזוי וועט ער טאָן.

וואָס טוט מען? אין פּאַס בין איך פאַרשריבן מיט מיין אמתן יידישן נאָמען. זיך אויפהייבן און גיין ווידער אין דער נעץ און אין דער קעלט אַריין? כ'בין אַזוי מיד, כ'פּיל זיך נישט בכח ווידער אַרום אין דער נאַכט, אין פעלד. זאָל זיין וואָס עס וויל, איך בלייב זיצן אויפן אָרט. און אַ חוץ דעם: זיך אויפהייבן און גיין הייסט באַלד זיך לעגיטימירן אַלס יידיש קינד און ווי אַזוי וועט דער דייטש דערויף רעאַגירן? קען מען פאָראויסזען, וואָס עס קען איינפאַלן אין אַזאַ מאָמענט אַ דייטשן ס.ס.־מאַן?

דער דייטש הייבט אָן קאָנטראָלירן די דאָקומענטן. מיר זיצן אין ווייטן ווינקל און עס גליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן. און נאָך אַ ביטערער געפיל: כ'האָב מיך שטענדיק געהאַלטן פאַר אַן אויפריכטיקער יידישקע, קיינמאָל נישט געלייקנט מיין יידישקייט, און אָט זיץ איך איצט און ציטער פאַר מיין יידישן נאָמען אין פּאַס. אָט האָב איך מיך נישט אויפגעשטעלט און נישט אַרויסגעגאַנגען, זיך נישט באַקענט צו יידישקייט — פאַר מורא? פאַר מידקייט?

אין וואַגאָן זענען אָדער ווירקלעך נישט געווען קיין יידן, אָדער אַלע האָבן זיך שוין געהאַט באַזאָרגט מיט „פּאַסיקע" דאָקומענטן, יעדנפאַלס האָט דער דייטש קיינעם נישט אַרויסגעוואָרפן. איך און מיין חברטע צענשיע הירשפעלד, אַ בלאָנדע, מיט יענער העלער קלאָרקייט, מיט וועלכער עס וואָלט זי געקענט מקנא זיין די ערשטע בעסטע דייטשע „גרעטכען" —

האבן קענטיק אויסגעזען אויסער יעדן פארדאכט. דער דייטש האט אויף אונדז א קוק געגעבן און אפילו נישט געפרעגט קיין דאקומענטן. די „ראַסע" איז אונדז געלעגן אויפן פנים.

און אזוי זענען מיר בשלום אנגעקומען קיין יאראסלאוו. פון יאַראסלאוו ווידער מיט א גויאיש פורל, אונטער א שלאקס-רעגן, ווידער אביסל צופוס אין פעלד, אין וואלד, און ענדלעך קומען מיר אן קיין פּזשעמישל אין דער דייטשער טייל פּזשעמישל. איבערן טייך, דאָרט אקעגן, ליגט אן אנדער וועלט, דאָרט איז דער ראטנפארבאנד.

***

דער טייך סאן איז די גרעניץ צווישן דער דייטשער און סאָוויעטישער טייל פון פּזשעמישל. ביינאכט ווילן מיר „גנבענען" די גרעניץ, אריבער אויפן צווייטן ברעג. מיר געפינען זיך אויפן דייטשן ברעג — א נידעריקער, בלאָטיקער, צעוויקטער און פינצטערער, פון יענער זייט — א הויכער ברעג. עס קוקט צו אונדז אריבער אן אויסגעפלאסטערטע גאס מיט געמויערטע הייזער, עס ברענען לאמטערנעס און ווארפן איבערן טייך שטרייפן ליכט. מיר זעען פון יענער זייט בולט די גרעניץ-וואך גיין ארויף און אראפ אין דער לענג פון טייך. מיר זעען אפילו, אז זיי זענען אנגעטאן אין עפּעס לאנגע ברייטע רעגנמאנטלען מיט קאפּושאָנען. עס רעגנט, די נאכט זעט אוים פונקט אזוי, ווי עס דארף אויסזען א נאכט, ווען מען דארף „גנבענען" א גרעניץ: נאַס, פינצטער, בלאָטע און רעגן ארום און א מורא און מרה שחורה אין דער נשמה.

פינף מענטשן דינגען מיר א שיפל און לאָזן זיך אין דער ברייט פונעם טייך. נישט קיין געניטע שיפערס, שווימען מיר באלד אריין אין דעם באלויכטענעם שטרייף אויפן טייך.

— „נאַזאד!" — הערן מיר באלד פון יענעם ברעג.

גוט וואָס ער זאָגט דאָס מיט ווערטער און נישט מיט קוילן.

מיר קערן צוריק. ס'הייסט נאָר אזוי, מיר מאכן אן אָנשטעל, אז מיר קערן צוריק. אין דער אמתן פאָרן מיר ארוים פונעם באלויכטענעם שטרייף און אביסל נידעריקער לאָזן מיר זיך ווידער צום צווייטן ברעג. עס ווייזט

זיך אונדז אוים, אַז קיינער זעט אונדז נישט. אָבער ווי באַלד מיר שלאָגן צו צו יענעם ברעג, דערהערן מיר:

„סטאָי!"

מען האָט געוואָרט אויף אונדז. מיר בלייבן שטיין. אַבי נישט „נאַזאַד".

דערווייל האָבן מיר אַנדערש, ווי שטיין, נישט געוואָלט, מיר זענען געווען ביים ציל. עס רינגלען אונדז אַרום אַ פּאָר רויטאַרמייער פון דער גרעניץ-וואַך און איינער באַפעלט:

— צום קאָמאַנדיר!

צוויי רויט-אַרמייער נעמען אונדז אונטער דער וואַך און פירן אונדז צו די עלעקטריציטעט וואַרשטאַטן, צום קאָמאַנדיר.

און אָט שטייען מיר פאַרן קאָמאַנדיר, און ער הייבט אָן אויף גאָר אַ הויכן טאָן:

— איר זענט שפּיאָנען, מען האָט אייך אונטערגעשיקט. די דייטשן האָבן אייך אָפּגעפירט ביזן ברעג... ווייסט איר, וואָס עס קומט אין קריגסצייט פאַר גנבענען די גרעניץ?

מיר שטייען, אַן אומגליקלעך, אויסגעווייקט, פאַרבלאָטיקט, אויסגעמוטשעט הייפעלע מענטשן און ווייסן נישט פון וואַנעט עס קומט אויף אונדזערע קעפּ נאָך דער דאָזיקער דונער.

איך אַלס רוסיש-רעדנדיקע, נעם אויף זיך די דרייסטקייט און טרעט אַרויס פון פאָרנט:

— „דערלויבט, טאָוואַרישטש קאָמאַנדיר, מיר יידן האַלטן מיטן דייטש איצט קיין גרויסן שלום נישט..."

— „אָ, איר זענט יידן? ווען מיר רעדן יידיש"... — זאָגט דער חבר קאָמאַנדיר און גייט באַלד איבער אויף יידיש.

דעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף אונדז געמאַכט דער דאָזיקער איבערגאַנג, איז שווער איבערצוגעבן. דער קאָנטראַסט פונעם נעבטיקן: „יודען ר־ראַוס" פונעם דייטשן ס.ס.־מאַן; דער וועג, די נאַכט, די גרעניץ, דער קבלת-פּנים פונעם קאָמאַנדיר, און זיין איצטיקער: „ווען מיר רעדן יידיש" — איז געווען צו אַ שטאַרקער. כ'ווייס נישט, צי האָט דער קאָ־

מאנדיר מיט זיין יידיש רעדן זיך געוואָלט איבערצייגן, צי מיר זענען ווירק־לעך יידן, צי האָט ער, דערוויסנדיק זיך, אז מיר זענען יידן און זענענדיק אונדזער צעבראָכנקייט, געוואָלט אונדז טרייסטן, ווייזן: אָט בין איך אויך א ייד, און רעד ווי איר יידיש. יעדנפאלס איז דער איינדרוק געבליבן אן אומפארגעסלעכער.

איצט דארפן מיר נאָך איבערקומען א קאראנטין. עס האָט ביי אונדז נישט לאנג געדויערט. ווייל שוין אויפן צווייטן טאָג האָט זיך איינגעגעבן ארויסצוגעבן א צעטעלע צו צעשיעס עלטערן, אז מיר זענען דאָ, און אין א שעה ארום איז געקומען צופליען צעשקעס שוועסטער, סאליע, אויך א בלאָנדע, א שיינע, אן אויפגעלעבטע, איצט א לערערין אין יידישן גימנא־זיום אין פזשעמישל. זי האָט זיך געגעבן עפּעס א פּאָר דריי אין די קאנ־צעלאריעס און איז ארויסגעקומען מיט א דערלויבעניש אונדז ארויסצולאָזן א היים.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פאר אונדז א ניי לעבן. אָט זענען מיר ווידער אין א היים. אויסגעצוואָגן, אויסגעוואשן, אָפּגעבאָדן און אין א טאָג ארום — אויסגעשלאָפן, קוקן מיר זיך ארום אויף דער נייער וועלט, וועלכע רינגלט אונדז איצט ארום.

די יוגנט, די ארבעטנדיקע אינטעליגענץ, איז אויפגעלייגט, אויפגע־לעבט, באפליגלט מיט די ברייטסטע מעגלעכקייטן פון ארבעט.

אָט, סאליע א שטייגער, צעשיעס שוועסטער, א מענטש מיט העכע־רער בילדונג, געענדיקט דעם קראקעווער אוניווערסיטעט און ביז איצט נישט געהאט קיין מעגלעכקייט צו ארבעטן אין א מיטלשול. אלס יידיש קינד האָט זי איר בילדונג כמעט נישט געהאט ווו אָנצווועגדן. איצט איז זי לערערין אין א מיטלשולע, ארבעט גנזעלשאפטלעך, זי איז פארקאָכט, פאר־ארבעט ביז איבערן קאָפּ; און אזוי א סך ווי זי.

אין פזשעמישלער גימנאזיע האָב איך אויך געטראָפן אלס לערערין אונדזער ליבע רחל קאָרן. די פרעכטיקע יידישע דיכטערין האָט דאָ געהאט די מעגלעכקייט וועמען איבערצוגעבן, צו לערנען דאָס שיינע יידישע וואָרט, צו רעדן וועגן דער שיינער יידישער ליטעראטור.

עס ליגט נאָך אָבער א פרישער טרויער אויף פזשעמישל. איידער די

שטאָט איז איבערגעגאַנגען צו די סאָוויעטן, זענען דאָ פריער אריינגעקומען די דייטשן. עס זענען געווען קאַשמארפולע טעג און נעכט. 600 מענטשן, די שענסטע יידן פון שטאָט, האָבן זיי צוזאמענגענומען, ארויסגעפירט הינטער דער שטאָט, געצוואונגען זיי אליין אויסצוגראָבן א גרוב און אויפן ראנד פון דעם גרוב — אלע צעשאָסן. שוידערלעכע פּרטים וועגן דער דאָזיקער עקזעקוציע האָבן דערציילט קריסטלעכע שכנים, וועלכע האָבן געזען, ווי דאָס איז פאָרגעקומען.

זיי האָבן אויך אָנגעוויזן דאָס אָרט, ווו דער שוידערלעכער מאסן־גרוב געפינט זיך. מען האָט דעם קבר אויפגעגראָבן און די קרובים האָבן געבראכט זייערע אייגענע צו קבר ישראל. עס איז נאָך פריש אין זכרון. פול יתומים אין די שולעס, אלמנות אין טרויער, טרויער ארום.

די יידישע באפעלקערונג אין פּזשעמישל פילט א טיפע דאַנקבארקייט צו דער סאָוויעטישער ארמיי, וועלכע האָט זיי באפרייט פון דעם דייטשן קאָשמאַר. יעדער רוסישער מענטש הייסט דאָ — „א סאָוויעט": א „סאָוויעט" — איז דורכגעגאַנגען, א „סאָוויעט" איז געקומען. פאר א מענטש, וועלכער רעדט רוסיש, קלינגט עס אזוי קאָמיש.

צווישן דער שטאָטישער באפעלקערונג און די „סאָוויעטן" — רויטע ארמייער, וועלכע געפינען זיך אין שטאָט, הערשט א גוטפריינטלעכע חברישע באציאונג, א מין פארברידערונג. די „סאָוויעטן" קומען אין פריוואטע שטיבער צו גאסט, מען נעמט זיי פריינטלעך אויף. זיי גייען ארום אין די קלייטן, קויפן אלץ וואָס עס קומט זיי אונטער די הענט, אלץ איז פאר זיי א מציאה, זיי גיבן זייער לייכט אוים זייערע „טשערוואָנצעס".

דער עולם ד אָ וויל וויסן, וואָס עס טוט זיך ד אָ ר ט, ביי זיי, טיף אין לאנד. פרעגט מען זיי אוים:

— וואָס עסט מען ביי אייך? ווי אזוי קליידט מען זיך? צי זענען ביי אייך פאראן אזעלכע און אזעלכע סחורות, זאכן?

— „או נאס וסיאָ יעסט" (ביי אונדז איז אלץ דאָ), איז דער געוועגלעכער ענטפער פון יעדן „סאָוויעט".

און פון דאנעט האָט זיך אפשר שפּעטער גענומען דער אנעקדאָט:

— אָראנזשן זענען ביי אייך דאָ?

— אָ, יאָ, מיר האָבן גרויסע פאבריקן פון אָראנזשן.

דאָס האָט אימפּאָנירט. מען האָט געוווּסט, אז קיין גרויסע פאבריקן מיט אָראנזשן זענען דאָרט נישטאָ, נאָר אימפּאָנירט האָט דער שטאָלץ: „מיר האָבן אַלצדינג". דאָס איז א שטאָלץ פון א מאמען, וואָס זעט ביי איר קינד סאמע מעלות, און האָט דאָס קינד עפּעס א חסרון, זאָלן לייטן דערפון נישט וויסן.

**
*

מאָדנע האָבן אונדז אויסגעזען פיל זאכן דאָ.

מען האָט אונדז, א שטייגער, איינגעלאדן אויף א גרויסער פארזאמלונג. די נייע בירגער האָט מען געדארפט באקענען מיט דער קאָנסטיטוציע פונעם סאָוויעטישן לאנד. גאנץ פארשטענדלעך. ביז עס איז געקומען צו דער דערקלערונג פון די וויכטיקסטע פּונקטן און פאראגראפן פון דער קאָנסטיטוציע, זענען ארויסגעטרעטן עטלעכע רעדנער. געווען צווישן זיי גוטע רעדנער און שוואכערע, אָבער יעדער פון זיי האָט עטלעכע מאָל אין זיין רעדע דערמאָנט דעם נאָמען סטאלין, און צום סוף אומבאדינגט פארענדיקט מיט דעם דאָזיקן נאָמען. פולשטענדיק אויפן אָרט, ווייל די נייע קאָנסטיטוציע רופט זיך אייגנטלעך, די „סטאלינישע קאָנסטיטוציע", ווייל זי איז אנטשטאַנען און אויסגעארבעט געוואָרן מיט א באדייטנדיקער מיטהילף און מיטארבעט פון סטאלינען אליין. נאָר אָט א מאָדנע פאר אונדז דערשיינונג: יעדעס מאָל, ווען מען דערמאָנט דעם נאָמען — סטאלין, שטעלן זיך אַלע אין זאל אויף פון די ערטער און מען פּאטשט בראַוואָ. דער רעדנער אליין אפּלאָדירט אויך. דאָס ערשטע מאָל האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אז דאָס איז א ספּאָנטאנישער אפּלאוז, אן אויפברויז פון פארערונג, ענטוזיאזם. ווען עס האָט זיך אָבער איבערגעחזרט יעדעס מאָל, ביי יעדן אָנרופן דעם נאָמען, עטלעכע צענדליק מאָל, האָט עס שוין אויסגעזען ווי א ריטואַל: אויפשטיין, זיך זעצן; אויפשטיין, אפּלאָדירן, זיך זעצן — עס האָבן נאָר געקנאקט די בענק אונטער אונדז. ביי אונדז אין די אויגן האָט דאָס אויסגעזען מאָדנע; אָבער יעדעס לאנד האָט

זיך זיינע מנהגים. דאָס לאַנד האָב איך געקענט, אָבער דער דאָזיקער מנהג איז געווען א שפּאָגל נייער.

און כ'האָב באַמערקט: א גוטער רעדנער פלעגט נישט אָפּט מטריח זיין דעם עולם פון די ערטער. א שלעכטער, ווי באַלד ער האָט באַמערקט, אַז זיינע צוהערער לאַנגווײלן זיך, האָט ער פּלוצים אָנגערופן סטאַלינס נאָמען, דער עולם האָט זיך אויפגעריסן פון די ערטער. גענומען אַפּלאָדירן, א טייל פון די אַפּלאָדיסמענטן האָט דער רעדנער אַראָפּגערעכנט אויף זיין אייגענעם חשבון, און עס איז געוואָרן לעבעדיקער אין זאַל...

איך וואָלט פאַרבאָטן אויסצונוצן א ז א נאָמען אויף אזא אויפן!

**
*

מאָדנע לעבט זיך אין דעם פּזשעמישל, אָט דאָרט, אקעגן, איבערן סאַן; מען זעט פון דאַנען יעדע באַוועגונג דאָרטן, עס טיילט אונדז אָפּ א שמאָלינקער פּאַסיקל וואַסער, וועלכעס מען קאָן, אַז מען וויל, אריבער־גיין צופוס; מען קאָן נאָר גוט פאַרנעצט ווערן, אָבער נישט דערטרונקען ווערן, מען קאָן אפילו אריבערגיין דורך דער בריק, זי איז גאַנץ; פאַר־שטייט זיך, אז דורך דער בריק קאָנען גיין נישט מיר, נאָר באַרופענע דערצו. איז אָט איבער דעם שמאָלינקן פּאַסיקל וואַסער ליגט די תוכחה, די שוואַרצע שרעק, דער פּחד, די געפאַר מיט א חיהשן פּיסק...

און דאָ, פון דער זייט, פירט מען א לעבן, מען וויל פאַר יעדן פּרייז, עס זאָל אויסזען ווי א נאָרמאַל לעבן. קינדער גייען אין שול אריין, מען לערנט אויף אויסנווייניק יונג און אלט די נייע קאָנסטיטוציע, מען וויל פאַרמאַכן די אויגן דערויף, וואָס עס ווערט וואָס אמאָל ווייניקער און עס ווערן טייערער די פּרייזן אויף פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך. עס איז זיך נישט לייכט צוצופּאַסן און אויך נאָך ווייניק פאַרשטענדלעך דער נייער סיסטעם, דער פאַרבאָט פון פרייען פאַרקויף, נאַציאָנאַליזאַציע פון די גרעסערע אונטערנעמונגען. מען וויל דאָס נישט זען, מען וויל זיך דערצו נישט צוהערן. וויכטיק איז, וואָס עס ווייזט זיך אויס, אז דאָס לעבן איז זיכער, און מען וויל איינשטעלן דאָס לעבן אויף פעסט און אויף לאַנג.

און פון יענער זייט קומען נאָך אלץ אריבער דורכן טייך מענטשן,

יידן. מען לויפט, מען לויפט. עס ווערן דאָרטן אָפּגעטאָן שוידערלעכע זאכן. יענע זייט פּושעמישל איז שוין לאנג יידן-ריין, מען קומט פון דער־ווייטנס, פון קראקע, פון לאָדזש, פון ווארשע. דאָרט הערשט ווייטער דער ברוטאלער קאלטער מאָרד.

אויף אונדזער זייט פון דער שטאָט, דורך דער בריק, קומען אריבער צו גאסט, אָדער צו דערליידיקן אמטלעכע ענינים, אויסגעפּוצטע, אויס־פּארפומירטע דייטשלעך...

פּושעמישל איז נישט פאר מיר. האָב איך באלד באשלאָסן — ווייטער, ווייטער פון דאנעט, אין א גרויסער שטאָט אריין.

און איך האָב מיך פארנומען ווייטער — קיין לעמבערג.

III

לעמבערג

אין לעמבערג האָב איך געהאט אַלטע און נאָענטע גוטע פריינט: דאָס פּאָרפאָלק זיינפעלד, אברהם און ליובא און די אימבערס שמואל־יעקב און גיושא. צו זיי בין איך געפאָרן. אין קראָקע האָבן זיי געווינט צוזאַמען, איין משפּחה, שמואל־יעקב אימבער און ליובא זיינפעלד — שוועסטער און ברודער. אין קראָקע פלעגן מיר זיך אָפטער באגעגענען, צוזאמען זיך ארויסקלייבן קיין זאקאפּאנע, זיך אָפּרעדן וווהין צו פאָרן אויפן זומער, פון זינט זיי האָבן זיך ארויסגעצויגן קיין לעמבערג, שוין א פּאָר יאָר, פלעגן מיר זיך שוין טרעפן נישט אָפגערעדטערהייט אויף די „ייווא"־פארזאמלונגען, ווייל זיינפעלד איז געווען אן איבערגעגעבענער „ייווא"־טוער.

אימבערס 50 יעריקער יובל איז קורץ פאר דער מלחמה געפייערט געוואָרן דורך דער גאנצער יידישער ליטערארישער משפּחה און איך האָב געהאט די זכיה דעם יובל מיטצופייערן אין זיין געבוירן־שטאָט, אין קראָקע.

אז זיי זענען איצט אין לעמבערג, האָט מיר געזאָגט רחל קאָרן. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אז זיי זענען ערגעץ אין אויסלאנד. מענטשן, וועלכע זענען אזוי אָפט ארומגעפאָרן, האָבן נישט געמוזט גראָד איצט זיין אויפן אָרט, אין דער היים.

אין לעמבערג האָב איך געטראָפן נאָר די זיינפעלדס; די אימבערס

זענען געווען אין יעזשיערנע (ביי טארנאָפּאָל), ביי ניושאס עלטערן. ניר־שאס עלטערן האָבן דאָרט געהאט אן אפטייק. מען האָט זי נאציאָנאלי־זירט. די אלטע־לייט האָבן נישט געקאָנט שלום שליסן מיטן געדאנק, אז די אפטייק, אויף וועלכער זיי האָבן געארבעט אלע זייערע יאָרן, זאָל פּלו־צים איננאנצן פארפרעמדט ווערן.

ניושא איז געווען א פּראָוויזאָר, און די עלטערן האָבן געוואָלט, אז זי זאָל אלס אזעלכע ארבעטן כאָטש אלס אָנגעשטעלטע אין דער אפטייק. האָט מען צוליב געטאָן די אלטע לייט און זיך באזעצט אין יעזשיערנע. אימבער האָט אָבער זיך נישט געקאָנט איינהאלטן אין דער פּראָווינץ און פלעג אָפט קומען קיין לעמבערג און סוף כל סוף זיך באזעצט צוריק אין לעמבערג. שפּעטער האָט ער ארויסגעשלעפּט פון דער פּראָווינץ אויך זיין „וויקטאָריע" (אונטער דעם נאָמען האָט ער באזונגען זיין ניושא אין א יוגנט־פּאָעמע. דעם נאָמען גענומען פון קנוט האמסונס „וויקטאָריא").

קיין וווינונגען זענען אין לעמבערג נישט געווען. די זיינפעלדס האָבן איצט געוווינט אין איין צימער ביי א באקאנטער פאמיליע און אז אימ־בער איז געקומען קיין לעמבערג, האָט אין דעם צימער געוווינט אויך אימ־בער. די ערשטע פּראגע פאר יעדן אָנגעקומענעם איז געווען — קריגן עפּעס א וווין־אָרט. לעמבערג איז געווען איבערפולט מיט מענטשן, פּלי־טים פון גאנץ פּוילן זענען זיך אהער צוזאמענגעלאָפן. די שטאָט, וועלכע האָט נאָרמאל געציילט ביז דריי הונדערט טויזנט איינוואוינער, האָט מען איצט געשאצט אין זיבן הונדערט טויזנט, דערונטער ביז 200 טויזנט יידן. פארשטייט זיך, אז דירות האָבן געפעלט, און נאָך א זאך: גראד אין לעמ־בערג, מער ווי אין אנדערע שטעט, ווי א שטייגער אין לאָדזש, צי קראקע, זענען געווען מערקבארע סמנים פון דער צעשטערונג פון דער מלחמה, מער צעקלאפטע און חרוב־געמאכטע הייזער, מער לעכער אין די גאסן צווישן די הייזער. אין שטאָט און באזונדער אין דער פעריפעריע זענען געלעגן גאנצע קווארטאלן אין חורבות.

דערקלערט האָט מען דאָס אזוי:

די דייטשן האָבן טאַקע באָמבארדירט לעמבערג פון עראָפּלאנען אזוי ווי אלע שטעט אין פּוילן פון אָנהייב מלחמה, אָבער דאָס זענען געווען

נאָרמאַלע אָנגריפן. די שטאָט האָט פון זיי געליטן ווי אַנדערע שטעט. דער אמתער חורבן איז אָבער געקומען שפּעטער און פון אַן אַנדערער זאַך.

ווען עס זענען שוין באַקאַנט געוואָרן די גרעניצן צווישן דער דייטשער און רוסישער אָקופּאַציע-זאָנעס אין פּוילן, האָבן די דייטשן זיך באַמיט צו פאַרכאַפּן כאָטש אויף אַ קורצער צייט אויך די ערטער, וועלכע האָבן געדאַרפט איבערגיין צו די רוסן (ווי דאָס איז געווען אַ שטייגער מיט פּזשעמישל), באַרויבן די שטאָט, אַרויספירן אַלצדינג ווערטפולעס, זיך אָפּרעכענען אין איין וועגס מיטן ביסל יידן און ערשט נאָכדעם אָפּגעבן די שטאָט די רוסן. די רוסישע קאָמאַנדע האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל: היטן דעם דייטש די טריט. נישט אַריינלאָזן אין קיין שטאָט, ווו ער דאַרף נישט זיין. די דייטשן זענען שוין געהאַט צוגעטרעטן צו לעמבערג, זיי זענען שוין געווען אין קלעפּאַראָוו (פאָרשטאָט פון לעמבערג), די רוסן זענען אָנגעקומען פון ליטשאַקאָוו און עס האָט זיך צווישן די כלומרשטע פאַרבינדעטע פאַרקאָכט אַ פאָרמעלע שלאַכט, מיט אַרטילעריע און פייַער כאָטש אין אַלעם גוטן... מען האָט די דייטשן אַרויסגעשטויסן, פאַרטריבן, נישט אַריינגעלאָזט אין שטאָט, אָבער סמנים פון דעם צוזאַמענשטויס, און פילבאַרע סמנים, זענען פאַרבליבן.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, מיט וואָס פאַר אַ פרייד די לעמבערגער יידן האָבן באַגעגנט די רויטע אַרמיי, וועלכע האָט זיי אין לעצטן כמעט מאָמענט אָפּגעראַטעוועט פון דער שוואַרצער פּעסט, פון די דייטשן. דאָס האָבן אָבער נישט געקאָנט פאַרשטיין און קרום געקוקט דערויף די פּאָליאַקן. פאַר זיי איז מיטן אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי סיי־ווי אַריינגעקומען אַ פרעמדער, אַן אָקופּאַנט — און יידן פרייען זיך!

די הויפּט-פראַגע פאַר יעדן פּליט איז אַלזאָ געווען — אַ צימער. אַ טרעף־פּונקט האָבן מיר געהאַט, עפּעס אַ קאַפע. אַ מין „אַסטאָריע". ווען איך בין אָנגעקומען, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן אַ גאַנצע חברה שרייבער און זשורנאַליסטן. עס איז געווען יהושע פּערלע, ה. ל. זשיטניצקי, משה שימעל, בער שנאַפּער, דאָס פּאָר פּאָלק גרין, באַמזע, אַשענדאָרף, בערלינסקי, רובינשטיין. עס האָט זיך געדרייט אַרום זיי די אָרטיקע תּושבֿטע דבורה פאָגעל, געזאָרגט וועגן אַן אָרט צו שלאָפן, וועגן מיטאָג. גע־

זארגט פאר די אנגעקומענע האבן אויך די ארטיקע יאנקעלע שודריך, דוד קעניגסבערג, האמער, סאניע פרידמאן. זיי זענען שוין געווען, ווי מען זאגט עס, „אין די פעדערן", לינקיסטן, איז איצט געקומען זייער צייט.

מיט א פאר טעג שפעטער איז אנגעקומען אלטער קאציזנע. אויף אים האט מען געווארט, מען האט געוווסט, אז ער איז אין וועג אהער. ער האט געזאלט באקרוינען די יונגע שרייבערישע גרופע אין לעמבערג. ביז אהער איז דער רעפרעזענטאנט געווען דוד קעניגסבערג. קאציזנע איז געווען פאסיקער, מער רעפרעזענטאטיוו, מער באקאנט.

***

א צימער האב איך באקומען מיט גרוים מי און פראטעקציע ביי אן אינטעליגענטער פרוי, א דאקטארין, וועלכע האט אבער אוועקגעשטעלט אונדזערע באציאונגען אויף א קאלטן פונקט — מורא געהאט, כ'זאל מיך צו שטארק נישט דערווארעמען ביי איר ווארעמען אויוון. זי האט זיך נאך נישט פארגעשטעלט, אז מען קאן ווערן פון אן אנשטענדיקן מענטש — א פליט...

איז מיר געווען שטארק קאלט ביי איר אין שטוב. קיין קישן אונטערן קאפ און קיין קאלדרע צום צודעקן זיך האב איך פון דער היים אויך נישט מיטגעבראכט.

אבער א דאך איבערן קאפ איז געווען און דאס איז שוין אויך געווען פיל.

איצט האט מען געדארפט א טראכט טאן וועגן ארבעט. „ווער עס ארבעט נישט, דער עסט נישט" — דאס איז די לאזונג פונעם לאנד.

קיין צייטונג, ווו כ'וואלט געקאנט מיטארבעטן, איז נאך נישט געווען. מיט שול־ארבעט האב איך זיך נישט געאיילט. כ'האב שוואכע שטימבענדער. שוין א פאר יאר ווי מען האט מיר אנגעזאגט, אז מיט מיין פעדאגאגישער טעטיקייט מוז איך מאכן שלום, ווייל מיין האלדז פארטראגט דאס נישט. בלייבט דער דריטער פאך מיינער, דער יורידישער. רוסיש קאן איך, מיין בילדונג איז א רוסישע. כ'האב פארשטאנען, אז נישט אויף אדוואקאטור אדער עפעס ענלעכעס קאן איך רעפלעקטירן. די סאוויעטישע

יוריספּרודענץ איצט איז נישט ענלעך צו דער, וועלכע איך האָב שטודירט אין אמאָליקן רוסלאַנד. כ'האָב געזוכט גיכער א טעכנישע ארבעט ביים געריכט, א סעקרעטאר, אָדער ווי סאָניע פרידמאַן, וועלכער האָט שוין איצט געאַרבעט ביים געריכט אלס איבערזעצער. בין איך טאַקע אוועק מיט סאָניען צו זיין נאַטשאַלניק, צום פאָרזיצער פון געריכט זיך פאָרשטעלן: כ'בין די און די, האָב געוויסע יורידישע קוואַליפיקאציעס און זוך ארבעט.

— „זייער גוט, מיר דאַרפן מענטשן. שרייבט אָן אייער אויטאָביאָ־גראפיע".

זעץ איך מיך אוועק שרייבן מיין אויטאָביאָגראפיע: געבוירן, גע־לערנט, געענדיקט די גימנאַזיע, שטודירט יורי א.א.וו., ביז כ'בין געקו־מען צום יאָר 1918. פון 1918 ביז 1921 געווען אין ראַטנפאַרבאַנד, גע־ארבעט פון אָנהייב אין מאָסקווער „נאַראָבראַז" (אָפּט. פאַר פאָלקס־בילדונג) ביי אויסער־שול־בילדונג, אונטער דער לייטונג פון נאַדיעזשדא קאָנסטאַנטינאָוונא קרופּסקאַיא (לעניִנס פרוי), לויט איר אויפטראַג גע־עפנט די ערשטע „שקאָלא גראַמאָטי", א שול פאַר דערוואַקסענע, אין אַריאָל ביים „ערשטן אייזערנעם פאָלק צו פארטיידיקן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע" (פּיערווי זשעלעזני פּאָלק זאַשטשיטי פּראָלעטאַרסקאָי רעוואָ־לוציאי). ס'איז געווען זומער 1918, נאָך איידער ס'איז אַרויס דער דעקרעט וועגן בילדן די רויטע ארמיי. נאָכדעם אָנגעפירט מיטן אויסער שולוועזן איבערן גאַנצן אָרלאָווסקער קרייז, געווען מיטגליד פון דער אויסעראָרדנט־לעכער קאָמיסיע צו ליקווידירן דעם אנאַלפאַבעטיזם, געאַרבעט אין קאַ־זאַן א.א.וו. און ווייטער, א יחוס־בריוו, נאָך וועלכן כ'האָב געמיינט, אז מען וועט מיך כאַפּן און גלייך אַרויפזעצן אויבנאָן...

מען האָט זיך טאַקע געכאַפּט צו מיר, אָבער נישט אזוי, ווי איך האָב דאָס געמיינט. כ'האָב נאָך דער דאָזיקער אויטאָביאָגראפיע מיינער געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. וואָס? געווען אין סאָוויעטנפאַרבאַנד ביז 1921, ווי־זשע קומט זי עפּעס איצט פון פּוילן, ווי אזוי איז זי דעמאָלט אַרויס? עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק די מעשה.

האָב איך גענומען דערווייזן, אז די מעשה איז יאָ גלאַטיק, אז מיר

זענען, איך און מיין מאַן, אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע לעגאַל, אַז מען האָט אונדז נישט נאָר דערלויבט, נאָר אפילו מיטגעהאָלפן אַרויסצופאָרן, אַז אין דעם אומגליקלעכן הונגער־יאָר פון 1921 זענען מ׳ר דאָרטן שיעור נישט אומגעקומען, אַז מיר זענען ביידע געווען טויט קראַנק און איך בין געלעגן אין איין שפּיטאָל, אין קרעמל, לאַזאַר איז געלעגן אין אַ צווייטן, אין אַ מיליטערישן, און אין דער צייט האָבן מיר פאַרלוירן אונדזער איינ־אונאיינציק קינד. עס ליגט אויפן מאָסקווער בית־עולם.

דערוויזן, אַז מיר האָבן אונדזער חלק אין דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. מען האָט געזען אַז מיר גייען צו גרונד, האָט מען באַשלאָסן, ווי נאָר עס איז געווען מעגלעך, אונדז אָפּצושיקן אַ היים, צו די עלטערן, מיר זאָלן צו זיך קומען. מיינע און לאַזאַרס עלטערן זענען געווען אין לאָדזש. אהין האָט מען אונדז געהאָלפן אַרויספאָרן. לענינס פרוי, נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, האָט זיך מיט מיר געזעגנט, געטרייסט. זי האָט געקאַנט מיין קינד, געוווּסט וואָס מיר האָבן פאַרלוירן...

עס וואָלטן מיר אפשר נישט געהאָלפן די אַלע מיינע טענות און באַווייזן, עס זענען אָבער געווען אין לעמבערג דעמאָלט פיל לאָדזשער, וועלכע האָבן געקאַנט פעסטשטעלן, ווער איך בין און וואָס כ׳בין. מען האָט מיך צורו געלאָזט, אָבער קיין אַרבעט אין דעם אמת האָב איך שוין נישט געקראָגן.

און איינער פון די, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פעסטשטעלן מיין אידענטישקייט, האָט מיר גוטפריינטשאַפטלעך געראָטן, אַז אויב איך וויל האָבן מנוחה, זאָל איך אין אָט דעם יחוס מיינעם פאַרגעסן.

כ׳האָב פאַרשטייט זיך געפאָלגט די עצה און אין די שפּעטערדיקע מיינע, צענדליקער מאָל געשריבענע, אויטאָביאָגראַפיעס וועגן דעם נישט דערמאָנט. כאָטש איך האַלט עס ביז איצט פאַר אַ כבוד און באַזונדערן מזל, וואָס עס איז מיר אויסגעפאַלן אין די יונגע יאָרן מיינע אָנצוהייבן מיין לעבנס־וועג און די ערשטע שריט מאַכן אונטער דער לייטונג פון אַזאַ וווּנדערבאַרער פרוי ווי נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ.

**
*

קיין אַרבעט האָב איך אַזוי גיך נישט געקריגן. איך האָב זיך דער־

ווייל געדרייט אין דער שרייבער-גרופּע, וועלכע האָט נאָך אויך קיין אַר־בעט, אין זין פון פּרנסה, נישט געהאַט און מען האָט אַביסל צוגעהונגערט.

חברה האָט אָבער געשריבן. געשמאַק געשריבן. מען האָט געשריבן לידער און נישט קיין לידער, אויף אַ נייער נאָטע, מיט אַ נייעם נוסח. און חברה האָט געקוקט איינס אויף ס'אַנדערע מיט חשד: עפּעס האָבן נאָך פּרעמדלעך געקלונגען די נייע מעלאָדיעס ביי נישט נייע מייסטערס.

און אָט געדענק איך די טענות, וואָס חברה האָט געהאַט צו מאָוריצי־משה שימעל, וועלכער האָט אין די נאָרמאַלע צייטן מיטגעאַרבעט אין די בירגערלעכע אויסגאַבן, אין „נאַש פּשעגליאָנד" און „הייגט". אַ העכסט - טאַלאַנטירטער דיכטער, האָט ער איצט אויך געשריבן אויסגעצייכנטע לידער און פּאָעמען, אָבער מיט אַ נייעם נוסח, אויף דער נייער נאָטע לויב-געזאַנגען. חברה האָט געהאַט טענות צו אים, הלמאי ער האָט זיך אַזוי באַלד „איבערגעשטעלט". מען האָט אים נישט געגלויבט, איינפאַך נישט געגלויבט אין זיין אויפריכטיקייט. און ער, נעבעך, האָט זיך געהאַלטן אין איין פּאַרענטפערן, איבערצייגן, אַז די געשעענישן, די מלחמה, האָבן אים געלערנט. ער שרייבט פון איבערצייגונג, אויפריכ־טיק. ס'האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. מען האָט אים נישט געגלויבט. ער איז געווען אויף צרות די גאַנצע צייט, געאַרבעט שפּעטער עפּעס אין אַ פּאַרוואָרפענעם קינאָ אַלס קאַסיר און בילעטער, געבידעוועט און געהונ־גערט.

משה-מאָוריצי שימעל, דאָס פּראָלעטאַרישע קינד, וואָס איז געווען אַ שיינגייסט אין דער יידישער דיכטונג איז אומגעקומען ערגעץ ביי די דייטשן.

:: :: ::

און נאָך געדענקט זיך פון דער ערשטער צייט פון מיין זיין אין לעמבערג. די ערשטע גרויסע דעמאָנסטראַציע צום יאָרטאָג פון דער אָק־טאָבער-רעוואָלוציע, דעם 7טן נאָוועמבער. עס זענען געגאַנגען פאַבריק־אַרבעטער, אָרגאַניזאַציעס, אָנגעשטעלטע אין די סאָוויעטישע אינסטי־טוציעס. עס איז געווען נאַס און קאַלט און די מענטשן זענען געגאַנגען

נאסע און כמורנע. עס זענען נאך דעמאלט געווען אין לעמבערג ווייניק מענטשן, וועלכע האבן זיך אפגעגעבן א קלארן דין וחשבון פון דער וויכטיקייט פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע, געוווסט וועגן דער באדייטונג פונעם 7טן נאוועמבער. מען האט געטראגן טראנספארענטן און פענער, און איך געדענק גוט, געדענק מיין אויפרעגונג: אין דער גרופע, צו וועלכער איך בין צופעליק צוגעשטאנען, א גרופע פון פאבריק־ארבעטערינס, האט קיינער פון די מיידלעך נישט געוואלט נעמען און טראגן פון פארנט די רויטע פאן. זיי האבן אפגעאטעמט פרייער, ווען איך האב די פאן גענומען און געטראגן. און אין גאנצן וועג האט זיך נישט געפונען קיין איינע, וועלכע וואלט מיך געוואלט פארטרעטן אויף א ווײלע.

די מאי־דעמאנסטראציע אין דעם צווייטן יאר און די שפעטערדיקע דעמאנסטראציעס, טאקע דעם 7טן נאוועמבער, האבן שוין אויסגעזען גאר אנדערש. די פאן האבן געטראגן אויסדערוויילטע „אטלעטשניצעס“, „סטאכאנאוועקעס“ אד״גל.

***

צעשיא הירשפעלד איז נמאס געווארן צו זיצן אין פשעמישל און זי איז איינמאל אין א שיינעם פרימארגן אראפגעפאלן צו מיר קיין לעמבערג. עס איז געווען א גרויסע פרייד פאר מיר. א חוץ דעם האט זי פון פשעמישל מיטגעבראכט א ברויט אזוי גרויס און קיילעכדיק ווי אן אויטאמאביל ראד, א פושקע מיט פוטער, קעז און צוקער, נישט קיין קליינער אוצר אין יענער צייט. מיט עסנווארג איז שוין געווען שלעכט אין לעמבערג. נאך ברויט האט מען געמוזט שטיין אין דער רייע פון פיר א זייגער פארטאג.

פון וואנעט עס האט זיך גענומען דער דוחק אין פראדוקטן אין לעמבערג? קיין הונגער איז נאך נישט געווען. דאס איז געווען א פועל־יוצא פון איבערגאנג פון איין סיסטעם אין א צווייטן. פלוצים איז אפגעשטעלט געווארן דער פרייער האנדל, פלוצים הייבט מען אן אלץ צו קאנצענטרירן אויף באשטימטע ערטער, כדי דאס ריכטיקער צו פארטיילן צווישן די

ברייטע מאסן, אָבער דער פּאַרטייל-אַפּאַראַט פונקציאָנירט נאָך נישט, איז נישט ריכטיק איינגעשטעלט, און עס באַקומט זיך גאָרנישט. די פּראָדוקטן פונעם ערשטן געברויך, די סחורות אד"גל זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן פון די ערטער, ווו מען האָט זיי געקאָנט פריער קריגן פריי, זיי זענען אָבער אויסגעוואַקסן אויף אַנדערע ערטער, ווו מען האָט זיי געקאָנט באַקומען אין געהיים, אָבער פאַר געזאַלצענע פּרייזן.

איז אַרטיקע תושבים האָבן זיך נאָך געקאָנט אַן עצה געבן, געוווּסט, ווו מען קאָן עפּעס קריגן, און נאָך געהאַט פאַרוואָס צו קויפן. מיר אָבער, די פּליטים, האָבן נישט געוווּסט, ווו א טיר עפנט זיך און אויך נישט געהאַט פאַרוואָס צו קויפן. האָבן מיר געהונגערט.

כ'געדענק, מיר זענען איינמאָל אַרויסגעגאַנגען פון אונדזער נייער „אַסטאַריע", ווו מיר האָבן באַקומען גאָר א שוואַרצע קאַווע אָן צוקער: בערלינסקי, לעווענשטיין און איך, און מיר האָבן אויפן וועג אהיים אַרייַנגעקוקט אין יעדער טיר פון עפּעס אַן אָפן געוועלבל, און פּלוצים א גליק האָט אונדז געטראָפן, אין עפּעס א פאַררוקטן ווינקל פון עפּעס א קליינטל האָבן מיר געפונען עטלעכע פאַרעלטערטע „אָפּגענוצטע" קיכעלעך. מיר האָבן אויסגעקויפט דעם גאַנצן „לאַגער" און גענומען זיך אַן עצה האַלטן: צי עסט מען אויף אַלץ מיטאַמאָל, צי לאָזן א טייל אויף שפּעטער.

בערלינסקי איז אַרויס מיט רייד: „לאָזט מיך, אין אַלטן געניטן הונגערער, זאָגן מיין וואָרט: עסן דאַרף מען אויף א מאָל. מען עסט זיך גוט אָן, האָט מען כוח ווייטער צו פאַסטן"... מיר האָבן געפאָלגט, אויפגעגעסן אַלץ מיטאַמאָל און... זיך נישט אָנגעגעסן.

**
*

און איצט האָט צעשיע מיטגעבראַכט צום עסן. זענען מיר געזעסן און דערוויייל געגעסן און נישט געאַרבעט, קעגן דער הערשנדיקער לאָזונג, אַז ווער עס אַרבעט נישט, דער עסט נישט. ווען עס איז אויסגעגאַנגען דער ערשטער זאַפּאַס, האָבן די עלטערן פון פּזשעמישל צוגעשיקט א צווייטן. עס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז די עלטערן אין פּזשעמישל זענען אויך געבליבן אָן פּרנסה, מען האָט ביי זיי צוגענומען די קאָנצעסיע, וועל-

בע זיי האָבן געהאַט פון פריער צו פארקויפן בענזין און נאפט. איז ווידער געוואָרן ביטער און ווידער שטארק אקטועל די פראגע פון ארבעט. זוכן מיר ארבעט. מיר האָבן נאָך אן אויפגאבע: מיין באַלעבאָסטע אַרט שטארק, הלמאי אין צימער, וועלכעס איך האָב געדונגען נאָר פאר מיר איינער, וווינען צוויי. זוכן מיר א צימער פאר צעשיען. און דאָס האָט זיך אונדז גראָד איינגעגעבן גיכער ווי מיר האָבן זיך עס פאָרגעשטעלט. עס זענען איצט געוואָרן פרייער דירות: פיל פאַליאקן האָבן זיך דאָ דערפילט נישט באקוועם און גענומען אריבערגיין אהין אויף דער צווייטער זייט, צו די דייטשן. און א חוץ דעם האָט מען גענומען, לויט אן אָפּמאַך מיט די דייטשן וועגן אן אויסטויש, ארויסשיקן די אַרטיקע לעמבערגער דייטשן אין זייער אַלטער „היימאַט", איז איצט געוואָרן לייכטער צו קריגן א דירה. איז הייבט זיך אָן ווידער א מעשה: דער „זשיל-אָטדיעל" — וווינונגס־אמט; אז מען האָט א דירה, מוז עס נאָך פאָרמעל, אמטלעך באשטעטיקט ווערן דורכן „זשיל-אָטדיעל". מען דארף באקומען אן „אָרדער" אויף דעם באַש־טימטן „זשיל פלאָשטשאַד", ד. ה. וווין־שטח, און אין דעם „זשיל־אָט־דיעל" קען מען זיך איינפאך נישט ארייַנבאקומען אין דעם צימער, ווו עס אמטירן די בארופענע צו פארטיילן דעם „זשיל פלאָשטשאַד", און חוץ דעם — אויף א „זשיל־פלאשטשאַד" האָבן דאָס רעכט אויך נאָר מענטשן, וועלכע ארבעטן, און מיר עסן דערווייל די פּזשעמישלער פּראָדוקטן און ארבעטן נישט...

אָבער צו אַלעם קומט א סוף. עס איז געקומען א סוף אויך צו אונד־זער לײדיקגיין. ס'הייסט ליידיק זענען מיר נישט געגאנגען. מיר האָבן געזוכט ארבעט, געזוכט א צימער, אָפּגעשטאַנען אין די אמטן צו באקו־מען אן „אָרדער" אויף דעם געפונענעם צימער גאַנצע טעג, אָפּגעשטאַ־נען אין די אמטן אויף צו באקומען פאסיקע ארבעט — אויך האַלבע טעג; און ענדלעך באקומען איינס און דאָס צווייטע. מיר האָבן באקומען אַר־בעט אין „נאַראָאבראַז", אָפּטייל פאר שולבילדונג, אין דער אויסערשול־בילדונג אָפּטיילונג, מיין ספּעציאַליטעט. איך אַלס לייטערין פון אויסער־שול־אָפּטיילונג ביי שעווטשענקאָווסקי ראַיאָן, צעשיע אויף דעם זעלבן אמט אין לענינסקי ראַיאָן. די שטאָט איז אדמיניסטראטיוו געטיילט גע־

ווען אויף דריי ראַיאָנען: סטאַלינאָווסקי, שעווטשענקאָווסקי און לעניג-סקי.

צו באַזאָרגן צוויי־דריטל פון דער שטאָט מיט שולעס פאַר דער־וואַקסענע איז געווען אונדזער אויפגאַבע. מיר האָבן באַלד באַקומען פעסטן באָדן אונטער די פיס, זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט לייב און לעבן.

און אין דער צייט איז פאָרגעקומען נאָך אַ וויכטיקע פּאַסירונג. עס זענען פון ראָוונע אָנגעקומען צוויי גוטע פריינט אונדזערע, מלך ביטער און באַב־בערעלע מיטלבערג. מיר האָבן זיי געקאָנט פון וואַרשע, אָבער ספּעציעל באַפריינדעט האָבן מיר זיך מיט זיי דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער, אין זאַקאָפּאַנע, ווו באַב איז געווען דער לייטער פון אַ חברישער קאָלאָניע, וועלכע עס האָבן אויפן ווינטער־סעזאָן איינגעאָרדנט די לינקע פּועלי־ציון. און מיר זענען געווען אין דער קאָלאָניע.

די משפּחה: ביטער־מיטלבערג, מיעדזשינסקי־לענט, איין משפּחה, האָט זיך איצט געפונען אין ראָוונע, אַנטלאָפן פון וואַרשע. די יונגעלייט זענען געקומען זען, צי וועט דאָ נישט זיין אַ בעסער פּלאַץ פאַר דער משפּחה ווי אין ראָוונע. מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט די געסט, און ספּעציעל דערפרייט האָט זיך צעשיע. זי איז נישט געווען גאַנץ גלייכ־גילטיק צו מלך־מאַרעק ביטער... און שוין אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן זיי מיר ביידע מיטגעטיילט, אַז זיי האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן. אַראָפּ אַ יאָך פון קאָפּ.

מאַרעק איז פאַרבליבן דאָ, צעשיע הייסט שוין צעשיע ביטער, און באַב איז צוריקגעפאָרן קיין ראָוונע אָפּגעבן אַ געגויעם באַריכט וועגן די מעגלעכקייטן אין לעמבערג.

IV

מען בויט דאָס נייע לעבן

אויף די חורבות פון אַלטן האָט גענומען שפּראָצן עפּעס א נײַ־לעבן. עס זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע מעגלעכקייטן. עס האָט זיך געפונען דאָ א גרויסער ארטיסטן־קאָלעקטיוו. עס זענען דאָ געווען אידא קאמינסקא, שמחה נאטאן מיט דער פאמיליע, מעלמאן, א גרויסער טייל פון דער געוו. ווילנער טרופּע. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט און געשאפן דעם ערשטן אויף דער לעמבערגער ערד יידישן מלוכהשן טעאַטער. עס האָט געקלונגען שטאָלץ און דערהויבן: דער יידישער מלוכהשער טעאַטער, און אַלע ארטיסטן האָבן באַקומען פעסטן געהאַלט, און ווען אויסשטאַטונג, דעקאָראַציע, קאָסטיומען און אפילו ווען בילעטן פאַרקויף האָט געזאָרגט די מלוכה. די ארטיסטן האָבן געהאַט איין אויפגאַבע — שפּילן גוט אין גוטן טעאַטער. אידא קאמינסקא האָט אָנגעפירט מיטן טעאַטער, קאַציזנע איז געווען ליטעראַרישער לייטער, די גאנצע ארטיסטן־גרופּע האָט באַקומען פליגל. עס איז געווען א פריידיקער אויפברויז. עס זענען געווען די בעסטע כוונות, עס האָט יעדער געוואָלט פון זיך ארויסגעבן דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקאָנט.

די ערשטע אויפפירונגען אין טעאַטער זענען געווען אימפּאָזאַנטע יום־טוב־פייערונגען פאַר א גרויסן און ברייטן יידישן עולם.

***

גאָבדעם האָט קאַציזנע באַקומען דעם אויפטראַג צו אָרגאַניזירן די יידישע ראַדיאָ־שעה. און דאָס האָט ספּעציעל דערוואַרעמט, געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען אין דער עפנטלעכקייט דאָס יידישע וואָרט. עס האָבן דיכטער זייערע ווערק געלייענט דורך ראַדיאָ, ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, פאַר דער גאַנצער וועלט, מען האָט גערעדט דורך די ראַדיאָ־כוואַליעס אויפן אייגענעם לשון, אויסגעזונגען די באַגערן און האָפענונגען. מען האָט טראַנסמיטירט דורכן ראַדיאָ אַלע פאָרשטעלונגען פונעם יידישן מלוכהשן טעאַטער. און עס איז געווען אַ באַזונדערער נחת צו הערן אויף די לעמבערגער גאַסן, ווו מען האָט ערשט נישט לאַנג זיך געדאַרפט היטן מיט אַ יידיש וואָרט, צו גיין און הערן אויף די גאַסן, פון די געדיכט אויסגעשטעלטע הויכרעדערס, דאָס יידישע וואָרט, יידישע לידער פונעם יידישן מלוכה־טעאַטער.

***

עס האָבן זיך אָרגאַניזירט די קינסטלער — פּלאַסטיקער. באַקומען אַן אייגענעם לאָקאַל, איינגעאָרדנט אַ פּערמאַנענטע אויסשטעלונג. געשאַפן באַזונדערע ספּעציעלע באַקוועמע אַטעליעס צום אַרבעטן, געעפנט אַ קלוב און געוואָרן די ערשטע די „גאַסטגעבער" פאַר דער גאַנצער יידישער אַזוי־גערופענער „באָהעמע". ביי זיי די ערשטע האָט מען געקאָנט באַקומען אַ וואַרעם גלעזל טיי מיט צובייסן, אפילו אַ מיטאָג, אַ צושמילץ צום גייסט־רייכן געשפּרעך. זיי האָבן אויך די ערשטע איינגעאָרדנט אַ ציקל לעקציעס וועגן קונסט, מאַלעריי, קלאַנג, ווערטער און פאַרבן.

עס האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן די שרייבער און זשורנאַליסטן. צו דער צייט זענען שוין אָנגעקומען נאָך פיל פּוילישע און יידיש־פּוילישע שרייבער. עס זענען שוין געווען באַי־זשעלענסקי, וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, עלזשביעטאַ שעמפּעלינסקאַ, האַלינאַ גורסקאַ, פּוטראַמענט, יעזשי באָרייִשאַ, נאַטאַנזאָן, לעאָן פּאַסטערנאַק, לוציאַן שענוואַלד, מיכאַל באָרוויטש־באָרוכאָוויטש, ג. נאַכט א"אַנד.

עס האָט זיך אַרויסגעוויקלט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע אוקראַאינישע גרופּע שרייבער מיט טודאַר, גאַלאַן, קאַרמאַנסקי, רודניצקי, קאָזלאַניוק א"א.

די ערשטע געסט פון קיעוו זענען טאקע געווען די אוקראאינישע שרייבער: קארנעיטשוק און רילסקי.

נאכדעם זענען געקומען די ערשטע געסט צו דער יידישער גרופע שרייבער מיט איציק פעפערן בראש.

עס האבן אונדז באזוכט: האפשטיין, טאלאלאיעווסקי, פאליאנקער, כאשצעוואצקי, וויעליעדניצקי און אנד. די לעצטע זענען געקומען קיין לעמבערג, ווען עס איז שוין געווען ארגאניזירט, אין א פרעכטיקן פירשטלעכן פאלאץ אויף קאפערניקא־גאס, דער קלוב פאר שריפטשטעלער און זשורנאליסטן און עס איז געקומען פון קיעוו דער אוקראאינישער שרייבער פיאטר פאניטש, וועלכער האט זיך געשטעלט בראש פונעם קלוב.

פונעם כאאס, פון דער איבעריקערעניש האט זיך אנגעהויבן ארויסוויקלען עפעס אן ארגאניזירט לעבן. דערווייל אבער נאך בלויז אין די באזונדערע, אזוי גערופענע העכערע גרופעס. די מאסע איז נאך געווען דעזאריענטירט.

צוליב דעם באפעל וועגן נאציאנאליזאציע פון גרעסערע אונטערנעמונגען זענען אלע געשעפטן געווען געשלאסן. ס'האט קיינער נישט געוווסט, וועלכע אונטערנעמונגען עס זענען „גרעסערע” און אונטערליגן דער נאציאנאליזאציע און וועלכע נישט. דערווייל האט מען אלץ פארקויפט „הינטערארום”, אויפן שווארצן מארק, און פאר גוזאלצענע פרייזן. נארמאל אויף א פאסטן, האט מען אויפן לעבן נישט פארדינט. פארדינט האבן נאר „ספעקולאנטן”, וועלכע האבן זיך אייגנטלעך פאר קיין ספעקולאנטן נישט געהאלטן; זיי האבן געטענהט, אז זיי פארקויפן נאר זייערע אייגענע סחורות, אדער אויסארבעטונגען; אלץ איז געשטיגן, און נישט זיי האבן אנגעהויבן מיט די געשטייגערטע פרייזן, זיי נעמען נאר פראפארציאנעל צו די געשטייגערטע פרייזן אויף ברויט...

און פאר ברויט אויפן שווארצן מארק — אז מען האט דאס נאר געקריגן — האט מען געצאלט! ס'האט עפעס קיינער נישט געוווסט באשטימט וואס יא, און וואס נישט. און עס האט זיך אויך אויסגעדאכט, אז די, וועלכע זענען געקומען פונעם סאוויעטנפארבאנד אויסלערנען דעם

עולם העלפן איינשטעלן דאס לעבן, האבן אליין אויך באשטימט נישט געוווסט, וואס יא און וואס ניין.

מען האט א שטייגער איינמאל ארגאניזירט א שנעל-קאמפאניע צו נאציאנאליזירן די הייזער. די דריי ראיאן-קאמיטעטן האבן צוזאמענגע-שטעלט, יעדער ראיאן פאר זיך, א גאנצע רייע פון קאמיסיעס, צו דריי אין א קאמיסיע, וועלכע האבן געדארפט גיין באזוכן די געוועזענע באלע-באטים פון די הייזער, זיך דערוויסן פרטים וועגן היפאטעק נומערן, קויף און פארקויף אפמאכן, דאקומענטן; געדארפט קלאר מאכן די געוו. באַ-לעבאטים וועגן דעם זין פון נאציאנאליזאציע א.א.וו.

די דאזיקע קאמיסיעס זענען אבער צוזאמענגעשטעלט געווארן אויף דער שנעל, ארייגעפאלן אין די קאמיסיעס זענען מענטשן צופעליקע, קיין גענויע אינסטרוקציעס, וואס זיי דארפן טאן, האבן זיי נישט געקריגן, און עס האט זיך אנגעהויבן... יעדע קאמיסיע האט אדורכגעפירט דאס שטיקל ארבעט אויף איר אייגענעם שטייגער, ווי זי האט דאס פארשטאנען. אייני-קע האבן ביי דער געלעגנהייט אדורכגעפירט ביי די ווירטשלייט א גע-נויע רעוויזיע און רעקווירירט, וואס מען האט געפונען: זילבער, גאלד, וואליוטע, צירונג א.ד.גל. די אנדערע האבן פארשטאנען זייער מיסיע אין דעם זין, וואס מען האט דעם באלעבאס פונעם הויז באלד ארויסגעווארפן פון זיין דירה און אריינגעזעצט אין דער דירה אן ארימען שכן, אדער דעם וועכטער, אדער גלאט אפגעשלאסן די דירה און דעם שליסל אפגעגעבן אין „זשיל-אטדיעל”. דער דאזיקער אופן פון נאציאנאליזאציע האט ארויסגע-רופן א שרעקלעכע מהומה אין שטאט. אויפן דריטן טאג האט מען פאר-זאמלט אלע מיטגלידער פון די קאמיסיעס אין „איספאלקאם” און דער הויפט-פראקוראר האט ערשט גענומען אויפקלערן, אז מען האט קודם-כל נישט געדארפט נאציאנאליזירן די קליינע הייזער, וועלכע האבן גע-דינט אלס וווינונגען פאר דעם באלעבאס און זיין פאמיליע אדער קרובים — און די קאמיסיעס האבן נישט נאר נאציאנאליזירט, צוגענומען די דא-קומענטן, נאר אין אייניקע פאלן ארויסגעווארפן די באלעבאטים; זיי האבן נישט געטארט ארויסווארפן אויף אייגענער האנט די באלעבאטים אפילו פון גרויסע דירות, זיי האבן עס געדארפט נאר פארנאטירן, מען

זאָל זיי אריינזעצן, אויב מען וואָלט געפונען פאר נויטיק, נאָך שכנים. די נאציאָנאַליזאציע האָט געדאַרפט אדורכגעפירט ווערן נאָר בנוגע איינג־טימער פון גרויסע רענט-הייזער, און אויך נאָר אין א פאָרם פון אויפ־קלערן, מיטיילן, באקאנט מאכן זיי און זיך באקענען מיט די דאָקומענטן און דאַסגלייכן.

דאָס שטיקל ארבעט איז שוין אָבער געווען אָפּגעטאָן.

צוליב דער דאָזיקער „נאציאָנאַליזאציע" איז אָבער געוואָרן לייכ־טער מיט דירות. מענטשן האָבן זיך דערשראָקן פאר גראַמע דירות און מען האָט גענומען אליין אריינגעמען צו זיך שכנים, כדי מען זאָל נישט אריינ־זעצן עמיצן אנדערש א נאָך ווייניקער געווונטשענעם.

אויך איך האָב גענאָסן פון דער דאָזיקער סיטואַציע. מען האָט מיר פאָרגעלייגט א שיין מעבלירט צימער מיט אַלע באקוועמלעכקייטן ביי א פאר־מעגלעכער פאמיליע, וועלכע האָט מורא געהאט אליין צו פארנעמען א גרויסע דירה. פון דער זעלבער גרויסער דירה האָט באקומען א צווייט צימער יאנקעלע שודריך. שודריך איז געווען אַן אַרטיקער, א לעמבערגער, נאָר שטענדיק געלעבט אין קלאָגלעכע באדינגונגען און דאָס צימער איצט אין דער לוקסוס-וווינונג איז אים שטארק צונוץ געקומען. מיט די נייע באַ־לעבאַטים האָבן מיר זיך זייער גוט איינגעלעבט. איצט זענען מיר געווען א נוצלעכער עלעמענט. צוליב אונדז, מיר זענען געווען סאָוויעטישע אָנ־געשטעלטע, האָט מען נישט אריינגעזעצט קיין אנדערע פרעמדע. פונעם ווייטן מזרח זענען איצט אָנגעקומען וואָס אמאָל מער מענטשן און פון זייערטוועגן האָט מען געדאַרפט האָבן דירות.

ס'איז מיר אמאָל געקומען אין קאָפּ אריין א משונהדיקער געדאנק: אהער קומען אָן קירגיזן, אוזבעקן, טאטארן, קאזאכן — און אהין שיקט מען ארויס פון דאנען אונדזעריקע; אפשר איז עס א געדאנק: א געמיש פון פעלקער, מנהגים, קולטורן — איין טייג פון אַלעמען און א סוף זאָל עס נעמען. צי טראַכט נישט עמיצער נאָך אזוי און פירט עס אדורך בביוון?

****

דאָס לעבן איז ביי מיר איצט געווען אויסגעפולט ביז איבער די

ברענגעס. איך האָב געהאט א גרויסע פאראנטוואָרטלעכע ארבעט אין דער בילדונגס-אָפּטיילונג. אין משך פון א קורצער צייט זענען אנטשטאנען שולן פאר אויסערשולבילדונג פאר דערוואקסענע ביי אלע פאבריקן, ווארשטאטן און אָוונט-קורסן ביי די נאָרמאלע שולן. עס האָט זיך גאָר ארויסגעוויזן, אז עס איז אין לעמבערג צווישן די ארבעטער געווען א גאנץ היבשע צאָל אנאלפאבעטן און האלב-אנאלפאבעטן. פאר אנאלפאבעטן און האלב-אנאלפאבעטן איז די שולע געווען אָבליגאטאָריש. לויט א דעקרעט וועגן „ליקווידאציע פון אנאלפאבעטיזם“, האָט די פאבריק דירעקציע געמוזט באַפרייען פון דער ארבעט מיט צוויי שעה פריער די ארבעטער, וועלכע האָבן געמוזט באזוכן די שולן אלס אנאלפאבעטן אָדער האלב-אנאלפאבעטן. אזוי אז דער לימוד איז פאָרגעקומען אויפן חשבון פון דער ארבעט אין פאבריק. די פאבריק האָט אויך געמוזט אויסהאלטן די לערער פון דער שול מיט געהאלט, פאיאָק; קויפן ביכער און לערן-מכשירים. איך האָב אין מיין ראיאָן געהאט עטלעכע און זיבעציק אָוונט שולן און עטלעכע און צוואנציק גרופּעס פאר אנאלפאבעטן ביי די פאבריקן. פאר דעם אלעמען האָט מען געדארפט צוגרייטן דעם לערער-פּערסאָנאל. די נאָרמאלע לערער זענען געווען באשעפטיקט אין די נאָרמאלע שולן. פאר די אָוונט-קורסן און די גרופּעס ביי די פאבריקן האָב איך ווערבירט לערער פון צווישן די געוועזענע יוריסטן, אדוואָקאטן. איצט האָבן זיי דאָ, נישט געהאט וואָס צו טאָן. מיט זייער וויסן פון דער פּוילישער יוריספּרודענץ האָבן זיי דאָ גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן. דאָס זענען געווען געבילדעטע מענטשן, אָבער קיין לערערס זענען זיי נישט געווען. האָט מען געדארפט אָרגאניזירן א קורצן לערער-קורס. און געלערנט אויף די קורסן האָט מען רוסיש, יידיש, פּויליש און אוקראיניש. און פארשידענע קענגשטאנדן אין די אויבנדערמאָנטע שפּראכן. אויך די קורסן פאר אנאלפאבעטן זענען געווען אין די אויבנדערמאָנטע שפּראכן. מען האָט געמוזט קענען לייענען און שרייבן און רעכענען — אלצאיינס אין וואָס פארא שפּראך. האָבן זיך יידן געלערנט יידיש, און פּאָליאקן — פּויליש און אוקראינער — אוקראיניש, און די גרעכטע טייל א חוץ דעם נאָך — רוסיש.

בין איך געווען שטארק פארוואָרפן מיט ארבעט. נישט קוקנדיק דערויף,

האָט עס מיך פאָרט געצויגן צום קלוב פון די ליטעראַטן און זשורנאַליסטן, איך בין געווען א מיטגליד פון דעם קלוב, און האָב מיין גאנצע פרייע צייט פארבראַכט אין קלוב. דאָרטן איז אויך איצט געגאנגען א גרויסע ברייטע אַרבעט. ס׳האָבן זיך געבילדעט קרייזן און קרייזלעך, גרופּעס און גרופּ־קעלעך: יידישע, אוקראַינישע, פּוילישע, סיי לויטן אַרט שאַפן: פּראָזע, פּאָעזיע, קינדער־ליטעראַטור, קריטיק אד״ג, סיי לויט דער שפּראַך. מען האָט זיך פאַרזאַמלט, איינגעאָרדנט קלענערע פאַרזאַמלונגען אין די גרופּעס, און גרעסערע עפנטלעכע, דיסקוסיע־אָוונטן, לעקציעס אויף פאַר־שידענע ליטעראַרישע און פּאָליטישע טעמעס.

עס געדענקט זיך זייער א געלונגענער פאָרטראַג פון באָי־זשעלענ־סקי וועגן מאָפּאַסאַנען און א דיסקוסיע נאָכדעם ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביי א פול־געפּאַקטן זאַל, נישט נאָר פון די קלוב־מיטגלידער און קלוב־געסט, נאָר אויך פיל זייטיקע געסט. א לעקציע פון יעזשי באָריישאָ וועגן אַדאַם מיצקעוויטש און זיין יידישן לעגיאָן. קאַציזנע האָט געהאַט עט־לעכע גרויסע אָוונטן. וואַנדא וואַשילעווסקאַ האָט געלייענט אין מאַנוס־קריפּט אירס א ניי ווערק, און א גרויסע דיסקוסיע וועגן איר „זומפּ אין פלאַמען״. עליזשביעטאַ טשעמפּיעלינסקאַס א דיכטער־אָוונט און רחל קאָרנס א דיכטער־אָוונט. עס געדענקען זיך אַרויסטריטן פון לוציאַן שענוואַלד, הערש וועבער, באָרוויטש און אַנדערע.

אַמאָל איז געשען אַזאַ עפּיזאָד: די פּרייטיק־צונאַכטן זענען געווען געווידמעט די פּאָליטישע איבערזיכטן פון דער וואָך, פאַרבונדן אויך מיט א געוויסן פאַרווייל־ונגס־מאָמענט: מוזיק, דעקלאַמאַציע, קינסטלערישע רעציטאַציעס אד״גל. דער „פּאָליט־אָטדיעל״ פלעגט שיקן אין קלוב פון די ליטעראַטן און זשורנאַליסטן די בעסטע לעקטאָרן.

ס׳איז געווען אין 1940 בעת דער מלחמה מיט פינלאַנד. עס איז גע־קומען א פּרעלעגענט א מיליטערמאַן, א פּאָלקאָווניק, דערקלערן די סיטו־אַציע אויפן פראָנט. ביי א גרויסער געאָגראַפישער קאַרטע האָט ער מיט א לאַנגן טייטל אָנגעוויזן אויף די פּאָזיציעס, דערקלערט, ווו עס געפינען זיך די פינלענדער, ווו די רויטע אַרמיי. דערביי אויך אָנגעוויזן די דייטשע גרענעץ: „דאָס איז די גרענעץ מיט דייטשלאַנד. פון דער זייט האָבן מיר

זיך אויף יעדן פּאַל געמוזט פאַרזיכערן..." — רעדנדיק וועגן דעם נישט־אָנגריפס־פּאַקט מיט די דייטשן, באַנוצט ער עטלעכע מאָל דעם אויס־דרוק: „גוטפּריינטשאַפטלעכער פּאַקט מיט די דייטשן" (דרוזשעסטוועני פּאַקט). צום סוף, נאָך דעם פּאָרטראַג, שטעלט ער, ווי עס איז אָנגענומען אין רוסלאַנד נאָך יעדער לעקציע, די פראַגע, צי האָט נישט עמיצער נאָך עפּעס וואָס צו פרעגן, צי איז אַלעמען אַלץ קלאָר?... געפעלט מיר אַרויס־צוטרעטן און צו שטעלן די פראַגע:

— פּאַקט וועגן נישט אַגרעסיע מיט די דייטשן, פאַרשטיי איך, כ'פאַרשטיי, אַז מען האָט געמוזט זיך פאַרזיכערן פון דער זייט די גרעניץ, אָבער כ'פאַרשטיי נישט די באַצייכענונג „דרוזשעסטוועני" — גוט־גוט פריינטשאַפטלעכע: וואָס פאַרא גוטע פריינט, וועלכע קענען אין יעדן מאָמענט אַריינשטעכן א מעסער אין רוקן"...

כ'געדענק, אַז עס איז אַנטשטאַנען א קאָנסטערנאַציע אין זאַל. מיינע פריינט, די זיינפעלדס, די אימבערס האָבן מיך געוואָלט אויפעסן: אַזעלכע פראַגעס שטעלט מען נישט!

חבר טודאָר (דער ראש פון דער אוקראַאינישער גרופּע שרייבער), וועלכער האָט דעמאָלט געפירט דעם פּאָרזיץ, האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט:

— אויף דער פראַגע וועט דער פּרעלעגענט געבן אַן ענטפער צום סוף...

דער פּרעלעגענט האָט מיר טאַקע צום סאַמע סוף געענטפערט, און דאָס נאָר מיר אַליין, ווען עס איז שוין קיינער אין זאַל נישט געווען. ער האָט געזאָגט, אַז אייגנטלעך בין איך גערעכט, אָבער די פּאָליטישע סיטו־אַציע איצט, א.א.וו. עס איז געווען קלאָר, אַז אַזעלכע פראַגעס שטעלט מען נישט עפנטלעך...

אויף די געזעלשאַפטלעכע „וויעטשערינקעס" אין קלוב פון די ליטע־ראַטן און זשורנאַליסטן, אין די פּריוואַטע צונאַכטן, פלעגן אויך אַרויס־טרעטן די בעסטע קינסטלערישע כוחות, וועלכע זענען געווען אין שטאָט, קאָנצערטן פון פידל־ווירטואָזן, פּיאַניסטן, אַרטיסטן פון דעם יידישן און

אוקראינישן טעאטער. עס האָט געלייענט מאיאקאָווסקין די מאָסקווער קינסטלערין קאמיענסקאיא. ערשט אין איר אינטערפּרעטאציע האָט מען ארויסגעפילט דעם גאנצן מאיאקאָווסקי.

דער ליטעראטן פאראיין האָט געלעבט, פולסירט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אויך א פארלעגערישע ארבעט. איצט האָבן חברה שוין נישט געשריבן גלאט אזוי אין דער וועלט אריין. מען האָט געשריבן צום דרוק. מען האָט געלייענט, דיסקוטירט און קריטיקירט.

עס זענען געווען האָניק-חדשים. אביסעלע שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן פילן דאָס ביסעלע דזשיענעכץ אין פעסל האָניק. דאָס מענטשלעכע אין מענטשן, און ביי חברה שרייבער און קינסטלער אביסל געשטייגערט — א ביסל קנאה, א ביסל שנאה, און גלאט אזוי נישט פארגינערייַ.

עס געדענקט זיך, אָבער דאָס איז שוין געווען שפּעטער, עפּעס א קליין פּארטיי־מענטשל, א גאסט פון קלוב האָט איינגערעדט שודריכן — טראָצקיזם.

שודריך איז פון דער הויט געשפּרונגען: ס׳טייטש, ווי קאָן מען דאָס אויף אים זאָגן, ער איז א רעגלמעסיקער קאָמוניסט. „ס׳אנדערע" — האָט ער געטענהט, „כ׳בין א שרייבער, א שרייבער איז דאָס וואָס ער שרייבט, באווייזט איין קרומע שורה אין מיינע דיכטונגען" — יענער האָט אָבער ארויסגערופן לעבעדיקע עדות. עס זענען געווען לעבעדיקע עדות אויך פון שודריכס זייט. עס איז אוועק אן אויספאָרשונג און כאָטש אין אייגענעם קרייז, צווישן חברים, איז עס געווען שווער און פינצטער. א באשולדיקונג אין טראָצקיזם אין יענער צייט איז געווען א שווערע באשולדיקונג.

שודריך האָט געצאנקט ווי א ליכט, ער איז שיעור נישט משוגע געוואָרן. ס׳האָט געדויערט א פּאָר וואָכן. דער בחור איז דערפירט געוואָרן צו אזא צושטאנד, אז מיר האָבן אים אין דער היים געהיטן, ער זאָל זיך א מעשה נישט אָנטאָן. ענדלעך איז ארויסגעטראָגן געוואָרן דער אורטייל. מען האָט אים ריינגעוואשן, רעהאבילירט און ער איז צוריק ווי אריין אין די האָלאָבלעס, אָבער זיין אויפגעלעבטקייט, פריילעכקייט און זאָרג־

לאַזיקייט, וואָס האָט געשפּרודלט אין אים די ערשטע טעג, איז שוין נישט צוריקגעקומען*).

און נאָך א שטאַרק פיינלעכער פאַל האָט זיך אָפּגעשפּילט שפּעטער אין ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין, וואָס האָט זיך איצט שוין גערופן נישט פאַראיין, נאָר קלוב. פונעם קלוב, וואָס איז געווען נאָר א געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, האָט זיך געזאָלט ארויסוויקלען א פּראָפעסיאָנעלע אינסטיטוציע. צום פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן האָבן געקאָנט געהערן נאָר מענטשן, וועלכע האָבן זיך פּראָפעסיאָנעל באַשעפטיקט מיט שרייבעריי, דערפון געלעבט, קיין אנדערע פאַכן נישט פאַרנומען. עס עקזיסטירט א געוויסע פּראָצעדור ביים ארייננעמען אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. א באַשטימטע פאַך־קאָמיסיע נעמט אויף אין אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דעם געגעבענעם פאַך קאַנדידאַטן. דער קאַנדידאַט דאַרף זיך עפנטלעך מתוודה זיין, דערציילן זיין אויטאָביאָגראַפיע, באַגרינדן זיין ווונטש ארייננצוטרעטן אין פאַראיין, א. ד. גל. נאָכדעם האָבן דאָס רעכט אים צו שטעלן פראַגן די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע און מענטשן פונעם עולם אין זאַל. די פראַגן האָבן ס'רוב דעם ציל פעסטצושטעלן דעם פּאָליטישן קרעדא פונעם קאַנדידאַט, זיין אָפּשטאַמונג א. ד. גל.

אין ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין האָט די דאָזיקע פּראָצעדור אַפּטמאָל אָנגענומען א פיינלעכן כאַראַקטער. ס'איז געווען א שטייגער א מאָדנע געפיל, ווען מען האָט באַהאַנדלט די קאַנדידאַטור פון דעם גרויסן פּוילישן שרייבער באָי־זשעלענסקי אין פאַראיין אריין, צו הערן קרום־קיילעכדיקע פראַגעס, וואָס מען האָט אים געשטעלט מיטן צוועק ארויסצוברענגען, אז פריער אין פּוילן איז ער געווען צווישן די פּריווילעגירטע שרייבער, איצט איז עס געווען א חטא, און ווען דער פאַרהער פון באָיען האָט אָנגענומען א בולט צביעותדיקן כאַראַקטער און האָט זיך לאַנג

*) דער קליינער יאַנקעלע שודריך איז אומגעקומען ווי א העלד, ביים ארגאַניזירן א באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן די דייטשן אין לעמבערג.

פארשלעפט, האט עס פארדראסן איינעם פון די אנגעזעענסטע אוקראיני־שע שרייבער און ער איז ארויסגעטרעטן און געזאגט:

— „אין וואס גייט עס אייך, חברים? איר צווייפלט, צי באי־זשע־לענסקי איז א שרייבער? ווען מיר וואלטן ביי אונדז געהאט כאטש א האלבן ווי באי־זשעלענסקי, וואלט אונדזער ליטעראטור טאפלט רייך געוועזן".

ס'איז עפעס א בושה געווארן. באי־זשעלענסקי, א שרייבער מיט א וועלט־נאמען, און אין דער קאמיסיע זענען געזעסן „פאבלייט"... מען האט געשטעלט די געווענלעכע פראגע:

„וואס פאר א פארשלאג?"

פון עולם האט מען געענטפערט ווי געוועגלעך ביי דער דאזיקער פרא־צעדור:

„ארייננעמען".

מען האט אפגעשטימט. אלע האבן זיך אויפגעהויבן. און באי זשע־לענסקי איז געווארן א מיטגליד פונעם ליטעראטן און זשורנאליסטן פאר־איין *).

*
* *

ווען עס איז געקומען צום באהאנדלען די קאנדידאטור פון שמואל יעקב אימבער, אלס מיטגליד אין פראפ־פאראיין, האט זיך אויפגעהויבן דוד קעניגסבערג און דערמאנט אימבערן, אז אין איינעם פון זיינע אר־טיקלען דארט און דארט האט ער, אימבער, זיך אויסגעדריקט נישט לא־יאל... א.א.וו. דווקא דוד קעניגסבערג האט עס געזאגט.

מען האט אים געקאנט גלויבן, קעניגסבערגן, אז ער געדענקט גוט, וואס דארט און דארט איז געווען אנגעשריבן. עס האט אפשר קיינער אזוי אויפמערקזאם נישט געלייענט אימבערן ווי דוד קעניגסבערג. קעניגסבערג איז געווען פיל שולדיק אימבערן. קעניגסבערג, א מענטש פון פאלק, האט

*) טאדעוש באי־זשעלענסקי איז אומגעקומען מיט א מארטירער טויט ביי די דייטשן

אנגעהויבן שרייבן שפעט, ער האט געוווינט אין דארף, געארבעט אין פעלד, איז ווען ער האט אנגעהויבן שרייבן, האט געגלאנצט ארום אים דער אפשיין פון א לינק־געשטימטן. נאך פאר דער מלחמה האט מען אים גוט אויפגענו־מען אין דער שרייבערישער משפחה און ספעציעל גוט, ברידערלעך ממש, האט זיך צו אים באצויגן אימבער. ווען קעניגסבערג האט גענומען איבער־זעצן מיצקעוויטשעס „פאן טאדעאוש", האט אים אימבער, א גלענצנדער פאלאניסט, נישט איינמאל ארויסגעהאלפן; קעניגסבערג איז געווען אין שטוב פון די זיינפעלדס און אימבערס א נאענטער, אן אייגענער מענטש. און איצט איז פונקט מצד קעניגסבערגן געקומען דער שטאך, דאס מעסער אין זייט אריין.

עס איז געווען א פיין דאס מיטצולעבן.

די קאנדידאטור פון אימבערן איז געבליבן הענגען. דאס אריינגעמען אים אין פאראיין איז אפגעלייגט געווארן ביז נאך דער אויספארשונג. אין דער אויספארשונגס־קאמיסיע זענען אריין אויך אימבערס גוטע פריינד, יידישע און נישט יידישע ליטעראטן. מען האט גענומען מישן זיינע ווערק. די אויספארשונג האט זיך געצויגן.

זיין א ליטעראט און נישט געהערן צום פראפעסיאנעלן ליטעראטן פאראיין, איז שוין געווען נישט קיין אנגענעמע זאך. עס איז געווען א פראגע פון עקזיסטענץ, א פראגע פון געדרוקט און געלייענט ווערן, אדער נישט געדרוקט און נישט געלייענט ווערן, אריינפאלן אין פארגעסן, אדער אינגאנצן אראפפאלן.

אימבער און מיר אלע נאענטע ארום אים האבן עס צוזאמען מיט אים שווער איבערגעלעבט, שווער איבערגעטראגן.

קעניגסבערג איז געווען א הונדערט פראצענטיקער קאמוניסט, אימ־בערן האט ער פאר אזעלכן נישט געהאלטן, האט ער, קעניגסבערג, גע־האנדלט „לויטן געוויסן".

אבער ווער קען איצט קעניגסבערגן אורטיילן? אויך ער איז נישטא, ער איז אומגעבראכט געווארן אין לעמבערג ביי די דייטשן.

***

פון לאדזש זענען אריבערגעקומען, געגנבעט די דייטשע גרענעץ,

איצט, אין ווינטער, מיין יינגסטע שוועסטער מיט איר מאן און קינד. דאָס לויפן איצט פון דאָרט אהער איז מער שאנסן אויף טויט ווי אויף לעבן. א חוץ דער געפאר מצד די דייטשן, לויערן איצט אויף די פליטים נאך פארשידענע רויבער־באנדעס, וועלכע נעמען צו נישט נאָר אלץ, וואָס מען האָט מיט זיך פונעם פארמעגן, נאָר אויך דאָס לעבן. א גרויסער שונא איז אויך די ווינטער צייט אליין. אז מען קומט שוין אָפּ גוט, אויסגעמיטן אלע געפארן מצד די צווייפיסיקע און פירפיסיקע חיות אין פעלד, אין וואלד, קומט מען ערשט מיט אָפּגעפרוירענע הענט און פיס... פראָסט און טיפער שניי אויף די וועגן.

אביסל שפעטער איז האלב גליקלעך — נישט אינגאנצן גליקלעך, ווייל אויך מיט אָפּגעפרוירענע אברים — אָנגעקומען א צווייטע גרופּע פון מיינע קרובים — לאזארס משפחה, די פוקסעס, זיינע דריי ברידער מיט די פרויען און קינדער.

סיי מיין שוועסטער מיט דער פאמיליע, סיי לאזארס פאמיליע זענען דערווייל געבליבן אין ביאליסטאָק.

כ׳האָב געוואָלט, אז מיין שוועסטער, שוואָגער און קינד זאָלן קודם־כל אריבערקומען קיין לעמבערג, ווו איך בין שוין געווען איינגעאָרדנט און האָב אויך געקאָנט זיי העלפן זיך איינאָרדענען. ביז מיר האָבן זיך צוזא־מענגעשריבן ווי אזוי צו פאָרן און ווי אזוי צו קומען, האָט זיך אָנגעהויבן די פאספּאָרטיזאציע, ד״ה מען האָט אָנגעהויבן ארויסגעבן די נייע סאָ־וויעטישע בירגער סאָוויעטישע פּעסער.

מיין שוואָגער מיט זיין ברודער האָבן אין לאָדזש געפירט א מעכא־נישן ווארשטאט. ביידע זענען זיי געווען פעאיקע טעכניקער און מעכא־ניקער. זיי האָבן שטענדיק עפּעס געמייסטרעוועט, באקומען אפילו עפּעס א פאטענט אויף א טעקסטיל־מאשין פון זייער אייגענער קאָנסטרוקציע. איינמאָל האָבן זיי אָפּגעקויפט אן אלטן אויטאָמאָביל און אים אויסגע־מייסטרעוועט אזוי, אז עס איז אים פון געוואָרן א לייט, און זיי האָבן גענומען פאָרן איבער דער שטאָט אויף אן אייגענעם אויטאָמאָביל.

איצט איז דאָס זיי אקעגנגעקומען.

עמיצער פון די לאָדזשער האָט ערגעץ מיטגעטיילט: „וואָס? די דאָ־

זיקע מענטשן? בורזשויען! זיי זענען אין לאָדזש ארומגעפאָרן אין אייגע־נע אויטאָמאָבילן!" און שוין. מיין שוואָגער מיט דער שוועסטער האָבן באַקומען פעסער מיט „פּאַראַגראַפן". אזוי האָט דער פּאַס אויסגעזען ווי אַלע פּעסער — נאָר אויף איינעם פון די פּאָרלעצטע בלעטלעך איז גע־ווען א קליינע באַמערקונג: א פּאַראַגראַף, א קליינער פּאַראַגראַף, כמעט גישט צום באַמערקן, אָבער ווער עס האָט געדאַרפט וועגן דעם וויסן, די וועלכע האָבן די פּעסער געדאַרפט קאָנטראָלירן, האָבן געוווּסט וואָס דער „פּאַראַגראַף" באַדייט. מיין שוועסטער און שוואָגער האָבן צו מיר נישט געקאָנט קומען, זייער „פּאַראַגראַף" האָט זיי פאַרבאָטן צו וווינען אין א גרויסער שטאָט, זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרלאָזן, אָן א ספּעציעלער דערלויבעניש, זייער וווין-אָרט, געמוזט וווינען אויף א געוויסן שטח פון דער גרעניץ און אין א קליין שטעטל. זיי זענען שוין געווען שטענדיקע, אָדער בעסער געזאָגט, פון די ערשטע קאַנדידאַטן ארויסגעשיקט צו ווערן טיפער אין לאַנד אריין.

אין דעם זעלבן נוסח א צווייטע געשיכטע.

א. ס., געוועזענער לייטער פון א יידישער שול אין לאָדזש און זיין פרוי, אויך א באַקאַנטע גוטע פּעדאַגאָגין, האָבן נאָכן אריבערקומען אויף דער זייט באַקומען ארבעט אלס לערער אין א יידישער שול אין א שטעטל נעבן ביאַליסטאָק. פּלוצים באַקומט זייער נאַטשאַלניק א „דאָקלאַד", אז ס. אלס דירעקטאָר פון דער יידישער שול אין לאָדזש, האָט בשעתו באַ־זייטיקט פון דער ארבעט לערער־קאָמוניסטן.

דעם נאַטשאַלניק איז געווען א שאָד גלאַט אזוי זיך צו שיידן מיט די ק״ס, זיי זענען געווען גוטע אַרבעטער, ק. איז א חוץ דעם א גוטער רעד־נער, האָט אין שטעטל געפירט א גרויסע אויפקלערונגס ארבעט. מיט איין וואָרט, דער נאַטשאַלניק האָט אים ארויסגערופן, געוויזן דעם „דאָקלאַד", אונטערגעשריבן מיטן פולן נאָמען פון א געוועזענער לערערין אין דער שול. ס. האָט דערקלערט, אז די מעשה איז נישט אזוי געווען ווי די לערערין שרייבט עס, אז ווען די שולע אין לאָדזש האָט געמוזט צוליב פאַרשידענע סיבות פאַרקלענערט ווערן, זענען ווירקלעך באַזייטיקט געוואָרן עטלעכע לערערינס, אָבער נישט לויט פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט, נאָר לויט דעם, ווער

עס האָט זיך אין דער שול־אַרבעט אַמווייניקסטן געגוויטיקט, — אַזוי אַרום האָבן די שול געמוזט פאַרלאָזן אין דער ערשטער ריי די פאַרהייראַטע לערע־רינס, וואָס זייערע מענער האָבן געאַרבעט און פאַרדינט. די לערערין, די „דאָקלאַדטשיצע", איז אויך געווען אַ פאַרהייראַטע, און איר מאַן האָט געהאַט פּרנסה...

דער נאַטשאַלניק האָט גענומען דעם „דאָקלאַד" און אַרונטערגעלייגט אונטער די פּאַפּירן.

די לערערין האָט באַמערקט, אַז איר „דאָקלאַד" האָט קיין ווירקונג נישט, האָט זי אָנגעשריבן אַ צווייטן אין דער שטאָטישער אָפּטיילונג.

מען האָט אַרויסגערופן דעם נאַטשאַלניק מיט ק., ווידער אויפגע־קלערט דעם ענין און ווידער אַוועקגעלייגט דאָס פּאַפּיר אין אַ זייט.

האָט זיך די חברטע נישט געפוילט און אָנגעשריבן אין דער קרייז־אָפּ־טיילונג, גלייך קיין ביאַליסטאָק.

פון דאָרטן איז אָנגעקומען אַן אָנפראַגע אין דעם שטעטל אַריין:

„וואָס טוט זיך דאָרט ביי אייך? איר דעקט אַזעלכע מענטשן?"

האָט זיך די נאַטשאַלסטוואָ שוין דערשראָקן און די ק.־ס, אינ־מיטן פון שול־יאָר באַזייטיקט פון דער אַרבעט. אין שטעטל האָבן זיי שוין נישט געקאָנט בלייבן, אַ פּאַס מיט אַ „פּאַראַגראַף" האָבן זיי שוין אויך באַקומען. זיי האָבן זיך געלאָזט ווייטער ערגעץ זוכן אַרבעט.

און אָט איצט טראַכט איך: מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן, און אין מלחמה־צייט ספּעציעל, ווו עס איז אַ רעה און ווו עס ליגט די טובה פאַר אַ מענטש. די חברטע־לערערין האָט בפירוש געוואָלט אָפּטאָן די ק.־ס אַ שפּיצל. אַרויסגעקומען איז דערפון אַ טובה, ווייל אָט זענען די ק.־ס אין די ווייטע מקומות אין רוסלאַנד איבערגעקומען בשלום די מלחמה, ער איז געווען דירעקטאָר פון פּוילישן קינדערהיים אין טאַשקענט. און ווער ווייסט, צי וואָלטן זיי זיך געווען געראַטעוועט, ווען זיי בלייבן אין דעם קליינעם שטעטל נעבן ביאַליסטאָק.

און ווידער וועגן דעם ווי מען קאָן נישט וויסן, ווו עס ליגט די רעה און ווו די רעטונג פאַר אַ מענטש, אין מלחמה צייט:

מיינע קרובים, די פוקסעס, האָבן באַלד ווי זיי זענען געקומען אהער,

גענומען זוכן דעם פערטן ברודער זייערן, דר. לעאָן פוקס, וועלכער איז מאָבילתירט געוואָרן פון אָנהייב מלחמה אין דער פּוילישער אַרמיי. מען איז אינגיכן געפאַלן אויף אַ שפּור פון אים. אַ פּוילישער אָפיציר, וואָס איז אַנטלאָפן פון אַ געפאַנגען־לאַגער, האָט אַנגעוויזן, אַז לעאָן געפינט זיך אין געפאַנגען לאַגער פאַר אָפיצירן אין קאָזיעלסק, נעבן סמאָלענסק. מען האָט אַהין אָנגעשריבן אַ בריוו און באַקומען אַן ענטפער פון אים אַליין. ער איז מיט זיין פעלד־שפּיטאָל גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט נע־בן ברעסט־ליטאָווסק, ער האָט פיל דורכגעמאַכט און בעט, מען זאָל אים אַרויסשיקן 100 רובל. מען האָט אים די 100 רובל פאַרשטייט זיך באַלד אַרויסגעשיקט.

אין אַ 8 אָדער 10 טעג שפּעטער האָט מען אַרעסטירט די גאַנצע פאַ־מיליע, די דריי ברידער פוקס, די שוועגערנס מיט די צוויי קינדער — 8 מעגטשן, און זיי אַרויסגעשיקט טיף אין לאַנד אַריין, אין די וויטע גו־בערניעס פון קאַזאַכסטאַן: פאַר קאָמוניקירן זיך מיט אַ וויים־אָפיציר...

דאָס האָט אונדזער לעאָן געזאָלט זיין דער וויים־אָפיציר!..

איך האָב באַקומען אַ קאַרטל פון זיי פונעם וועג. דאָס איז געווען אַ געשריי פון פאַרצווייפלונג. נישט בעסער זענען געווען זייערע בריוו פונעם אָרט, וווהין זיי זענען אָנגעקומען. פאַרמעגלעכע מענטשן פון דער היים, זענען זיי איצט געווען נאַקעט און באָרוועס. מען האָט זיי צוגענומען ביים אַריבערגיין די גרעניץ אַהער ביזן לעצטן העמד, און איצט, אין ווינטער, האָט מען זיי אַריבערגעוואָרפן אין וויטן קאַלטן קאַזאַכסטאַן. זיי זענען אָנגעקומען עפּעס אין אַ ווילדער ווייטעניש נעבן אירטישסק (ביים טייך אירטיש אין סיביר), אין קעלט, אין הונגער און שווערע אַרבעט.

זיי האָבן געשריבן אין אַלע עקן, צו אַלעמען ווו מען האָט זיך גע־קענט פאַרענטפערן, אַז דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס אַ שרעקלעכער טעות, אַז אונדזער לעאָן איז נישט קיין וויים־אָפיציר, אַז דעם ראַנג אָפיציר האָט ער אַלס דאָקטאָר, און זיי זענען נישט קיין קרובים פון קיין וויים־אָפיציר...

און אויך איך פון מיין זייט האָב געשריבן פון מיין און פון זייער נאָמען; געשריבן אין נ.ק.וו.ד. פון ווייסרוסלאַנד, קיין מינסק, ווייל מען האָט זיי פאַרנומען אין ביאַליסטאָק, וואָס האָט געהערט צו ווייסרוס־

לאנד, געשריבן אין נ.ק.וו.ד. פון לעמבערג, ווו איך האָב געוווינט, געשריבן קיין מאָסקווע, אומעטום געפּרוווט דערווייזן, אז עס איז עפּעס א טעות, לעאָן איז נישט קיין ווייס־אָפיציר, נאָר א יידישער דאָקטאָר און אדרבה — א לינק־געשטימטער און פון פּראָלעטארישער אָפּשטאַמונג... און די קרובים האָבן קיין עוולה נישט געטאָן דערמיט, וואָס זיי האָבן אים געוואָלט העלפן.

כ'האָב זיך באמיט מיט אלע כוחות זיי פון די ווייטע ווייטענישן ארויסצושלעפּן, צוריקצובריינגען, נאָר אפשר איז דאָס געווען א פאַרגעפיל, יעדנפאלס געדענק איך, אז כ'האָב אמאָל געשריבן אין א בריוו נישט דרייסט און פאַרזיכטיק, כדי מיינע קרובים זאָלן נישט מיינען, אז עס גייט מיר אפשר אין מיין טרחה — איך האָב געשריבן, אז עס לוינט זיך אפשר נישט איינצולייגן וועלטן, זיי זאָלן צוריקקומען אהער קיין לעמבערג אָדער ביאַליסטאָק, און אלס הויפּט סיבה זיי טאקע אָנגעוויזן, אז מיר געפינען זיך דאָ ביי א גרעניץ און עס איז מלחמה־צייט און פון א גרעניץ קאָן ווערן א פראָנט, און פון א פּראָנט איז גלייכער צו זיין ווייטער.

דערויף האָב איך באקומען אן ענטפער פון מיין יינגסטן שוואָגער אלעקסאנדער, כ'געדענק דעם ענטפער, ווייל ער האָט מיר אזוי וויי־געטאָן, — אז איך רעד ווי א מענטש, וועלכער עצהט א צווייטן וועמען עס טוט שטאַרק וויי דער קאָפּ, — ער זאָל נישט איינגעמען קיין פּולווער צו קאָפּ ווייטיק, ווייל עס שאדט צום הארץ... אָט מיט דעם ביישפּיל האָט ער מיר געמאַכט א פאָרוווּרף, וועלכן כ'האָב מיר נישט פאַרדינט.

אין די ווייטערע בריוו זייערע האָבן אלעקסאנדער און יאשעק (דער פּלימעניק, א סטודענט פון קעמברידזשער אוניווערסיטעט, וועלכן ס'האָט זיך פאַרגלוסט א היים צו קומען אויף די זומער פעריען און איז פאַר־באַפּט געוואָרן פון דער מלחמה) געשריבן, אז זיי פאַשען שאָף, טויזנטער שאָף אין די ווייטע סטעפּעס. מען וואָלט דערפון געקאָנט מאַכן א שיינעם פילם. אָבער זיי, די שטאָט־מענטשן, איז געווען פרעמד דער סטעפּ, און זיי האָבן נישט געוווסט, ווי אזוי זיך צו באגיין מיט די שאָף, ווי אזוי זיי צוזאמענטרייבן און צוזאמענהאלטן, זענען זיי קיין סטאַכאַנאָווצעס ביי דער ארבעט נישט געווען.

אין איין בריוו שרייבט אַלעקסאַנדער, ער איז שפּעט אין דער נאַכט אַהיים געגאַנגען פון אַ ווייטן מקום און אָנגעטראָפן אויף אַ סטאַדע וועלף. ער האָט אין זיין לעבן קיין וועלף נישט געזען, סיידן אויף אַ בילדל אין אַ ביכל. ס׳איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן דעם איינדרוק. צום גליק האָט ער זיך דערמאָנט, אַז וועלף האָבן מורא פאַר פייער, האָט ער אָנגעצונדן אַ סקירדע שטרוי, וואָס האָט זיך געפונען צום גליק נישט ווייט פונעם וועג...

איינמאָל האָב איך אומגעריכט באַקומען עפּעס אַ פּרעמיע 100 רובל. כ׳האָב געכאַפּט און דאָס געלט טעלעגראַפיש איבערגעשיקט קיין קאַזאַכסטאַן צו זיי און צוריק באַקומען אַזאַ בריוו:

אַלעקסאַנדער איז געווען אינגאַנצן באָרוועס, די פיס צעקאַליעטשעט אַזוי, אַז ער האָט שוין נישט געקאָנט אַפילו אַרויסגיין אויף אַרבעט. עפּעס אַ טאַטער האָט געהאַט צו פאַרקויפן אַ פּאָר אַלטע וואַלינקעס (וואָלענע שטיוול) פאַר צוויי הונדערט רובל, אַ הונדערטער האָט ער געוואָלט מזומן און אַ הונדערטער האָט מען געקאָנט אויסצאָלן אויף ראַטעס. און דאָ איז אָנגעקומען מיין הונדערטער. צי קאָן איך מיר פאָרשטעלן דאָס גליק? און אַזוי ווייטער.

די שווענגערין האָט געשריבן: נאָך וואַסער דאַרף מען גיין גאַנץ ווייט, און ווען ס׳איז אַ ווינט, און ווינטן זענען דאָרט אַזעלכע, אַז עס קאָן אַמאָל אָוועקטראָגן אַ מענטש, ווייעט עס אויס דאָס וואַסער פונעם עמער, דאָס קלייד אַרום ווערט נאַס און באַלד פאַרפרוירן. ביז זי קומט אַ היים, שטייט זי אין קליידל, ווי אין אַ גלאָק. זי גייט שוין נישט, נאָר זי קריכט אויף אַלע פיר און דער עמער איז שוין פּוסט. אומזיסט געווען דער גאַנג. געהייצט האָט מען מיט באַלינגע פון די פערד, פון די שאָף און מען האָט זיך אָנגעגעסן מיטן רויך מער ווי מיט דעם וואָס מען האָט געקאָנט דערביי אָפּקאָכן.

כ׳האָב געוואָלט זיי פון דאָרטן אַרויסשלעפּן און ס׳איז געווען אומזיסט מיין מי.

איז אָט די דאָזיקע פאַרשיקונג זייערע האָט דאָך די גרעסטע טייל

פון זיי אָפּגעראַטעוועט. עס איז געשטאָרבן אין דער דאָזיקער פאַרשיקונג דער עלטסטער שוואָגער: קובאַ פוקס; דער צווייטער שוואָגער טשעסלאַוו; אָבער די איבעריקע 6 פון 8 זענען לעבן געבליבן און ווער ווייסט, צי וואָלט פון זיי עמיצער געבליבן, ווען זיי וואָלטן אַלע געווען אין ביאַליסטאָק.

דער יידישער — גם זו לטובה!...

V

דעפּאָרטאַציע

און ווידער אויף דער זעלבער טעמע: איינמאָל האָט מען געמאָלדן, אַז עס איז געשלאָסן געוואָרן אַן אויסטויש־אָפּמאַך מיט די דייטשן: איז ווער עס וויל, אַריבער אויף דער דייטשער זייט, זאָל זיך פאַרשרייבן, פון דאָרטן וועט מען אַריבערשיקן די, וועלכע געהערן אַהער.

און ס׳איז געשען עפּעס אַזעלכעס, אויף וואָס מען האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט ריכטן. פאַרן לאָקאַל, וווּ מען האָט פאַרשריבן די, וועלכע ווילן זיך צוריקקערן אויף יענער זייט, זענען געשטאַנען טאָג און נאַכט רייען צום פאַרשרייבן זיך. ס׳האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז די גאַנצע שטאָט קלויבט זיך אַריבערצופּעקלען אַהין. און נישט נאָר פּאָליאַקן זענען עס געווען. עס זענען געשטאַנען אין דער רייע די גרעסטע טייל אַריבערגעקומענע אַהער יידן.

כ׳האָב זיך ביים פּנים געריסן יעדעס מאָל, ווען כ׳פלעג אַדורכגיין די רייען און טרעפן דאָרט באַקאַנטע היימישע מענטשן:

— וואָס טוט איר? ווי קענט איר זיך פאַרשרייבן צוריקצופאָרן צום דייטש?

עס זענען שוין געווען קלאַנגען וועגן עפּעס געטאָס, וועגן געלע לאַטעס. און איך האָב געטענהט צו די מענטשן:

— וועגן דער געלער לאַטע אַליין, צי שטעלט איר זיך נישט פאָר, ווי איר וועט אויסזען מיט אַ געלער לאַטע?

מענטשן האָבן אָבער געהאַט זייערע סיבות. די גרעסטע טייל פון די פּליטים דאָ זענען געווען מענער, וועלכע זענען געלאָפן אין די ערשטע טעג מלחמה און געלאָזט דאָרט פרוי און קינד. אין גערדאַנק איז די היים בײַ זיי פאַרבליבן אין זכרון אַזוי ווי זיי האָבן זי איבערגעלאָזט ביים ארויס־גיין: אַ גאַנצע, אַ וואַרימע, אַ ריינע, און דאָ זענען זיי געלעגן אין ענג־שאַפט, אין שמוץ און הונגער, די מערסטע טייל פון זיי האָבן נישט גע־האַט קיין פּרנסה אָדער די פּרנסה האָט זיי נישט געסטאַיעט. יעדער האָט געהאַט עפּעס אַן אויסרייד: דאָרטן זענען געבליבן עלטערן, דאָרטן פרוי און קינד, דאָרטן וועט כאָטש זיין אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ העמד אויפן לייב. מען האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז די היים דאָרט איז שוין אויך קיין היים נישט.

האָבן יידן, און מען קען זאָגן, אַז די גרעסטע טייל, זיך פאַרשריבן אויף צוריק.

האָט דאָס שרעקלעך געברענט. די סאָוויעטישע מענטשן האָבן עס נישט געקענט פאַרדייען:

— איז עס זיי, די יידן אפילו, אַזוי מיאוס אונדזער אָרדענונג דאָ, אַז זיי ווילן באַדיי צוריק צו היטלערן? איז עס הייסט עס אַ פיינטלעכער עלעמענט, טאָ זאָלן זיי זיך דאָ נישט פּלאָנטערן אונטער די פיס.

און מען האָט באַשלאָסן אָפּצושיקן דעם עלעמענט ווייטער, טיפער, מיר האָבן דאָס אָנגערופן: צו די ווייסע בערן. ארויסגעשיקט האָבן געזאָלט ווערן אַלע „ביעזשענצעס", ד"ה פּליטים. די אָרטיקע, די לעמבערגער, האָט מען אין דער איצטיקער קאַמפּאַניע נישט גערירט. ס'הייסט גערירט האָט מען די לעמבערגער אויך, סיי פריער, סיי איצט און סיי שפּעטער, נאָר מען האָט ארויסגעשיקט קאַטעגאָריעס, וועלכע זענען באַצייכנט געוואָרן אַלס בורזשויען, עקספּלואַטאַטאָרס, פאַבריקאַנטן, הויזבאַזיצער, סוחרים, ספּעקולאַנטן אאַ"וו.

קעגן דער אויבנדערמאָנטער קאַטעגאָריע מענטשן איז אַ קאַמפּאַניע געפירט געוואָרן פּערמאַנענט, די גאַנצע צייט. די איצטיקע איז געווען אַ ספּעציעלע.

פיר טעג און פיר נעכט האָט געדויערט די קאַמפּאַניע. עס זענען צום

אדורכפירן די קאַמפּאַניע מאָביליזירט געוואָרן אַלע אָפּטיילן פון נ.ק.וו.ד. פון דער גאַנצער פּראָווינץ, די פּאַרטיי-מיטגלידער און די העכערע באַאַמטע פון די סאָוויעטישע אינסטיטוציעס. עס איז אויך צוגעגרייט געוואָרן טראַנספּאָרט-לאַסט-אויטאָס, דראָזשקעס, פערד און וועגענער. און שטאָט האָט געוווּסט, געפילט, אַז עס גרייט זיך עפּעס, מען האָט נאָר נישט געוווּסט וואָס נעמלעך און קעגן וועמען געווענדעט.

אין דער ערשטער נאַכט זענען געגאַנגען קאָמיסיעס, לויט אויסגעשריבענע אַדרעסן אין שטיבער, דריי פּערזאָן אין אַ קאָמיסיע און מען האָט גענומען לויט אַ צעטל אַליינשטייענדיקע מענטשן, וועלכע זענען אַריבערגעקומען פון יענעם טייל פּוילן וואָס איז אָקופּירט דורך די דייטשן. אָפּגעפירט מיט לאַסט-אויטאָס, אָדער דראָזשקעס צום וואָקזאַל. דאָרט איינוואַגאָנירט אין אַ לאַנגן צוג, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער סטאַציע. מען האָט געוווּסט, אַז די קאָמפּאַניע איז דערמיט נישט פאַרענדיקט, און די איבערגעבליבענע מענטשן פון דער קאַטעגאָריע האָבן זיך גענומען אויסבאַהאַלטן.

די צווייטע נאַכט האָט מען שוין אָבער געזוכט און גענומען נישט די אַליינשטייענדיקע, נאָר דווקא פאַמיליעס: מאַן מיט ווייב מיט קינדער. ווען עס האָט זיך גענומען אויסבאַהאַלטן די קאַטעגאָריע מענטשן, האָט מען אָנגעהויבן נעמען אַן אַנדערע, אַזוי אַז אַלע מאָל איז אַריינגעפאַלן אַ גרופּע, וועלכע האָט זיך דערויף נישט גערעכנט.

די אַקציע איז געווען געווענדעט קעגן מענטשן, וועלכע זענען אַריבערגעקומען פון יענער זייט, אָבער פון יענער זייט זענען געלאָפן כמעט אויסשליסלעך יידן, האָט עס געטראָפן נאָר יידן און עס האָט געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק — ווי אַ פּאָגראָם אויף יידן. מען האָט גענומען מענטשן, צעבראָכענע, פאַראומגליקטע, פאַראָרימטע, וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן צו דערוואַרעמען און ווידער אַרויסגעריסן און אַרויסגעפירט נאַקעטע און באָרוועסע אין דער קעלט ערגעץ אין דער ווייטער פרעמד.

יידן האָבן דערויף אויסגערעדט שרעקלעכע זאַכן. נאָך מער: דער אופן פונעם אַרויספירן איז געווען אַ שוידערלעכער: מען האָט די מענטשן באַהאַנדלט ווי „שונאים פון פאָלק", געפירט ווי אַרעסטאַנטן.

70 טויזנט מענטשן, האָט מען געזאָגט, האָט מען ארויסגעשיקט אין דער קאמפאניע פון לעמבערג. עס איז געווען א שרעקלעכער קלאַפּ.

און ווער וואָלט געקאָנט פאַראויסזאָגן דעמאָלט, אז דער דאָזיקער „קלאַפּ" האָט אָפּגעראַטעוועט די גרעסטע טייל פון די מענטשן דאָס לעבן. ווייל די גרעסטע טייל פון די דעמאָלט ארויסגעפירטע האָבן אין די ווייטע מקומות איבערגעוואַרט די מלחמה, און פון די פארבליבענע יידן אין לעמבערג — קנאַפּע 180 ביז צוויי הונדערט טויזנט — זענען נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע געבליבן א פּאָר הונדערט אויסבאַהאַלטענע.

איצט וועגן מיר בעת דער דעפּאָרטאַציע:

ס'האָט זיך געקאָנט אויסווייזן, אז איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבן. אויף צוריקצופאָרן האָב איך מיך נישט פארשריבן, פונקט פאַר־קערט: כ'בין געווען אויסער זיך פון צאָרן, וואָס אנדערע האָבן זיך פאַר־שריבן. כ'האָב געאַרבעט און פארנומען אן אָנגעזעענע שטעלע, אויף וועל־כער מען האָט מיך געדאַרפט האָבן, אָבער... אָבער דאָס הארץ איז געווען אומרואיק: א „ביעזשענקע" בין איך געווען, פון יענער זייט אָנגעקומען. און א געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע האָט דאָ נישט גאַראַנטירט די אומבאַ־רירלעכקייט. כ'האָב נישט געקאָנט זיין זיכער, אז מען וועט מיך לאָזן אויפן אָרט. מען האָט ארויסגענומען פונעם ליטעראַטן פאַראיין א פּאָר מיט־גלידער. די פאַרוואַלטונג פונעם פאַראיין האָט אינטערווענירט, אָבער דערווייל אָן רעזולטאַט.

מען האָט פארנומען עטלעכע לערער פון שולעס און עטלעכע טוער פונעם לערער־פאַראיין. עס האָט זיך וועגן זיי באַמיט דער „אָבלאָנאָ" אליין (אָבלאַסטנאָי אָטדיעל נאַראָדנאָוואָ אָבראַזאָוואַניא — קרייז־אָפּטייל פאַר פאָלקס־בילדונג), אָבער דערווייל אויך אָן דערפאָלג.

מיינע פריינד, די זיינפעלדס, אימבערס, מיינע באַלעבאַטים פון שטוב — די שטיינבערגס, זענען געווען וועגן מיין גורל נאָך מער באַ־זאָרגט ווי איך אליין. און איינמאָל, כ'ווייס נישט, צי דאָס איז געווען א פאָרגעפיל, צי האָבן זיי וועגן עפּעס געוווסט, נאָר זיי האָבן גענומען צו־שטיין צו מיר, כ'זאָל נישט בלייבן אין דער היים שלאָפן, כ'זאָל אוועק־גיין פון דער היים, וו מען קאָן מיך קומען זוכן. מיר איז אָבער עפּעס

געווען דערווידער דאָס אויסבאַהאַלטן זיך, כ'האָב זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, כ'האָב נישט געפילט קיין שולד אויף זיך, פאַרוואָס־זשע זאָל איך מיך עפּעס גיין אויסבאַהאַלטן, פאַרוואָס זאָל איך מורא האָבן. פאַרנאַכט איז אָבער געקומען ליובא זיינפעלד און האָט אין מיר אַזוי פיל אריינגערעדט, אַז איך בין אַוועק מיט איר צו זיי. ס'איז איינגנטלעך נישט געווען קיין נייעס פאַר מיר צו זיין ביי זיי אַ נאַכט און אַפילו אַ פּאָר טעג.

זיי פלעגן מיך אָפט מיטנעמען מיט זיך, ווען מיר פלעגן שפּעט אין דער נאַכט צוריקקערן פון אַ פאַרלעזונג אָדער טעאַטער; נאָר איצט איז עס מיר געווען דערווידער, ווייל עס האָט מיך געמאַטערט דאָס געפיל, אַז כ'גיי אַוועק ווי אַ „האָז" זיך אויסבאַהאַלטן.

זיין מיט די זיינפעלדס אָדער אימבערס איז געווען אַ פאַרגעניגן. אַזעלכע מענטשן טרעפט מען זעלטן. אַ באַזונדערע וואַרעמקייט, צערטלעכקייט איינס צו ס'אַנדערע, און דאָס האָט געשאַפן די אַטמאָספערע פון זייער שטוב. אַזוי איז עס געווען אין קראָקע, ווען די גאַנצע משפחה איז געווען צוזאַמען, ווען די מאַמע האָט געלעבט, אַזוי איז עס געבליבן איצט, ווען מען האָט געוווינט אין איין צימער.

כ'בין געזעסן דאָ ווי געוועגלעך, מיר האָבן גענומען גרייטן צו וועטשערע. זיינפעלד האָט געהאַט אַן אינטערעסאַנטע נייעס. ער האָט געאַרבעט אין אַרכיוו און אויסגעפונען עפּעס אַ דאָקומענט, וועלכער זאָל האָבן באַוויזן, אַז יידן געפינען זיך דאָ אויף דער ערד, שיעור נישט פאַר די פּאָליאַקן, עפּעס אַ האַנדלס־טראַקטאַט פון פאַר טויזנט יאָר. אָן אַנדערש מאָל הער איך מיך שטאַרק צו צו אַזאַ נייעס, היינט טראָגט עס מיך אויף, ביי דער וועטשערע זיץ איך ווי אויף שפּילקעס און פּלוצים טו איך מיך אַ שטעל אויף: ניין, כ'וויל נישט, כ'גיי אַ היים!

און ס'העלפט גאָרנישט, כ'נעם און גיי אַ היים.

ס'איז געווען אַרום 11 אַ זייגער. באַלד ווערט געשלאָסן טיר און טויער און עס הייבט זיך אָן די אַרבעט פון די קאָמיסיעס...

אין דער היים האָט מען זיך נישט שטאַרק דערפרייט מיט מיר. אין שטוב איז מען געווען אַזוי אומרואיק, אַז דאָס האָט זיך איבערגעגעבן די

קינדער יורעק און סטעלאַ און זיי האָבן זיך בשום אופן נישט געוואָלט גיין ליגן שלאָפן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום — מען קלאַפּט! עס ווערט שטיל־שטיל אין שטוב, מיר קוקן זיך איבער, ווער עס זאָל גיין עפענען די טיר. אין דעם הערן מיר אַ שטימע, אַ זיסע שטימע, פון ליובען: „שרעקט אייך נישט, דאָס זענען מיר!"

זיי האָבן נישט געקאָנט איינזיצן ביי זיך, די אומרואיקייט האָט זיי געיאָגט, זיי זענען געקומען נאָך מיר.

זיי האָבן געטאָן אין דעם פאַל מער וויפל מען שטעלט זיך פאָר. דאָס זענען געווען שטילע מענטשן, ביי זיי אַרויסגיין אין דער צייט, ווען אַלץ ווערט געשלאָסן און די גאַס ווערט באַהערשט פון אַנדערע כוחות, איז געווען אַ גרויסער קרבן, אַ העלדנטאַט כמעט.

מיר איז אַ בושה געווען, ס'האָט מיר ווי געטאָן, וואָס כ'האָב זיי גע־בראַכט דערצו. כ'בין, פאַרשטייט זיך, אַוועק צוריק צו זיי.

כ'בין געווען גערירט און האָב געוויינט.

מיר זענען די נאַכט נישט געשלאָפן, זיך צוגעהערט ווי עס פאָרן די אויטאָס, יאָגן אַהין און צוריק, ווי עס לעבט די גאַס מיט אויסגעשרייען, געוויין און גערעדעריי, אינדערפרי האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז פינף מאָל אין דער נאַכט איז מען געווען ביי מיר אין דערהיים מיך זוכן. געקומען, פאַרשריבן, אַז מען האָט מיך אין דער היים נישט געטראָפן, אַוועקגעגאַנ־גען און שפּעטער ווידער אַמאָל געקומען.

ווי שטענדיק בין איך אינדערפרי אַוועק צו דער אַרבעט.

אויב מען זוכט מיך, ווייסט מען, וווּ מען קאָן מיך געפינען. אין שולע אַריין, כ'האָב שוין דעמאָלט געאַרבעט אין שולע, איז נאָך מיר קיינער נישט געקומען. נאָך די לימודים בין איך אַוועק אין ראיאָן צו מיין נאַטשאַלניק, בערעזניאַק, און האָב אים דערציילט, אַז מען איז געווען ביי מיר ביינאַכט 5 מאָל מיך זוכן, אַז כ'האָב נישט בדעה זיך אויסצובאַ־האַלטן, אַז כ'בין גרייט צו פאָרן אַהין, וווּ מען וויל מיך שיקן, אויב עס הערשט די איבערצייגונג, אַז דאָרט בין איך נויטיקער, אָבער אייגנט־לעך „גרייט" צו פאָרן בין איך נישט, כ'בין לייכט אָנגעטאָן אויף יענעם

קלימאַט אאַ"וו. עס קומט מיר פּאַר א פּאָר חדשים געהאַלט, ער זאָל מיר אויסשרייבן אין קאַסע אריין מיין שכירות, וועל איך מיך צוגרייטן אין וועג אריין. כ'האָב באַקומען דעמאָלט אויף דער האַנט עפּעס א צוועלף צי דרייצן הונדערט רובל. עס האָבן זיך א לאָז געטאָן אין מאַרק אריין אַלע מיינע חברטאָרינס. מען האָט מיך באַקליידט און באַשיכט, אייגנט-לעך באַשטיוועלט. כ'בין אריין אין א וואַטענער „קאַצאַווייקע" א רוק־זאַק האָב איך באַקומען א לאַנגן, א בלויען, א טרוקענעם קאָלבאַס, א מעטער די לענג, מען האָט ערגעץ געקריגן מעל. געבאַקן ברויט און געטריקנט סוכאַרעס. אין אָוונט איז אַלץ פאַרטיק געלעגן צוזאַמענגעפּאַקט אויפן טיש, און איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט אַלע אַרום, האָב זיך צוגעלייגט כאַפּן א דרימל, אָנגעטאָן אין דער גאַנצער אַמוניציע, פאַרטיק אין וועג אריין.

מען איז נאָך מיר נישט געקומען. עס איז שוין געוועזן די פינפטע נאַכט. מער האָט מען נישט דעפּאָרטירט. ווער עס איז נישט אריינגעפאַלן אין משך פון די פיר נעכט, איז געבליבן אויפן אָרט. און איך אויך. גע-בליבן אויפן אָרט און אויפן פּאָסטן גלייך גאָר־גאָרנישט.

**
*

מיין פּאַרפאָלק, די ביטערס, זענען געווען ווי איך פּליטים, געקומענע פון יענער זייט און געווען, ווי איך, אויסגעשטעלט ארויסגעשיקט צו ווערן העט, ווייטער, כאָטש אויך זיי זענען געווען אָנגעשטעלטע אין סאָ-וויעטישע אינסטיטוציעס, געווען „גוט געזען" ביי נאַטשאַלסטוואָ, גוטע אַרבעטער.

און אויך זיי זענען עפּעס אַנטקומען די דעפּאָרטירונג, נאָר אָט האָבן זיי באַקומען א דעפּעשע פון ראָוונע, אז דאָרט איז די גאַנצע משפחה שוין „איינוואַגאָנירט" ארויסצושיקן אין די ווייטע מקומות. מען האָט דאָ אויפ-געטרודערט וועלטן, געשטעלט אויף די פיס אַלעמען און אַלץ, וואָס האָט געקאָנט זאָגן א גוט וואָרט און מען האָט אויסגעפּועלט, אז מען האָט פון דאָרט יענע, אָנשטאָט אין די ווייטע מקומות, ארויסגעשיקט אהער. האָבן מיר שוין דאָ געהאַט די גאַנצע משפחה ביטער־לענט - מיעדזשינסקי־מיטל-

בערג; שוועסטער מיט שוואָגערס מיט קינדער. מען האָט צוליב דעם אויפן יידישן אופן געמאכט א לעקעך און בראָנפן, די מאמע ביטער האָט געבאקן...

איצט טראכט איך מיר — הלוואי וואָלט מען זיי דעמאָלט נישט גע־וועז „געראטעוועט”, הלוואי וואָלט מען זיי געלאָזט ארויסשיקן, יונגע מענטשן, וואָלטן זיי, די גרעסטע טייל יעדנפאלס, אָפגעראטעוועט געוואָ־רן. און אזוי איז קיינער פון זיי, קיינער, ביים לעבן נישט געבליבן.

**\
*

בריוו. א גוטע זאך בריוו. א פאָדעם, א פארבינדונג. און כאָטש איובס בשורות, דאָך בשורות, אז זיי לעבן, אז עס האָט נאָך ווער צו שרייבן.

כ'האָב באַקומען א בריוו פון מיין שוועגערין, מיין ברודערס פרוי מיט צוויי קינדער, וועלכע זענען פארבליבן אין לאָדזש. אין לאָדזש איז איינ־געפירט א געטאָ, זיי געפינען זיך אין געטאָ, זייער נייער אדרעס, זשורא־וויע 15 — קראניכער גאַס 15; דעם עלטעסטן דער יודען אין ליצמאנשטאָדט, מ. רומקאָווסקי... אזוי איז איצט זייער אדרעס און... זיי שטאַרבן פאר הונ־גער. די קינדער זענען קראנק. הילף, הילף!

**\
*

עס איז דערלויבט ארויסצושיקן פון לעמבערג אויף דער דייטשער זייט פעקלעך מיט פראָדוקטן פאר די קרובים. פעקלעך פון 8 קילאָ. מען קאָן אויך שיקן פעקלעך מיט פראָדוקטן אין ווייטע גובערניעס צו יענע קרובים צו 10 קילאָ. און איך נעם זיך אונטער שיקן פעקלעך אהין און אהער.

זאָגט זיך עס נאָר אזוי — שיקן פעקלעך: אז עס איז שוין דאָ דאָס געלט, דארף מען שאפן די פראָדוקטן, איינקויפן אויפן שווארצן מארק און אלצדינג איז א פראָבלעם: א פראָבלעם איז א נאָדל און א פאָדעם, און א צווערקל צו פארקלאפן דאָס קעסטעלע, אין וועלכן מען לייגט אריין די פראָ־דוקטן (אויף דער פאָסט אין די אויגן פון באאמטן, ער זאָל זען וואָס מען לייגט אריין) און ווי נעמט מען א מעטער ווייסע לייוונט איינצונייען דאָס

קעסטעלע (אזוי איז די פאַרשריפט), אָנצושרייבן דערויף דעם אדרעס און אזוי ווייטער. עס ווייזט זיך אוים אזעלכע לעבערלעכע קלייניקייטן — זיי פּלעגן מיר פאַרסמען דאָס לעבן, כ׳פּלעג מיך אזוי פיל אָנלויפן נאָך דעם אַלעם, אז נאָך יעדן פּעקל בין איך געוועזן קראַנק. אָבער כ׳וואָלט שוין שלום געשלאָסן מיט די אַלע נארישע קליינע שוועריקייטן, האָט עס אָבער צו מיין גרויסן ווייטיק נישט לאַנג געדויערט: נאָכן צווייטן פּעקל קיין פּוילן — שלוס, מער נעמט מען נישט אָן, און קיין בריוו פון זיי האָב איך מער אויך נישט געקריגן.

***

איך האָב געזוכט פּראָטעקציע ארויסצוהעלפן מיינע קרובים און האָב אָנגעשפּארט ביי וואנדא וואשילעווסקא. זי האָט געהאט ברייטע מעגלעכקייטן. א לינק־געשטימטע נאָך פון דער היים, נישט קיין איצט „איבער־שטעלטע”, האָט מען זיך דאָ מיט איר שטאַרק גערעכנט. מען האָט זי אָן באזונדערע פאָרמאַליטעטן ארייננענומען אין דער פּארטיי, ארויסגעשטעלט איר קאנדידאַטור אויף דעפּוטאַט צום צוזאַמענפאָר פון העכסטן ראַט אא״וו.

דערפאַר איז זי אָבער געוועזן ווי א דאָרן אין די אויגן ביי די פּוילישע רעכטע גרופּירונגען, עס איז זיי שטאַרק נישט געפעלן אירע אָפענע פּראָ־סאָוויעטישע ארויסטריטן, מען האָט געלויערט אויף איר לעבן. איינמאָל האָט מען ארייננעשאָסן דורכן פענצטער אין פאַראַיין, דאָרט ווו זי איז געזעסן. איך האָב אָנגעטראָפן אויף אן אומגליק ביי איר אין שטוב.

אויך איצט איז געפלאַנט געוואָרן אן אטענטאַט אויף איר. מען האָט אָנגעקלונגען צו איר אין שטוב. די טיר איז געגאַנגען עפענען איר מאַן. מען האָט אין אים אויסגעשאָסן און אוועקגעלייגט א טויטן. די אטענטאַטער זענען אנטלאָפן.

מען מאַכט נישט קיין סענסאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד פון אזעלכע זאַכן. די בלעטער שרייבן נישט דערפון. דאָס איז אן ענין פאַר דער אויספאָר־שונג, פאַר דער נ.ק.וו.ד. און פאַר די נאָענטע, וועלכע באוויינען דעם קרבן. איז אויך דער דאָזיקער אומזיסטער קרבן, דער אומזיניקער מאָרד אדורך אָן סענסאַציע. געוווסט דערפון האָבן נאָענטע מענטשן. אָבער אויך נאָענטע

מענטשן איז געווען א סך. וואנדא איז שוין געווען זייער פּאָפּולער אין לעמבערג. נאָך דער לוויה זענען נאָכגעגאנגען כמעט אלע מיטגלידער פונעם ליטעראטן און זשורנאליסטן פאראיין, פאָרשטייער פון פארשידענע אָרגאַניזאציעס, קולטור אינסטיטוציעס, אוניווערסיטעט פּראָפעסאָרן א.ד.גל. עס איז געווען מוזיק, בלומען, קרענץ, נישט געווען איז קיין שום גייסטלעכער. און דאָס איז געווען ניי אין לעמבערג. אן אָפענע פּלאַטפאָרמע מיט רויטן טוך באדעקט, דערויף א טרומנע אויך מיט רויטן און קרענץ און בלומען. עס זענען די ערשטע נאָכגעגאנגען וואנדא, מיט איר טאָכטער און שוועסטער, גוטע פריינד, חברים און נאָכדעם, אונטער קלאנגען פון טרויער־מוזיק, די גאנצע לוויה.

דאָס ווייטערע נייע איז געווען אויפן צמענטאַזש: אלע לעצטע קברים אויפן צמענטאַזש זענען געווען נישט מיט קיין צלמים, נאָר גלאטע פּאָסטומענטן, רויטע, ווייסע, מיט גאָלד און שווארצע אויפשריפטן, אָפטער פאָטאָגראפיעס פון די, וועלכע רוען דאָ אונטן... און בלומען ארום, און קרענץ אויפגעהאנגען שיף אויף די פּאָסטומענטן.

שוין א גאנצער קווארטאל, א נייער. די אויפשריפטן, ס'רוב, רוסישע.

מיר זענען געווען אויפן צמענטאַזש אָנהייב הארבסט, ווען ס'איז געווען דער יאָרטאָג פון דעם באקאנטן אוקראינישן דיכטער איוואן פראנקאָ און דעמאָלט איז נאָך קיין סימן נישט געווען פון אָט דעם נייעם רויטן קווארטאל, און אָט, אין משך פון א פּאָר חדשים האָט מען באוויזן אָפּצוגעבן דער ערד אזוי פיל מענטשלעכע לעבנס!

און עפּעס דורך אן אסאָציאציע איז מיר אדורך פאר די אויגן אין זכרון א צווייט בילד, א צווייטער קווארטאל, א גאנצער קווארטאל מיט טונקעלע, אלע אלצאיינע מצבות, און אלע אלצאיינע אויפשריפטן, העבּרעאישע, אויפן יידישן בית־עולם, טאקע דאָ אין לעמבערג. איך בין געווען אויף דעם בית־עולם דעם ווינטער, געבלאָנדזשעט אין די טיפע שנייען ארויף אויף א בערגל און אראָפּ אין א טאָל, און אָנגעטראָפן אויף דעם דאָזיקן קווארטאל, אויסגעשטעלט ווי זעלנער אין דער רייע, אלע אלצאיינע, אלע גלייכע, שווארצע מצבות.

דער מארטירער-טויט האָט די אלע דאָ אין דעם קווארטאל אזוי אויס־געגלייכט. דאָס האָט די שטאָט אויסגעשטעלט די מצבות אויף די קברים פון די אומגעקומענע אין פּאָגראָם, אין שווידערלעכן פּאָגראָם, וועלכן עס האָבן אדורכגעפירט די שווארצע כוחות אין לעמבערג אין א יום-טוב-טאָג לכבוד דעם אויפשטייען פון אן אומאָפּהענגיק, פריי, זעלבסטשטענדיק פּוילן אין 1918. דעם דאָזיקן יום־טוב פונעם באפרייטן פּוילן האָבן שוואר־צע עלעמענטן פארנאָסן מיט יידיש בלוט און פארגרעסערט דאָס יידישע בית-עולם מיט א קווארטאל אלצאיינע שווארצע מצבות...

***

ביים איינשטעלן דאָס שול־וועזן אין לעמבערג האָט זיך ארויסגעוויזן, אז עס פעלן ספּעציעלע יידישע לערער. אין לעמבערג זענען געוועזן צוויי יידישע מיטלשולן (מיט 10 יעריקן לימוד), 4 אָדער 5 נישט פולע מיטלשולן (מיט 7־יעריקן לימוד), א חוץ דעם האָט די פּראָווינץ גע־פאָדערט לערער פאר די יידישע שולן, וועלכע זענען דאָרט געעפנט גע־וואָרן. און היות עס איז געווען א נויטווענדיקייט, האָט מען געעפנט א קורס פאר יידישע לערער, א לערער סעמינאר.

מיין ארבעט אין ראיאָן איז שוין געוועזן איינגעשטעלט, אָרגאניזירט. האָט מען מיך אָפּקאָמאנדירט אהין, ווו איך בין געוועזן נויטיקער—אין דער יידישער שול. איך האָב נישט געהאט גאָרנישט דאקעגן. אין דער יידישער מיטלשול, שול נומער 39, אזוי גייט עס דאָרט, די שולן זענען נומע־רירט, נישטאָ קיין באצייכענונג יידישע, פּוילישע, רוסישע שול, נאָר שול נומער איינס, שול נומער צוויי, דריי אא"וו לויט דער רייע, אין וועלכער די שול איז געעפנט געוואָרן. אלזאָ, אין דער יידישער מיטלשול נומער 39 האָט געפעלט א „זאווּפעד" (לייטער פון דער פּעדאגאָגישער אָפּטיי־לונג) און איך בין געוועזן איינע פון די ווינציקע, וואָס האָב געקענט יידיש און האָב פארמאָגט דעם געהעריקן צענז, העכערע בילדונג, וואָס גיט דאָס רעכט צו זיין א לערער אין א מיטלשול. האָט מען מיך אָפּ־קאָמאנדירט אהינצו.

איך האָב באַקומען אונטער מיין לייטונג אַ גרויסע יידישע שול מיט עטלעכע הונדערט קינדער און אַ פּאָר צענדליק לערער. צווישן די קינדער אַ גרויסע גרופּע קינדער, וועלכע זענען מיט זייערע עלטערן אין 1938 אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דייטשלאַנד. כ'האָב באַקומען אַן אויפגעלעבטן, פריילעכן בינשטאָק. די קינדער זענען געווען אויפגעשרויפט פון דעם אַלעם נייעם, וואָס איז אַריינגעטרעטן אין זייער שילערישן לעבן, פון דער ברייטער שילערישער אויטאָנאָמיע, פון זייער זעלבסטפאַרוואַלטונג, פון דער פּאָליטישער ראָלע, וואָס איז זיי אויסגעפאַלן צו שפּילן אַלס אוואַנגאַרד־יוגנט. די יינגערע קינדער זענען געווען פאַרכאַפּט פון זייער „פּיאָנעריזם". ס'האָט געאַרבעט אַ „קאָמסאָרג" (אָרגאַניזאַטאָר קאָמסאָמאָל), אַ „וואָיענרוק" פאַר מיליטערישער פאָרבערייטונג, עס האָבן זיך געבילדעט פאַרשידענע שילערישע אַמאַטאָרן־קרייזן און קרייזלעך: פאַר דראַמאַטישער קונסט, כאָר, אָרקעסטער, ליטעראַרישע, וויסנשאַפטלעכע, לאַנדקענטשאַפט, ספּעציעלע אַמאַטאָרן פאַר פיזיק, כעמיע אאַ"וו. אפילו אַ קרייזל פילאַטעליסטן. די קינדער האָבן געלעבט, פיבערהאַפט געאַרבעט, עס האָט זיך געקאָנט אויסווייזן אַפילו איבערגעאַרבעט... אָבער ווי קינדער, פאַרשפּילטע, האָבן זיי קיין מידקייט נישט געפילט. זיי האָבן אָן די לימודים אַליין געהאַט צו דערלערנען עטלעכע שפּראַכן, וואָס זענען פאַר זיי ביז איצט געווען פרעמד: אוקראַיניש, רוסיש און אפילו די לימוד־שפּראַך, די יידישע. איז נישט פאַר אַלע קינדער געווען דאָס מאַמע־לשון. און אין די דאָזיקע „פרעמד שפּראַכן" האָט מען גענדאַרפט לערנען ליטעראַטור, געשיכטע אאַ"וו. און עס איז געווען ווירקלעך צו באַוואונדערן, ווי שנעל די קינדער האָבן געכאַפּט דעם שניט, באַהערשט, און אַ טייל ווירקלעך געקענט אָט די פרעמדע קענגשטאַנדן.

די שול גרייט זיך צו אַ גרויסן יום־טוב. צום 1טן מאַי. מיט דער שכנישער אוקראַינישער שול איז געשלאָסן אַ וועט־אָפּמאַך, ווער עס וועט שענער, אָרגאַניזירטער אַרויסגיין אויפן פּאַראַד, ווער עס וועט צוגרייטן שענערע פענער, טראַנספּאַרענטן אד"גל.

קינדער אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט. מען מאָלט, מען שרייבט, מען קלעפּט. עס פינקלען פאַר די אויגן אויפשריפטן, לאָזונגען, רויט־זיידנס אויף

פּענער, עס שוועבט און שימערט פאַר די אויגן פאַרבן און קאָלירן...

צו די פייערונגען באַקומט מען גענויע אינסטרוקציעס פון די ראַיאָנען. די פיזישע און כעמישע קאַבינעטן דאַרפן אין דער גאַנצער צייט פון די פייערונגען זיין פאַרשלאָסן, דער בנין מוז זיין שטרענג אָפּגעהיטן, א חוץ דער דינערשאַפט דאַרפן זיין דיזשורן מצד די לערער. אַזעלכע אינסטרוקציעס באַקומען נישט נאָר די שולן, נאָר אַלע סאָוויעטישע אַנשטאַלטן. עס זענען פאַרזיכטס־מיטלען, ריכטיקע און לאָגישע. ווען כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג שיט זיך אַרויס אויף דער גאַס, מוז מען אָפּהיטן פון צופעליקע אָדער נישט צופעליקע סורפּריזן. מען מוז אַלץ פאָראויסזען.

ערב דער פייערונג קומט צו אונדז א קאָמיסיע פונעם ראַיאָן איבערקוקן די פּלאַקאַטן, פּענער, טראַנספּאַרענטן, אויפשריפטן, מיט וועלכע די קינדער ווילן אַרויסגיין דעם 1טן מאַי אויפן פּאַראַד. די קאָמיסיע איז אַנטציקט פון דער קינסטלערישער אויספירונג פון די אַלע פּאַראַד־אַטריבוטן און... שליסט אויס אַלע טראַנספּאַרענטן מיט די יידישע אויפשריפטן.

טוט עס וויי... פאַרוואָס, גראַד די דאָזיקע?

מען זאָגט נישט פאַרוואָס מיט אָפענע דבורים, נאָר מען פאַרשטייט אַליין, ס'איז חלילה נישט קיין אַנטיסעמיטיזם, פּונקט פאַרקערט, עס איז אַביסל זאָרג פאַר אונדז. זאָלן די אַנטיסעמיטישע געגנט נישט האָבן קיין שטאָף צו קלאַטשן. עס טאָרן נישט פאָרקומען קיין שום סורפּריזן אין ערגעץ, אויף קיין געביט. אַלץ וואָס עס וועט פאָרקומען אויף די גאַסן, אויף די טריבונעס, בעתן פּאַראַד, יעדעס וואָרט, וואָס וועט דורך די רעדנער אַרויסגעזאָגט ווערן, איז פאָראויס באַקאַנט, דורכקאָנטראָלירט ביזן לעצטן אות, דורך די, וועלכע דאַרפן דערפון וויסן.

עס גייען אַוועק א פּאָר וואָכן פון שווערער אַרבעט פאַר די עקזאַמענעס. ס'קומען אָן די קאַניקולן, וואָס זענען פאַר דער סאָוויעטישער שול אויך נישט קיין אָפּרו־צייט. אין די קאַניקולן לעבט־אויף ספּעציעל די אויסערשול־בילדונג אַרבעט, עס ווערט צעשריבן א גאַנצער פּראָגראַם פון אויספלוגן, עס בליען אויף די קרייזן און קרייזלעך, געוועט און נעיעג, אַלע „אָלימפּיאַדעס" ביז דער אַלפאַרבאַנדישער „אָלימפּיאַדע" אין מאָסקווע, וווהין עס

דערגרייכן די בעסטע פון די בעסטע, די פערפעקטסטע אויף פארשידענע געביטן, אויסדערוויילטע.

אַט אין דער צייט פון די וואַקאַציעס פאַראינטערעסירט זיך ספּעציעל מיט אונדזער שול אַלטער קאַציזנע, שווימט אריין אין שילערישן קרייז פון קינסטלערישער זעלבסטעטיקייט, ארבעט מיט דעם דראַמאַטישן קרייז, מיטן כאָר, ברענגט לידער און פּיעסעס, שטודירט זיי איין מיט די קינדער. דער כאָר טרעט ארויס עטלעכע מאָל מיט יידישע לידער דורך ראַדיאָ אין דער יידישער ראַדיאָ־שעה: זאָלן מענטשן הערן און וויסן! איינס פון אונדזערע קינדער באַקומט דעם ערשטן פּריז פאַר זינגען אויף דער ראַיאָן „אָלימפּיאַדע", זי וועט ארויסגעשיקט ווערן קיין קיעוו, און האָט שוין א סטיפּענדיע אין קאָנסערוואַטאָריע.

קאַציזנע חלומט וועגן א דראַמאַטישער סטודיע, א שולע פאַר דראַמאַטישער קונסט און מערקט אַז אונדזער קרייז אלס באַזע, אלס אָנהייב דערצו.

אָבער פאַרן אָנהייב פונעם נייעם שול־יאָר הייבן זיך אָן קלייבן עפּעס וואָלקנס אויף אונדזער שול־הימל.

קודם־כל איז פּלוצים באַזייטיקט געוואָרן אונדזער אַלטער דירעקטאָר, א באַקאַנטער פּעדאַגאָג און עסקן, ה' ראַפּאַפּאָרט, און אויף זיין אָרט איז געקומען פון דער אוקראַאינע אַן אוקראַאינישער דירעקטאָר. מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם, אַז די לימוד־שפּראַך אין שול זאָל ווערן די אוקראַאינישע און אינגיכן האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז די קלאַנגען זענען נישט קיין פּוסטע קלאַנגען. איינמאָל רופט מיך דער דירעקטאָר אריין אויף א חברישן געשפּרעך און שטעלט מיר פּלוצים די קשיה, צי וואָלט נישט געווען גלייכער, ראַטזאַמער, אַז די שול זאָל איבערגיין אויף אוקראַאיניש?

איך מיין, אַז עס וואָלט נישט געווען גלייכער; קודם־כל האָבן מיר א גרויסע גרופּע קינדער אין די עלטערע קלאַסן פון דייטשלאַנד, פאַר וועלכע די סלאַווישע שפּראַך איז שווער און פרעמד, נאָכדעם די איבעריקע, וועלכע זענען נישט לאַנג געקומען פון דער פּוילישער שול, נאָרוואָס אריינגעלעבט זיך אין דער אייגענער; מאָטיוון פּעדאַגאָגישע: מען קאָן נישט אַלע יאָר

ביטן די לימוד-שפּראַך, און מענטשלעכע: יידישע קינדער דאַרפן א יידי־שע שול אא"וו.

יאָ, — זאָגט דער דירעקטאָר, — אָבער די קינדער ענדיקן באַלד די שול, קיין יידישער אוניווערסיטעט איז נישטאָ...

דאָס האַלט איך נישט פאַר קיין מאָטיוו, וועט מען דאַרפן א יידישן אוניווערסיטעט, וועט די סאָוויעטן־מאַכט געבן אַן אוניווערסיטעט, וועט מען נישט דאַרפן, איז נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן...

שפּעטער רעדט מען מיט מיר אויף דער טעמע אין ראיאָן. חבר בעז־רעזניאַק, דער ראיאָן לייטער, דערציילט מיר, אז אין א גאַנצער רייע שטעט און שטעטלעך אין סאָוויעטנטפּארבאנד, דאָרט וווּ עס איז געווען א געדיכטע יידישע באַפעלקערונג, זענען געווען יידישע שולן, און יידן האָבן אליין נישט געוואָלט גיין אין די שולן אריין. עס זענען אפילו פאָרגעקומען קאָ־מישע פאַקטן אין אייניקע ערטער, מען האָט געוואָלט צווינגען די יידישע קינדער, זיי זאָלן גיין אין די יידישע שולן. קאָמישע פאַקטן, ווייל לויטן סאָוויעטישן געזעץ קאָנען די עלטערן אָפּגעבן זייערע קינדער, אין וועלכער שול עס געפעלט זיי.

און איך האַלט מיך ביי מייניקן:

— עס איז מעגלעך, אז אין דעם גרויסן סאָוויעטישן ים איז אסימי־לירט געוואָרן דאָס טראָפּעלע יידן, אָבער דאָ, איצט, ווען עס איז דאָ פּאַ־דאַן אזא געדיכטע יידישע מאַסע אָרטיקע און אַנגעלאָפענע פון גאַנץ פּוילן און פון דייטשלאַנד...

— וועט מען אָנפרעגן ביי די עלטערן — האָט מען באַשלאָסן.

כ'האָב געוווּסט מיט וואָס דאָס שמעקט. אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמ־לונג פון עלטערן וועט מען שטעלן די פראַגע וועגן יאָ צי ניין אין אזא פאָ־רעם, אז די פּאַסיווע מאַסע וועט נישט ענטפערן, און א פּאָר אַקטיוויסטן, וועלכע וועלן זיין פון פאָראויס צוגעגרייט, וועלן זאָגן — יאָ און די פראַגע וועט זיין דערלייזדיקט. עס וועט זיין געזעצלעך און כשר.

אָבער ווי קום איך דערצו? איך וויל אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג נישט זיין. אָבער אוועקגיין אליין פון א פּאָסטן טאָר מען נישט, מען דאַרף זיך באַמיען צו באַפרייען פונעם פּאָסטן. איך בעט, מען זאָל מיך אָפּלאָזן,

אז איך קען נישט קיין אוקראיניש... כ'קען אָבער גוט רוסיש און דאָס איז אויך א סיבה, וואָס מען וועט מיך פון דער שול נישט ארויסלאָזן. איז אָבער צו מיין גליק פארן אָנהייב פון שול־יאָר אָנגעקומען פון דער סאָוויע־טישער אוקראינע א גאנצע מחנה דאָרטיקע קולטור־און שול־טוער, מען האָט זיי געדאַרפט איינאָרדענען, געבן שטעלעס און מען האָט זיך עפּעס אָנגע־הויבן צוהערן צו מיין בקשה, מען זאָל מיך פרייל‌אָזן פון מיין פּאָסטן. מען האָט מיך אָפּגעלאָזט, נאָר מיט א רוגז פוןביידע זייטן.

איך אין מיין נאאיוויטעט האָב געמיינט, אז נישט אלץ איז שוין אין דער פראגע פארלוירן, ס'האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז די אָרטיקע טוען עס אויף אייגענער האנט און מען וועט נאָך קענען קאָרעגירן, עפּעס צורעכט מאכן. כ'האָב געהאָפט, אז די יידישע שרייבער אין ראטנפארבאנד וועלן העלפן. גראד זענען געווען ביי אונדז צו גאסט א פּאָר, עס איז געווען כאשצעוואצקי, וויעלעדניצקי, אויב כ'האָב קיין טעות נישט און אנדערע.

אויף אן אָוונט אין ליטעראטן־פאראיין, טאקע לכבוד זיי, האָב איך גענומען א וואָרט און געפרעגט:

— פאר וועמען אייגנטלעך שרייבן די יידישע שרייבער?

שוין די איצטיקע לייענער פון יידיש זענען איבערבלייבענישן פונעם אלטן דור און זיי זענען שוין נישט אזוי יונג — און אין א פינף יאָר ארום, ווער וועט לייענען יידיש, אז די יידישע שול ווערט אוים יידיש... און איך דערציייל די געשיכטע פון מיין שול, פון דער לעצטער יידישער מיטלשול אין לעמבערג, די צווייטע שול איז נאָך פריער איבערגעגאנגען אויף אוק־ראיניש, אין מיין שול האָט מען נאָך געהאט א ביסל צו טאָן מיט מיר, דאָרט איז עס געגאנגען לייכטער...

איך האָב געמיינט, אז די געסט, די יידישע שרייבער, וועלן זיך באלד אָנכאפּן, נעמען עפּעס טאָן, זיך באמיען דעם עסק גלייכצושטעלן. ס'איז אָבער נישט אזוי געווען. זיי האָבן דעם ענין אויפגענומען שטיל, געלאסן:

— מיר האָבן צוטרוי צו דער פּאָליטיק פונעם סאָוויעטנפארבאנד בנוגע די נאציאָנאלע מינדערהייטן, און אלץ, וואָס די רעגירונג טוט, ווייסט זי וואָס זי טוט...

זיי זענען געווען אלטע סאָוויעטישע בירגער און האָבן דאָס אפשר

אזוי געפּילט, געהאַט די טיפסטע איבערצייגונג, דעם טיפסטן גלויבן. אָבער מיר זענען געווען דאָ אַנדערש געוווינט, מיר האָבן דאָס נישט גע־קאָנט באַגרייפן: מיר האָבן געזען, וואָס מיר האָבן געזען און געאורטיילט אזוי ווי מיר האָבן דאָס געזען. מיר האָבן געזען, אז אונדזער לעצטע יידי־שע שול ווערט אוים יידיש, און ווי מיר זענען עס געוווינט געווען פריער אין פּוילן, ווען מיר האָבן זיך געפילט באַוואָלט, האָט זיך געוואָלט שרייען אין דער וועלט אַריין, פּראָטעסטירן, עפּעס צורעכט מאכן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָנוועזנהייט פון די שרייבער־געסט, גע־דענק איך אויך אַ פּרץ־אָוונט, איינגעאָרדנט אין לאָקאַל פון יידישן ארכיוו בנין אויף זשעזשניצקאַ, עס זאָל קאָנען קומען אַ ברייטערער יידישער עולם.

די געסט האָבן אין זייערע רעפעראַטן וועגן פּרצן גערעדט מיט אַ מאָדנער פּאַר אונדז קילקייט, מיר זענען נישט געווען געוווינט צו אַזאַ טאָן אין באַצוג צו אונדזער גרויסן קלאַסיקער. דער עולם האָט זיך איבער־געקוקט און געבליבן זיצן ווי פאַרשעמט. האָט גענומען דאָס וואָרט אַלטער קאַציזנע. ער איז געווען אַ גוטער רעדנער, אָבער אזוי רעדן האָב איך אים געהערט נאָר דאָס איינציקע מאָל. דאָס איז געווען נישט קיין רעדע, נאָר אַ גאָטעסדינסט. אזוי פיל פאַרערונג, האַרץ, ליבשאַפט. עס איז געווען שטיל, שטיל אין זאַל, מענטשן זענען געווען גערירט ביז טרערן. און נאָר אונדזערע געסט האָבן זיך געפונען עפּעס נישט באַקוועם, עפּעס נישט ווי אין דער היים נאָך דעם קאַציזנישן וואָרט־קאָנצערט.

***

צו דער צייט האָט זיך איבערהויפּט אָנגעמערקט אַ מין צווייקלאַנג: „מיר" און „זיי" אויף אַלע געביטן. „מיר", די אָרטיקע, און „זיי", די אָנגעקומענע פונעם פאַרבאַנד, פון קיעוו, כאַרקאָוו, דניעפּראָפּיעטראָווסק, און פון טיפער און ווייטער. און אָנגעקומענע זענען שוין געהאַט געווען אַ סך. „זיי" האָבן זיך געהאַלטן אביסל אזוי, פון אויבן־אַראָפּ. און „אונד־זערע" זענען ביי זיך נאָך נישט געווען אזוי געפאַלן, אז די האַלטונג פון יענע זאָל זיי געפעלן. עס איז געווען נאָך אַ מאָמענט פון געוויסן פאַר־

דרום. די גאנצע ארבעט אויפן אָרט האָבן איינגעשטעלט אונדזערע, אוועק־געשטעלט אויף די פיס און איצט זענען געקומען „זיי" און אָנגעהויבן געבן דעם טאָן.

אויך אין יידישן מלוכהשן טעאטער איז שוין געווען א נייער דירעק־טאָר פון די אראָפּגעקומענע, עס זענען געווען נייע פּנימער אויף דער סצענע. און אפילו אויף דער בינע אין שפּילן האָבן מיר עס ארויסגע־פילט — אונדזערע און יענע...

און נאָר ווען דאָס יידישע טעאטער האָט גענומען אויסשטעלן פּרץ מארקישעס „מאַלצייט", איז געוואָרן עפּעס איינס, אָפּגעווישט אלע סי־מנים, אפילו פון אונדז און זיי — עס איז געוואָרן ששון ושמחה אין אלע ווינקעלעך פון לעמבערגער יידישן שרייבער און דיכטער און ארטיסטן־לעבן, ווייל צו דעם אויפפירן פון דער פּיעסע איז אראָפּגעקומען פּרץ מאר־קיש אליין.

***

אמת איז, אז נאָך איידער פּרץ מארקיש איז געקומען, האָט זיך עמי־צער מיט עמיצן צעקריגט, צי דארף מען די פּיעסע, וועלכע הייסט אויף רוסיש „פּיר", אויף יידיש רופן „מאַלצייט" און אז „סעודה" איז פּאסנדער, אָבער דאָס זענען געווען קלייניקייטן, וויכטיק איז געווען, וואָס ער איז געקומען, פּרץ מארקיש אליין.

מארקישן האָבן מיר געקענט פון פריער. שוין פון לאנג. איך פון לאָדזש.

ס'איז געווען מיט עטלעכע און צוואנציק יאָר צוריק. קיין לאָדזש האָט זיך אראָפּגעלאָזט, געקומען פון ווארשע אויף א דיכטערישן אָוונט א גאנ־צע כאליאסטרע דיכטער.

אָבער „כאליאסטרע" האָט זיך א נאָמען געגעבן דעמאָלט אן אנדערע גרופּע דיכטער. די איצט אראָפּגעקומענע האָבן זיך גערופן „אלבאטראָס", און פּארטרעטן זענען געווען אין דעם „אלבאטראָס" אלע מינים קאָלירן פון מענטש: דער געלער אורי־צבי גרינבערג, די שווארץ־חנעוודיקע אסתר שומיאטשער, דער העלער פּרץ מארקיש א. אנד. פּרץ מארקיש איז שוין

מיט פּרץ מאַרקישן אין לעמבערג

עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: טאַניאַ פוקס, ניושיאַ אימבער, פּרץ מאַרקיש, אַלטער קאַציזנע, יהושע פּערלע און נחום באַמזע. — עס שטייען: הערש וועבער, שמואל יעקב אימבער, מ. הערצאָג, סאַניע פרידמאַן, בער שנאַפּער און ישראל אַשענדאָרף.

(פון אַלע אויסגערעכנטע לעבן: פּרץ מאַרקיש, טאַניאַ פוקס, נחום באַמזע און י. אַשענדאָרף)

דעמאָלט געווען אנערקענט, געשמט אַלס איינער פון די באַדייטנדיקע יידי־שע דיכטער. קיין פוילן איז ער אראָפּגעקומען שוין נאָך דעם ווי ער איז געווען געדרוקט אין פיל רוסישע זשורנאלן, שוין נאָכדעם ווי עס איז ארויס זיינע א לידער-זאַמלונג „שוועלן״.

געקומען איז ער מיט פרישע רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון, מיטן קלאַנג פון פרישע נייע ווערטער און מיט דער קענטעניש פון דער נייער רוסישער ליטעראַטור.

און נאָך א מעלה האָט ער געהאַט: ער האָט ווי זעלטן עמיצער פון די פּאָעטן קינסטלעריש געלייענט זיינע אייגענע לידער.

אין פּוילן האָט זיך דעמאָלט ארום מארקישן געבילדעט א גאַנצע גרופּע אָנהענגער, „מארקישיסטן״ אַזעלכע.

נישט לאַנג האָט מארקיש געוויילט אין פוילן, עס האָט אים צוריק געצויגן צו רוסישער ערד, צו דער רוסישער ברייטקייט.

פונעם ראַטנפאַרבאַנד זענען צו אונדז דערגאַנגען מער גריסן וועגן אים, ווי זיינע ווערק. דאָך האָבן מיר געוווּסט וועגן זיין „אַנטשעל זשע־ליעזניק״, וועגן „באַלאַגופּס טויט״, וועגן „דור איין דור אויס״, „ברידער״, און וועגן זיינע דראַמאַטישע ווערק „משפּחה אָוואַדיס״, „מאַלצייט״ און אַנדערע.

און אָט איצט איז ער געקומען קיין לעמבערג. געקומען אין שיין פון זיין גרויסן דיכטערישן רום און פונעם לענין-אָרדען, די גרעסטע אויס־צייכענונג אין ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע ער האָט איינער פון דער שרייבע־רישער משפּחה דעמאָלט פאַרמאָגט.

עס האָט אימפּאָנירט דער רעספּעקט, וועלכן עס האָבן אים ארויסגע-וויזן אַלע, אָן אונטערשייד, אויך די נישט יידישע קאָלעגן.

אין דער צייט האָט אין ליטעראַטן פּאַראיין צווישן די יידישע שריי־בער זיך אָנגעמערקט עפּעס אַזוי צו זאָגן א „שפּאַלט״, נישט קיין שפּאַלט — א שפּעלטעלע, א קנייטש אַזאַ: עס זענען געווען „קיעווער״ און „מאָס־קווער״ אָנהענגער. „קיעווער״ זענען געווען די, וועלכע מען האָט אין קיעוו „געגלעט איבערן קעפּל״, „מאָסקווער״, די וועלכע מען האָט נישט אָדער עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז מען גלעט זיי נישט איבערן קעפּל...

פאַר די „מאָסקווער" איז דער רבי געווען פּרץ מאַרקיש: די „מאָס־קווער" גרופּע האָט זיך דערפילט געשטאַרקט און דערהויבן. מאַרקיש האָט דערוואַרעמט די „מאָסקווער", אָבער אויך נישט אָפּגעשטויסן די „קיע־ווער". ס'האָט געהערשט צופרידנקייט אין דעם שרייבערישן ווינקל אויף דער צייט, וואָס פּרץ מאַרקיש איז געווען אין לעמבערג.

זיין האָטעל־צימער איז שטענדיק געווען פול. ווען אַלטע גוטע פריינד איז אָפּגערעדט: די קאַציזנעס, זיינפעלדס, אימבערס, דאָס זענען געווען די עלטסטע, די נאָענטסטע מחותנים. עס פלעגט קומען דער שטענדיק פאַרביטערטער בער שנאַפּער און זיך וואַרעמען אין דער פריינטלעכער אַטמאָספער אַרום מאַרקישן, א שטענדיקער גאַסט איז געווען סאַניע פריד־מאַן, הערש וועבער, יהושע פּערלע און אַנד.

ער האָט געלייענט אין ליטעראַטן פאַריין פראַגמענטן פון זיין פּאָ־עמע „סטאַלינען".

זיין לייענען אַליין איז געווען א פּאָעמע. אָבער נישט דער, און אַנ־דערער אָוונט האָט זיך מיר אומפאַרגעסלעך איינגעקריצט אין זכרון.

פּרץ מאַרקיש איז געווען נישט געזונט, געלעגן צו בעט עטלעכע טעג, און זיין האָטעל־צימער איז ערשט אין די דאָזיקע טעג געווען צאָלרייך באַזוכט. און אָט, ווען עס איז אים בעסער געוואָרן, האָט ער אַליין פאַר־געלייגט אדורכצולייענען זיין אָקאָרשט אָנגעשריבענע פּאָעמע „די יידישע טענצערין".

איינמאָל אין מיין לעבן האָב איך געהערט אזא לייענען. דאָס איז געווען א קאָנצערט, א מוזיקאַלישע סימפאָניע: עס טאַנצט די יידישע טענצערין און אין ריטם פון איר טאַנץ גייען אדורך וויזיעס, דורות, פאַר־שטעלונגען פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע פון דער מאַרטיראָלאָגיע פון א פאָלק, פון זיין אויפשטייגן און פאַלן...

ער האָט געלייענט מיט אזא סוגעסטיווער קראַפט, אז מיר זענען גע־זעסן אַלע ווי פאַרכשופט צוגעשמידט צו די ערטער.

:: :: ::

די אויפלעבונג אין ליטעראַטן פאַראיין האָט אָנגעהאַלטן אויך א צייט נאָך מאַרקישעס אוועקפאָרן.

מיט געהויבענע קעפּ זענען אַרומגעגאַנגען נחום באַמזע און ישראל אַשענדאָרף. די צוויי זענען געווען ווי אַ צווילינג־נאָמען, ווי „באָיל און מאַריאָט", מען פלעגט די נעמען שטענדיק אַרויסזאָגן צוזאַמען: „באַמזע און אַשענדאָרף". זיי האָבן געהאַט אין דרוק זייערע זאַמל־ביכער לידער. מען האָט געשריבן, קאָרעגירט און ווידער געשריבן.

עס איז אַריינגעפאַלן ווי אַ וויכער, אַ ווינט, מיט רעש און געפּילדער, בער האַראַוויץ. ער האָט געוווינט ערגעץ אין סטאַניסלאַוואָוו און פלעגט פּלוצים אַ פאַל אַריין טאָן קיין לעמבערג, שטענדיג אומגעריכט. אָפּגעמאָלן אַ פּאָר צענדליק פון די „פּראָמינענטע" פּערזענלעכקייטן, נאָכדעם צעשאָנקען די פּאָרטרעטן און נעלם געוואָרן. אָבער איצט האָט ער געהאַט נאָך עפּעס צו זאָגן: ער האָט געהאַט פאַרטיק אַ גרויסע אַרבעט זיינע וועגן בעל שם טוב. פראַגמענטן פון דער דאָזיקער אַרבעט זיינער האָט ער געלייענט פאַר אַ גרופּע חברים, גוטע פריינט און איז פּלוצים צוריק אַוועק אין זיין סטאַניסלאַוואָוו אַזוי ווי ער איז געקומען.

שודריך האָט אויך עפּעס געהאַט צו טאָן מיטן בעל שם טוב. ער האָט אים צוזאַמענגעגראַמט מיטן אוקראַינישן העלד דאָבאָש. זיין עסק. מיר האָבן געדולדיק אויסגעהערט, וואָס ער האָט דערציילט וועגן די באַגעגענישן פון אָט די צוויי לייט. אַז אַ פּאָעט וויל, האָבן אויסגעזען זייער שיין די דאָזיקע באַגעגענישן.

ירחמיאל גרין האָט עפּעס געהאַט צו זאָגן אַ חוץ זיינע „קאָלאָמייער וועבער", האָט מען אויך אים געהערט. זיין שוואַרץ חנעוודיק ווייבל מיט די גרין־גרויע אויגן האָט איינגאַנצן פאַרוואָרפן דאָס שרייבן לידער: עס האָט זיך ביי איר צעזונגען אַ קליין ניי געבוירן קינדעלע, האָט שוין דאָס קינד געזונגען.

קאַציזנע האָט איבערגעשיקט קיין קיעוו זיין „יידנס־אַפּערע". מי־כאָעלס האָט צוגעזאָגט דאָס אויפצופירן, און קאַציזנע האָט אַלעמען דער־ציילט, אַז דאָס וועט זיין די קרוין פון זיין שאַפן.

רחל קארן האט זיך געוואלט באזעצן אין לעמבערג, איז זי פון פושע־מישל אוועק און אין לעמבערג געווען נאך ווי צו גאסט אין דער לופטן. מיט דירות איז עס ווידער געווען אין לעמבערג זייער ביטער.

און עס פלעג פון צייט צו צייט, שטענדיק אין איילעניש, אויף דער גיך אריינפאלן צו אונדז, ד. ה. צו די אימבערס, צו די זיינפעלדס און נאכדעם אין ליטעראטן־פאראיין, דער קאמאנדיר פון א רויטארמייער אפּ־טיילונג, וואס האט געהאלטן וואך אויף א געוויסן גרעניץ־שטח, שיעקע דריז.

א יונגער פעסטער בחור מיט לעבעדיקע יידישע אויגן און מיליטע־ריש געשטרעקטן שטעל, פלעג עפּעס ליכטיקער ווערן אין די אויגן, ווען ער איז אריינגעקומען. ער האט שטענדיק געהאט אין קעשענע א פּאר שפּאגל נייע לידער, פון זיין אייגענעם ספּעציעל „דריזישן" זשאנר. דאס זענען געווען לידער וועגן דער זון און וועגן דער לבנה, וועגן פעלד און וואלד, אבער אויסגעלאזט האט זיך דאס שטענדיק, ווי א פאבולע, א משל, מיט אן אויספיר און מיט א מאראל.

ער האט אמאל דערציילט ווי אזוי עס שאפן זיך ביי אים זיינע לי־דער: „ווען כ'שלעפּ זיך אויף מיין פערדל פון פונקט צו פונקט, פון איין גרעניץ־פּאסטן צום צווייטן, דורך וואלד און פעלד, דורך טאג און נאכט, פלעכטן זיך פערזן, עס אנטשטייען בילדער, עס וואקסן שירים און זיי פארהאלטן זיך אין זכרון וואכן לאנג, ביז איך האב די מעגלעכקייט צו קומען אין ערגעץ א כאטע און פארשרייבן דאס אלעס.

ער האט געבענקט, געחלשט, געוואלט באקומען ערגעץ א בוך אליעזר שטיינבארגס משלים. א משלים־שרייבער, וואס האט נישט געלייענט אליעזר שטיינבארג. אבער דאס בוך איז נישט געווען ווו צו קריגן.

**
*

ווען ס'איז דא א קינד אין שטוב, באמערקט מען נישט ווען עס וואקסט און פּלוצים דערזעט מען: דאס קינד איז אויפגעוואקסן!

דאָס זעלבע געפיל האָב איך געהאַט, ווען כ'בין איינמאָל אַרוים פונעם ליטעראַטן־פאַראיין מיט ראַפּעק לען און האָב געמוזט צו אים אין געשפּרעך אַרויפקוקן. און איך בין אויך נישט קיין קליינינקע.

א בחור העכער פון מיר מיט אַ קאָפּ, מיט אַ פּלייצע, ווי מען זאָגט דאָס אויף רוסיש „קאָסאָיאַ סאַזשען" (ד. ה. דריי אַרשין די ברייט).

ווי לאַנג האָב איך אים און זיין ברודערל אָלעק — ביידע געפירט ביי די הענטלעך שפּאַצירן?

ראַפּעק לען — ראַפּעק ליכטענשטיין, דער עלטערער זון פון פאַרשטאָרבענעם באַקאַנטן בונדישן פירער אין לאָדזש, ישראל ליכטענשטיין. די מאַמע, גוטקע ליכטענשטיין, האָט געאַרבעט אין דער שול פאַר טויבשטומע. זי איז געווען פאַרהאַרעוועט מיט דער באַלעבאַטישקייט, מיט די קינדער אין שול און קינדער אין דער היים. מיר זענען געווען באַפריינדעט. פלעג איך איר אַמאָל אַרויסהעלפן און איר צונעמען אירע „בחורים" אויף אַ שפּאַציר. זיי פלעגן מיך אין וועג דול מאַכן מיט זייער אומאויפהערלעכן „דליאַ טשעגאָ" — פאַרוואָס? און פאַרוואָס? און פאַרוואָס?...

און אָט אין די דאָזיקע: פאַרוואָס? און פאַרוואָס? און פאַרוואָס? האָב איך אויך איצט דערקענט מיין קליינעם, איצט גרויס אויסגעוואַקסענעם, ראַפּעק. איך האָב אים איצט, ווי דעמאָלט נישט אויף אַלעם געקענט געבן אַן ענטפער.

ער איז אויסגעוואַקסן, ראַפּעק, אַן אָנערקענטער יונגער שרייבער. נאָך אין דער היים האָט ער אַרויסגעגעבן אַ פּאָר פּוילישע ביכער, וועלכע זענען זייער גוט אויפגענומען געוואָרן דורך דער קריטיק. געהאַלטן זיך אין דער לינקער גרופּע שרייבער, און דאָ איצט האָט ער זיך עפּעס קיין אָרט נישט געקענט געפינען.

זיין ברודער, אָלעק, איז געבליבן אין דער היים. געווען אַ דאָקטאָר, געבליבן אין אַ שפּיטאָל. די מוטער איז געווען אין וואַרשעווער געטאָ.

און איצט וויים איך, צו מיין טיפן שמערץ: נישטאָ ראַפּעק, נישטאָ אָלעק, נישטאָ גוטקע...

***

דאָס צווייטע קינד, פּלוצים אויפגעוואַקסן, מוטעק האַלענדערסקי. דאָס דאָזיקע קינדעלע, אַן אויג אין קאָפּ פון אַ גאַנצער גרופּע מענטשן אַרום ציליע און אַריה לייב האַלענדערסקי. אַ ברעקעלע קינד מיט גרויגרינע אויגן, ווי די מאַמע, די פאַרקערפּערונג פון גוטסקייט אַליין. אַ שפּילעוודיקס, אַ לאַכנדיקס און פּלוצים האָסטו פאַר דיר אַן ערנסטן פאַרטראַכטן מענטש, איצט אַ פאַרטרויערטן. ער ווייסט שוין, אַז זיין טאַטן, אַריה לייב האַלענדערסקי, האָבן די דייטשן אומגעבראַכט אין לאַגער. אַ דאָקטאָר, ביי דער אַרבעט אין שפּיטאָל. ער אַרבעט אין אַ שפּיטאָל נישט ווייט פון לעמבערג, געקומען אַהער איינקויפן מעדיקאַמענטן, אינסטרומענטן, ער איז פאַרטאָן אין דער אַרבעט ביז איבערן קאָפּ.

צי בלייבט ער דערביי?

וועגן דעם וועט ער זיך נאָך אַדורכשרייבן מיט מוליען, מיט מוליע אדעלמאַן, דעם נאָענטסטן איצט מענטש פאַר אים. מוליע איז אין פּאַלעסטינע.

אויך מוטעק איז אומגעקומען ביי די דייטשן.

***

און אָט נאָך אַ קינד. דער וואַקסט נאָך אויף מיינע אויגן. דאָס איז שאַנאַנעק לענט. ער איז 14 יאָר אַלט. שיין ווי די וועלט, עס האָט זיך די נאַטור ווי ספּעציעל באַמיט און אָפּגעוויגן און אָפּגעמאָסטן ביי אים יעדן אבר זיינעם, ער זעט אויס, ווי אַ בראָנדזענע סטאַטועטקע, מיט צוויי שוואַרצע פינקלענדיקע אויגן און שניי־ווייסע ציין. און עס שלאָגן זיך אין אים דאָס קינדיש שטיפערישע מיטן אויפוואַקסנדיקן ערנסט. ער איז באַהאַוונט אין אַלעם, ער ווייסט וועגן פּאָליטיק און וועגן ספּאָרט און וועגן די נייסטע וויסנשאַפטלעכע דערפינדונגען. ער און זיין טאַטע, הערש לענט, און זיינע פעטערס, מיילעך ביטער און באַב מיטלבערג — איין עלטער חברים.

און אַזוי זע איך זיי, די געראַטענע קינדער אונדזערע, און קיינער פון זיי איז נישטאָ... אַלע אומגעקומען...

בערל מיטלבערג

נאָכן אנטלויפן פון מאידאנעק איז ער, אין אפּריל 1944, דערמאָרדעט געוואָרן דורך פּוילישע פאשיסטן, קעמפנדיק אלס פּארטיזאן אין די וועלדער פון לובלינער געגנט

ביי וואָס פֿאַרא אומשטענדן ראַפּעק און מוטעק — איז נישט באַקאַנט. שאַנאַנעק איז געפֿאַלן אַלס העלד אין וואַרשעווער געטאָ. אויסגעצייכנט געוואָרן שוין נאָכן טויט דורך דער פּוילישער רעגירונג אַלס העלד פֿונעם אויפֿשטאַנד. דאָס האָט ער גענומען אויף זיינע יונגע פּלייצעס. ער, דעמאָלט דאָס 16 יאָריקע קינד, האָט גענומען אויף זיך די פֿאַרטיידיקונג פֿון אונדזער אַלעמענס כבוד, דעם כבוד פֿון זיין פֿאָלק, פֿון זיין שטאָם. ער האָט געוווּסט אויף וואָס ער גייט. און זיין טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן געאָטעמט, געלעבט נאָר מיט אים, האָבן דאָס אויך געוווּסט, געוווּסט אויף וואָס זיי לאָזן אים, און מען האָט אים נישט געשטערט... געלאָזט גיין...

דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן אַ העלד.

פֿאַרלוירן דאָס בעסטע, וואָס מען האָט פֿאַרמאָגט...

די חיה האָט פֿאַרשלונגען דאָס שענסטע, וואָס איז געווען אויף דער ערד...

און די וועלט ווי גאָרנישט, גייט ווייטער!

***

פֿון דער שול האָט מען מיך אָפּגעלאָזט, ווי כ'האָב געזאָגט, מיט אַ רוגז. איז צו באַקומען אַ צווייטע אַרבעט געווען נישט גרינג. אויף יעדן נייעם אָרט, ווו כ'האָב מיך געווענדט נאָך אַרבעט, האָב איך געמוזט אָנהייבן פֿון מיין אויטאָביאָגראַפֿיע און ענדיקן אומבאַדינגט, ווו כ'האָב געאַרבעט ביז איצט און פֿאַרוואָס פֿאַרלאָזט דעם פּאָסטן. און דאָס האָט פֿאַרמאַכט אַלע טירן פֿאַר מיר. די שול־אָפּטיילונג האָט מיך געדאַרפֿט האָבן פֿאַר זיך און ווער ס'האָט זיך געווענדט צו זיי מיט אַן אָנפֿראַגע, צי ס'איז אמת, אַז כ'האָב דאָרט געאַרבעט און בין אַוועק פֿון אייגענעם ווילן — האָט מען געענטפֿערט, אַז אמת, נאָר זיי דאַרפֿן מיך האָבן און ערגעץ אַנדערש זאָל מען מיך נישט אָננעמען. און ס'איז געווען אַזאַ מין מנהג, אַז איין אמט ביי אַ צווייטן האָט קיין אַרבעטער נישט צוגענומען.

מען האט מיך יעדעס מאל צוריקגעשיקט אין דער שול-אפטיילונג. כ׳האב קיין אנדערע ברירה נישט געהאט, כ׳האב זיך געמוזט צוריקקערן.

דא האט מען מיך דווקא אויפגענומען זייער פריינדלעך. מען האט מיך געדארפט האבן. עס האט זיך געהאנדלט אין שולן פאר יוגנטלעכע אין דער פארמיליטער עלטער, פאר יוגנטלעכע פון 18 ביז 21 יאר, „דא־פריזיוואניקי" האט מען זיי גערופן. מען האט געדארפט די דאזיקע שולן, ווייל יוגנטלעכע אין מיליטער־עלטער דארפן קודם כל כאטש פאר־שטיין די רוסישע שפראך און מען האט געדארפט אויסארבעטן א גאנצן פראגראם פון לימודים פאר אזא נישט איינהייטלעכן עלעמענט. עס זענען געווען צווישן די דאפריזיוואניקעס אזעלכע, וועלכע האבן שוין געהאט הינ־טער זיך מיטלשול־בילדונג. עס זענען אויך געווען אזעלכע, וועלכע האבן קיין בילדונג נישט געהאט, און מען האט זיי געדארפט געבן די עלעמענ־טארע באגריפן פון וויסן און שפראך. עס זענען געווען אנאלפאבעטן און האלב אנאלפאבעטן. עס איז געווען וועגן וואס זיך צו פארטראכטן. און אינגיכן איז אנטשטאנען א גאנצער לערן־קאמבינאט, אזעלכער מיט צענד־ליקער קלאסן און לערער, מיט זארג וועגן לערן־מכשירים און ביכער און שרייב־מעגלעכקייטן. און ווידער האט מיך די ארבעט פארשלונגען, אז כ׳האב די וועלט פאר זיך נישט געזען.

**
*

עס איז געקומען פרילינג 1941. קיין לעמבערג זענען אראפגעקומען א פאר יידישע זשורנאליסטן פון קיעוו און עס איז באקאנט געווארן, אז עס האלט ביי שאפן אין לעמבערג א טעגלעכע יידישע צייטונג. „דער לעמ־בערגער שטערן" זאל די צייטונג הייסן. צו דער ארבעט אין צייטונג האבן זיך געמאלדן כמעט אלע יידישע מיטגלידער פון ליטע־אטן און זשורנאליסטן־סינדיקאט. כ׳האט געהייסן, אז אין צייטונג באצאלט מען די מיטארבעט, א חוץ דעם נארמאלן געהאלט פאר מיטארבעט, נאך ספע־

ציעל פון דער שורה פאר דערציילונגען, ארטיקלען, וועלכע מען וועט דרוקן אויסער דער רייע. גאָלדשפּינערס...

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער נאַטירלעכער אָפּקלויב. איך האָב געהאַט פיל שאַנסן אַריינצוקומען אין צייטונג. כ'האָב אַמאָל אין וואַרשע מיטגעאַרבעט אין „פריינט", קאַציזנע איז דעמאָלט געווען רעדאַקטאָר פון „פריינט" און איצט האָט ער אויך געזאָלט ווערן איינער פון די מיטרעדאַקטאָרן אין „לעמבערגער שטערן".

און איך האָב אויך שטאַרק געוואָלט אַריין אין דער צייטונג.

אָבער מיין שול־אָפּטיילונג לאָזט מיך איצט פאַר קיין שום פאַל נישט אָפּ. מען דאַרף מיך האָבן אויפן אָרט, אַ חוץ דעם שטייט פאַר אַן אַרבעט אין דער וואַקאַציע־צייט, עפּעס ווידער אַ קאָמבינאַט, אַ לערן־אַנשטאַלט אויף די זומער־חדשים פאַר סאָוויעטישע אָנגעשטעלטע פון גאַנצן קרייז, סטענאָגראַפיע א. ד. ג.

די נייע אַרבעט, וואָס מען לייגט מיר פאָר, איז מיר ווירקלעך פרעמד, פון באַאַמטן־אַרבעט האָב איך אַ קליינע אַנונג.

ס'שאַדט נישט, מען וועט מיך אַרויסשיקן קיין קיעוו זיך אויסלערנען, דאָרט איז אַזאַ לערן־אַנשטאַלט פאַראַן, כ'וועל זיך באַקענען מיט די פּראָפעסאָרן, מיט די לערן־ביכער, מיטברענגען מיט זיך די נייטיקע לערן־מכשירים און — זיי גלויבן אין מיין אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט.

כ'ווייס שוין פון פריער, אַז עס וועט מיר גאָרנישט העלפן. אַ חוץ דעם שמייכלט מיר די מעגלעכקייט צו פאָרן קיין קיעוו. עפּעס זען, זיך נאָך עפּעס אויסלערנען. אין זען קיעוו נאָך אַזוי פיל יאָרן — איז אויך עפּעס ווערט. אין קיעוו בין איך געווען אין 1919.

„דאָגאָוואָרילים" — דאָס הייסט אָפּגעמאַכט, אָפּגערעדט, אָפּגעשלאָסן, כ'פאָר קיין קיעוו, נאָר פריער וויל איך באַזוכן מיינע קרובים אין בעסאַראַביע. איך וויל און עס קומט מיר אורלויב. כ'וועל אויסנוצן נישט דעם גאַנצן אורלויב, כ'וויל נאָר צוויי וואָכן.

אויך דערויף איז מען מסכים און מען זאָגט מיר צו אפילו צו העלפן באַקומען א „פּראָפּוסק‟, נישט קיין לײַכטע זאַך צו יענער צייט. די געוועזענע רומענישע גרעניץ איז איצט אויך אָפּגעהיטן ווי א גרעניץ און מען קען צוקומען אהין נאָר מיט א ספּעציעלער דערלויבעניש.

עס האָט געדויערט א פּאָר וואָכן, ביז כ'האָב באַקומען די נייטיקע פּאַפּירן.

***

דעם 1טן יוני איז אַרויס דער ערשטער נומער „לעמבערגער שטערן‟. עס איז געווען א גרויס געשעעניש אין אונדזער וועלטל. דער ערב צייטונג יאַריד האָט זיך שוין אָפּגעשטעלט, עס איז שוין געווען סטאַביליזירט, באַקענט, ווער עס אַרבעט מיט סטאַביל, ווער עס נעמט אנטייל נאָר מיט „צושטייערן‟. איך האָב אויך באַקומען אַן אויפגאַבע — באַלייכטן די שול־ענינים. גוט. דערוויילֿ אָבער, אַזוי ווי איך פאָר אַרויס און אויך אין א יידישער געגנט, זאָל איך דאָרט פאַרשטעלן די אינטערעסן פון דער צייטונג, פאַרבינדן די צייטונג מיט דער דאָרטיקער גרופּע שרייבער און אויך מיט די לייענער. א חוץ דעם האָט זיך געגרייט א פייערונג דאָרט, א יאָר סאָוועטישע מאכט אין בעסאַראַביע און אין דער בוקאָווינע, אַלזאָ די צייטונג וויל צוגרייטן א יובל־נומער צו דער פייערונג, האָב איך די אויפגאַבע צו באַזאָרגן די צייטונג מיט די געהעריקע מאַטעריאַלן, באַווירקן די דאָרטיקע שרייבער און דיכטער, זיי זאָלן אָנשרייבן פאַר דער צייטונג יום־טובדיקע אַרטיקלען און לידער.

כ'האָב באַקומען א לעגיטימאַציע פון דער צייטונג, א לעגיטימאַציע און „אָטפּוסק‟ פון מיין שול־אָפּטיילונג, די פּאַפּירן, ד"ה דעם „פּראָפּוסק‟ צו דער גרעניץ און דעם 10טן יוני 1941 בין איך אַרויסגעפאָרן פון לעמבערג.

אַרויסגעפאָרן אויף א פּאָר וואָכן אויף אָפּרו. אַרויסגעפאָרן לײַכט, מיט א לײַכטן געמיט און... וואָס כ'קאָן מיר ביז איצט נישט מוחל זיין —

זיך אַפילו נישט אָפּגעזעגנט מיט מיינע נאָענטסטע, האַרציקע גוטע פריינט. מיין צונג איז אומגעריכט אַוועק גאַנץ קאַיאָר און כ'האָב זיי נישט געוואָלט אויפרייסן פון שלאָף. בין איך אַוועקגעפאָרן און שווין... קיינעם פון זיי מער נישט געזען, קיינעם ביים לעבן נישט געטראָפן.

ווער האָט זיך עס געקענט פאָרשטעלן, אַז די חיה שטייט שוין דאָ, ביי דער שוועל, מיטן אָפענעם פיסק, גרייט אַלץ איינצושלינגען...

VI

קיין טשערנאָוויץ

ס'איז אַ שיינער זומער־פרימאָרגן. אויפן וואָקזאַל אין לעמבערג זשומעט פון מענטשן. דער וואָקזאַל איז נאָך געלעכערט, אָן אַ דאַך און אָן פענצטער, נאָך פון די דייטשישע באָמבאַרדירונגען. דאָס שטערט נישט. מענטשן שטייען, מענטשן גייען, מענטשן שטופּן זיך צו די קאַסעס. מענטשן זיצן אויף קלימעקלעך און שלאָפן אויף קלימעקלעך, און מען שלאָפט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע אינעווייניק אין וואָקזאַל און אין דרויסן אויף די שטיינערנע טרעפּ, און איבערן גאַנצן וועג אונטערן פּלויט, וועלכער נעמט איצט אַרום אַ טייל פונעם וואָקזאַל, און וועלכער פירט אַרונטער צו עפּעס אַן אַרויסגאַנג, צו אַ באַן־ליניע, וווּ עס דאַרף אָנקומען אַ צוג. מענטשן שטעלן זיך אויס אין אַ רייע, מען שטייט אָפּ אַ היפּש ביסל צייט. ווערט מען מיד, און איך זעץ מיך שוין אויך צו, אין דער רייע, אויף דער ערד. און דאָ באַגרייף איך פּלוצים, אַז די רייע איז געמאַכט, כדי פלינקערע זאָלן פון דער רייע באַצייטנס אַרויס, זי אויסמיידן און זיך אַריינבאַקומען אויסער דער רייע.

דער וואָקזאַל — דאָס איז אַ שטיק לעבן פאַר זיך. יעדעס מאָל, ווען עס פלעגן מיר אויסקומען נאָענט אַדורכצוגיין נעבן וואָקזאַל, פלעג איך שטוינען: אין אָט די דאָזיקע שווערע באַדינגונגען, ביי אַזעלכע קאָמוניקאַציע־באַגרענעצונגען זענען מענטשן געפאָרן אַהין און צוריק, געוואַלגערט זיך

זאַכן לאַנג אויף פֿאַרשידענע וואָקזאַלן, געשלאָפֿן אין די רייעס, געכאַפּט און דורכגעלאָזט צוגן... און צום שטיינען איז געווען די געדולדיקייט, די אויסהאַלטעוודיקייט פֿון די רוסישע מענטשן, וועלכע האָבן געררייזט אין אַזעלכע באַדינגונגען פֿון די ווייטסטע ווייטן, חדשים לאַנג געווען, אַזוי צו זאָגן, אויף די רעלסן, און מען איז געפֿאָרן, און מען איז געקומען און ווי־דער געפֿאָרן.

איך האָב זיך אַריינבאַקומען אין מיין צוג. א לאַ:גער, לאַנגער צוג און דווקא נישט ענג. כ'האָב געמיינט, כ'וועל זיך מוזן אַריינבאַקומען אין מיין וואַגאָן, ווי ס'מאַכט זיך אַמאָל, דורכן פענצטער, לויט דעם עולם וואָס האָט געוואַרט אויפֿן וואָקזאַל. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אין דער ריכטונג צו דער געוועזענער רומעניש׳ער גרעניץ וווהין איך בין איצט גע־פֿאָרן, זענען געפֿאָרן נישט פֿיל מענטשן.

כ'האָב דעם וועג קיין טשערנאָוויץ געקענט, גוט געקענט, ס'איז גע־ווען מיין וועג אַהיים. אַמאָל האָב איך געהאַט צוויי היימען — מיין געבורט שטעטל בריטשאַן, וווּ עס זענען געווען באַבע־זיידע, פֿעטער־מומעס, און לאָדזש, וווּ עס זענען געווען עלטערן, ברידער, שוועסטער, און ווו איך האָב נאָכדעם געהאַט מיין אייגענע היים. אין לאָדזש פֿלעג איך אויף אַמאָל באַשליסן — כ'פֿאָר אַהיים: דאָס האָט געהייסן, קיין בריטשאַן, אין ברי־טשאַן בין איך אָפּגעווען א פּאָר וואָכן און זאָגן: כ'פֿאָר אַהיים — האָט דאָס געהייסן קיין לאָדזש...

בין איך איצט געפֿאָרן מיט דעם זעלבן וועג ווי אַמאָל אַהיים.

אין די ערשטע רייזעס מיינע אַהיים דורך טשערנאָוויץ פֿלעג מיר טשערנאָוויץ מיט עפּעס דערמאָנען קיעוו. קיעוו האָב איך ליב געהאַט און דערפֿאַר טשערנאָוויץ, צוערשט צוליב דער אויסערלעכקייט, אויך די זעל־בע באַרגיקייט, אין טשערנאָוויץ ווי אין קיעוו. עס לייגט זיך אוים א גאַס באַרג אַרויף, אַז דו זעסט זי פֿון אונטן ביז אַרויף, אַלע הייזער ווי אויף דער האַנט, סיי דאָ, סיי דאָרט דער אַראָפּ צום טייך, דאָ צוּב פּרוט, דאָרט צום דניעפּר, און סיי דאָ, סיי דאָרט, אַזוי פֿיל גרינס, און סעדער, און גערטנער און פּאַרקן. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער פֿאַרגלייך איז נאָר אין איינ־דרוק, מען קען נישט אַזא גרויסע שטאָט ווי קיעוו פֿאַרגלייכן מיט טשער־

נאָוויץ, וואָס איז אייגנטלעך אַ קליינע פּראָווינץ-שטאָט. נאָכדעם האָב איך טשערנאָוויץ ליב באַקומען צוליב די מענטשן, מיט וועלכע כ'פלעג מיך דאָ באַגעגענען. האָב איך באַצייטנס מיטגעטיילט, אַז כ'קום, פלעגן מיך אַראָפּנעמען פונעם וואָקזאַל אליעזר און רבקה שטיינבאַרג, דער גרויסער יידישער „דיעדושקאַ קרילאָוו", דער קינדערש קיילעכדיקער, שעמעוודיקער, שטילער, פלעג מיר שטענדיק מיטגעבן אויפן וועג, צי קיין בריטשאַן, צי קיין לאָדזש, אַ פּאָר נייע משלים און מעשהלעך זיינע.

און אַט דערמאָן איך מיך וועגן אונדזער לעצטער באַגעגעניש אין טשערנאָוויץ: עס איז געווען קורץ פאַר זיין טויט. איך בין געווען אויפן וועג אַהיים — קיין לאָדזש, מיר זענען געזעסן ביי פרידמאַנען — אַ רעסטאָראַן אַ מילכיקער, ווער האָט אין טשערנאָוויץ נישט געגעסן ביי פרידמאַנען מאַליסניק און מאַליי און בייגעלעך... עס איז געווען דער טרעףפונקט קודם-כל פון די וועגעטאַריאַנער.

און איך האָב טענות צו שטיינבאַרגן. קוים מיט צרות מען גיט אַרויס דעם ערשטן באַנד משלים שטיינבאַרגס און דער שטיינבאַרג-קאָמיטעט האָט אויסגעשריבן פּאַפּיר אַזש פון לייפּציג, קאָלירן אילוסטרירט, מען רעדט וועגן אַ פּראַכט-אויסגאַבע, ווו יעדער בוך זאָל קאָסטן צענדליקער דאָלאַר... „ווער זשע וועט קויפן די ביכער?" — איז מיין טענה, — „די רייכע סנאָבן, אַריינצושטעלן אין די אויסגעפּוצטע שטיבער אין די ביכער-שענק אַלס שיינדלעך, אַ בוך מיט גאָלדענע אותיות... נו און די מאַסע, וועלכע קען נאָך נישט דעם יידישן „דיעדושקאַ קרילאָוו", וועט אים ווייטער נישט קענען, נישט לייענען, פאַר וועמען שרייבט איר?"...

איך בין פאַר אַ ביליקער פּאָפּולערער אויסגאַבע.

אליעזער שטיינבאַרג האַלט, אַז דאָס אפשר נאָכדעם, נאָר דערווייל — איך ציטיר זיינע ווערטער, כ'געדענק דאָס גוט:

„יידן האָבן אַמאָל געהאַט אַ באַציאונג צום געדרוקטן וואָרט. ביי יידן זענען שמות, אָפּגעריסענע בלעטלעך פון ספרים הייליק. און איצט וויקלט מען איין אין ביכער-בלעטער הערינג. מען דאַרף אין אַ געוויסער מאָס צוריק שטעלן די באַציאונג צום געדרוקטן וואָרט..."

אומפאַרגעסלעכער אליעזר שטיינבאַרג.

דאָ האָב איך געטראָפן דעם קלוגן שלמה ביקל, שפּעטער שוין אויך אין בוקאַרעשט, דעם שפּרודלדיקן חבר קראַפּט, כ'פלעג אים רופן קראַפט־עבינג. אַזוי האָב איך געוואָלט, די סופרים, אַ גאַנצע גרופּע קינסטלער: לערנער, די באַקסערס, שוואַרצם — און אַ גאַנץ קניפּל היימישע, אייגענע בעסאַראַבער יוגנט...

וווּ איז דאָס אַלץ איצט? וועמען וועל איך נאָך טרעפן אויפן אָרט?

אויפן טשערנאָוויצער וואָקזאַל האָט איצט אויף מיר קיינער נישט געוואַרט. מיינע קרובים, וועלכע האָבן איצט געוווינט אין טשערנאָוויץ, האָבן, לויט מיין מיטטיילונג, געוואַרט אויף מיר מיט אַ טאָג פריער, און אַזוי ווי כ'בין נישט געקומען, האָבן זיי אויסגערעכנט, אַז כ'דאַרף קומען מיט אַ טאָג שפּעטער.

מיין שיינע שטאָט טשערנאָוויץ האָט איצט אַביסל פאַרלוירן פון איר גלאַנץ. עס האָבן געפעלט די גרויסע שיינע אויסשטעלונגען אין די שויפענצטער, אָבער שיין, פרייליך און אויפגעלעבט איז זי אויך איצט, אויפן ערשטן קוק. דער טראַמוויי, וואָס קומט אַרויף דורך דער הויפּט־שטראַסע, פונעם פּרוט, איז איבערפולט מיט מענטשן, וואָס קומען פון באָדן זיך, גרויסע אַפּישן מעלדן וועגן אַ קאָנצערט פון געזאַנג און טענץ, אויפן רינג־פּלאַץ ביים „שוואַרצן אָדלער" און אויפן ראָג רוסישע-גאַסע — מעלדן עפּעס די ראַדיאָ־הויכהילכערס.

אַ פריידיק געפיל, כ'בין אין אַ היימישער, אייגענער שטאָט.

צוויי טעג האָב איך מיך געפרייט מיט מיין טשערנאָוויץ, מיט די אייגענע, וועלכע כ'האָב דאָ געטראָפן, און מיטן טשערנאָוויצער אַרום.

אויפן דריטן טאָג, אין דער נאַכט פונעם 12טן אויפן 13טן יוני, האָב איך צום צווייטן מאָל איבערגעלעבט מיט אַלע פּיטשעווקעס פּונקט אַזאַ דעפּאָרטאַציע ווי פאַראַיאָרן אין לעמבערג. איצט איז געווען די רייע אויף טשערנאָוויץ און אויך אויף די בעסאַראַבער שטעט און שטעטלעך.

און פּונקט ווי אין לעמבערג האָט מען עס דעמאָלט געהאַלטן פאַר אַן אומגליק, און געווען איז עס אַ גליק פאַר די, וועלכע מען האָט אַרויסגעפירט. ווייל די גרעסטע טייל פון די, וועלכע מען האָט אַרויסגעפירט,

זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, געבליבן לעבן. די גרעסטע טייל פון די, וועלכע זענען געבליבן, זענען אומגעקומען שפּעטער ביי די דייטשן.

מיט צען טעג שפּעטער, דעם 22סטן יוני, האָט אויסגעבראָכן די מלחמה.

די דייטשן זענען באַפאַלן דאָס לאַנד. און אין דעם רעש און אין דעם געטומל פון די ערשטע מלחמה-טעג האָט מען נאָך אַלץ געהאַלטן אין דעפּאָרטירן די „נישט געוווּנטשענע עלעמענטן". און עס האָבן געשריגן די סאָוויעטישע אָנגעשטעלטע, די אָנגעזעענע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך געוואָלט און געמוזט עוואַקואירן:

— וואָס פירט איר זיי, די גבירים? גיט אונדז דעם טראַנספּאָרט, מיר מוזן זיך ראַטעווען.

א סך פון די לעצטע האָבן ווירקלעך נישט באַוויזן באַצייטנס זיך ארויסצובאַקומען פון דער דייטש-רומענישער אומקרייזונג.

און ווידער האָב איך דאָ, ווי אין לאָדזש אין די ערשטע טעג מלחמה, איבערגעלעבט די לופט-אַלאַרמען און לופט-אָנגריפן... אויך דאָ, ווי דאָרט א ריינער קלאָרער הימל אָן איין וואָלקנדל, און עס קומען אָן, אויך ווי דאָרט, אין א „סגל" די דייטשישע עראָפּלאַנען, די שטאָט ווערט פאַר־שטאַרט, פאַרגליווערט איז וואַרטן, אַלץ לויפט אין די קעלערס...

ווי באַקאַנט, ווי באַקאַנט איז מיר דאָס:

א קנאַל, א ווייטע דעטאָנאַציע:

די באָמבע איז אַראָפּגעפאַלן אין „זשוטשקאַ", א פאָרשטאָט, פון יענער זייט בריק. דאָרטן זענען פאַבריקן, וואַרשטאַטן, א גרויסע צוקער-פאַבריק.

און איינמאָל האָט מען דאָ, ווי אין לאָדזש, געקענט אָבסערווירן א לופט-שלאַכט, אָבער דאָ האָט מען אַראָפּגעקלאַפּט א דייטשישן עראָ־פּלאַן. דער אונטערגעשאָסענער דייטשער אַוויאַן האָט ביים אַראָפּפאַלן מיטגעריסן א פערטל פון א הויז, אויף וועלכן ער איז אַראָפּגעפאַלן. עס איז געווען ווייט אויף שטיין-גאַסע און מיר זענען געגאַנגען אָנקוקן ווי דאָס זעט אויס.

די פאַרקוילטע דייטשישע פּילאָטן האָט מען שוין געהאַט אַוועקגע־רוימט. אויף דער גאַס איז געלעגן דער אומגעהויערער פאַרשרפהטער גוף

פון דעם עראָפּלאַן מיט שטיקער אָפּפאַל פון אים, און עס האָט געשראָקן די אָפּגעריסענע זייט פון דעם הויז, די אָפענע װוּנד, און אראָפּהענגענדיס שטיק דאַך, דאָס אָפענע געוועזענע צימער, אין וועלכן עס איז געבליבן א ווינקל און א טישל אין דעם ווינקל און עפּעס א פאָטאָגראַפיע אויף דער וואַנט. אויפן צווייטן שטאָק עפּעס א וואַנט מיט געשיר, א געמיש פון ציגל, שטיינער, ליים, שטויב און מעבל, ביזן מיטן גאַס וואַלגערן זיך עפּעס שטוב־זאַכן, עמערס, שיסל, טעפּלעך...

עס זענען אומגעקומען עטלעכע מענטשן, איינוווינער פון דעם הויז. רעדט מען וועגן זיי. אָט איז איינע א שכנה, אָט האָט זי געזען, געשטאַנען ביים פענצטער, ארויסגעקוקט, און פּלוצים א געפּילדער... און שוין...

***

ס'איז מלחמה. צי וועט מען די שטאָט פאַרטיידיקן? צי וועט מען אוועקגיין אַזוי?

אָבער בעסאַראַביע וועט מען באַשטימט נישט אָפּגעבן אַזוי. דאַרף מען לויפן קודם־כל אַהיים, אַהין, קיין בריטשאַן.

דער אויטאָבוס, וואָס קורסירט צווישן בריטשאַן און טשערנאָוויץ, האָט זיך אָפּגעשטעלט שוין פונעם ערשטן טאָג אָן. מען האָט זיך אָפּגעי רעדט מיט א פורמאַן, באַצאָלט פאַרן פערד און וועגעלע, זיך אָפּגערעדט, אַז ער וועט אונדז אָפּפירן נאָר ביז כאָטין. אינדערפרי איז ער געקומען, אָפּגעבראַכט דעם אַדרויף: נישטאָ, זאָגט ער, שוין נישטאָ קיין וועג אַהין, איבערגעשניטן דעם וועג.

ווילן מיר פרוּוון א צווייטן וועג, דורך נאָוואָסיעלעץ.

די אַנטלאָפענע דורך דעם וועג זענען שוין אויך אַריינגעפאַלן אין דער אומקרייזונג.

מיר זענען אין א שטייג, נישטאָ וווהין צו לויפן.

דעם דריטן יולי הערן מיר ביי דעם ראַדיאָ געבן „שוואַרצן אַדלער" סטאַלינס א רעדע:

— די דייטשן האָבן פאַרנומען ליטע, א שטיק לאַטוויע, ווייסרוס־לאַנד און מערב־אוקראַינע. זיי האָבן באָמבאַרדירט גלייכצייטיק די נרעסטע

רוסישע שטעט פונעם וויטן מזרח, מערב, דרום: מורמאנסק, אַרשע, מאָגילעוו, סמאָלענסק, קיעוו, אדעס, סעוואסטאָפּאָל א. אנד. די לאַגע איז ערנסט, אָבער דער דערפאָלג פונעם שונא איז אַ צייטווייליקער... און אויב מען וועט זיין געצוווּנגען צייטווייליק צו פאַרלאָזן געוויסע פּאָזיציעס, שטעט, זאָל מען נישט איבערלאָזן פאַר דעם שונא גאָרנישט: קיין איין פּאַראַוואָז, קיין איין וואַגאָן, קיין איין קילאָ ברויט, נישט קיין ליטער ברען-מאַטעריאַל...

פאָלגנדיק דעם דאָזיקן באַפעל, האָבן די פאַרבליבענע אין אוואַנגאַרד סאָוויעטישע מיליטערלייט פאַרן פאַרלאָזן די שטאָט געעפנט אַלע מאַגאַזינען, סקלאַדעס מיט סחורות, א. ד. ג. זאָל יעדער נעמען, וואָס עמיצער וויל. מען האָט אויך אונטערגעצונדן אין פאַרשידענע טיילן שטאָט. און אויך אויף רינג-פּלאַץ, פּאָסט-גאַס, טעמפּל-גאַס פאַרשידענע סקלאַדעס, אויפגעריסן די פּאָסט, די בירזשע, אויפגעריסן בענזין-רעזערוואַרן...

פייער, רויך, אויפרייסן, און אונטער דעם אַלעם טראָגן מענטשן, שלעפּן אין זייערע ווינקעלעך פון די געעפנטע מאַגאַזינען: צוקער און סאַוועט טיי, און פּוטער און האָניק און מעל, און קליידער און וועש און שיך... זעק און זעקלעך און פעסער...

VII

טשערנאָוויץ

ביינאַכט, דעם 26סטן יולי האָבן דריי שרעקלעכע דעטאָנאַציעס אויפֿ־געטרייסלט די גאַנצע שטאָט, אויסגעקלאַפּט כמעט אַלע שויבן פֿון אַלע פֿענצטער. דאָס האָט מען אויפֿגעריסן די בריקן איבערן פּרוט. די שטאָט איז געבליבן קיינעמס נישט.

שטיל. שטילקייט פֿאַר אַ קאַטאַסטראָפֿע. מען וואַרט אויפֿן שונא.

נישט פֿאַר אַלעמען אַ שונא. עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געוואַרט אויף זיי ווי אויף גוטע פֿריינט. טשערנאָוויץ איז נישט אומזיסט געווען יאָרנלאַנג דייטשיש און רומעניש.

און ווידער האָט זיך די יידישע באַפֿעלקערונג פֿאַרזיגלט הינטער זיבן שלעסער, פֿאַרגראָבן אונטער דער ערד, געזעסן שטיל, דערשלאָגן. די נישט־יידישע זענען אַרויס אין גאַס אַריין מיט קלויסטער־צלמים אונטערן קלאַנג פֿון קלויסטער־גלאָקן, מיט באַגריסונגען, פֿענער, ברויט און זאַלץ, מיט פּראָצעסיעס...

עס זענען אַריינגעקומען, צוערשט די רומענער, דורך דער רוסישער גאָס. פֿון דער בריק אָן, וווּ עס האָבן געוווינט יידן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווידערלעכער פּאָגראָם. די סאָלדאַטן, און ס'האָבן זיך געפֿונען שוין אַר־טיקע כוליגאַנעס, וועלכע האָבן געפֿירט, זענען געגאַנגען פֿון איין יידישער שטוב אין דער צווייטער, אַרויסגעשלעפּט די מענטשן; יונג און אַלט, פֿרויען

און קינדער, געמאָרדעט און גערויבט. עס האָט, פאַרשטייט זיך, נישט גע־פעלט קיין פּראָוואָקאַציע דערביי. איבער דער גאַנצער שטאָט האָט מען פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יידן האָבן געשאָסן פון די פענצטער. ביז די ערשטע מיליטערישע אָפּטיילונג איז צוגעקומען צום צענטער פון שטאָט, ביז רינג־פּלאַץ, זענען שוין די גאַסן אַרום געווען פול מיט הרוגים, רויב און יאָמער.

ביינאַכט גייען זיי זוכן רוסישע סאָלדאַטן און געווער. מען שלעפּט אַרויס פון די שטיבער יידישע יונגעליים און מען פאַרשלעפּט זיי ערגעץ פעסטצושטעלן, ווער זיי זענען. צוריק האָט מען זיי שוין נישט געזען. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז מען האָט זיי גלייך אַראָפּגעפירט צום פּרוט און דאָרטן דערשאָסן.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען ווידער צוזאַמענגעשלעפּט פון די יידישע הייזער, פון צענטער שוין, עטלעכע הונדערט מענטשן, צווישן זיי אייניקע פון די אָנגעזעענסטע בירגער פון שטאָט, זיי פאַרזאַמלט אין דער גרויסער נייער געביידע אויף פישער־פּלאַץ, אין דעם קולטור־פּאַלאַץ (ביי די רוסן האָט דאָס הויז געהייסן: „דאָם קראַסנאָי אַרמיאַי" — דאָס הויז פון דער רויטער אַרמיי) און מען האָט גענומען זיי אויף אַ סאַדיסטישן אופן פּייניקן און מושטרירן. געהאַלטן זיי אַ גאַנצן טאָג. אַרום אַכט אַזייגער האָט מען געמאַכט עפּעס אַ סעגרעגאַציע, אָפּגעטיילט אַ גרופּע און זיי געמאָלדן, אַז זיי זענען פריי. צוויי מאָל האָט מען דאָס די מענטשן נישט גערדאַרפט איבערחזרן: זיי האָבן זיך באַלד געלאָזט צו דער טיר לויפן אַהיים. די וועלכע זענען פאַרבליבן האָבן מיט קנאה געקוקט אויף די גליקלעכע, וואָס זענען אַנטלאָפן. עס איז געווען אַן אומגליק, נישט קיין גליק פאַר זיי: באַלד אינדרויסן האָט מען זיי אויפגענומען מיט אַ האָגל פון קוילן...

דאָס איז געווען צוגעגרייט, אָבער נישט גלאַט אַזוי צוגעגרייט, נאָר מיט אַ תירוץ: אין דעם זעלבן טאָג אינדערפרי איז דערשינען אַ פאַראָר־דענונג, אַז מען מעג גיין אין גאַס נאָר ביז 7 אַזייגער, וועמען מען וועט טרעפן אין גאַס שפּעטער פון דער צייט, וועט מען שיסן. די געפיייניקטע אין „קולטור־הויז" זענען פון אינדערפרי אָן געווען אויף דער מושמרע, פון וואַנען האָבן זיי געקענט וויסן וועגן דער נייער פאַראָרדענונג? מען

האָט זיי אַרויסגעלאָזט 8 אַזייגער, האָבן זיי זיך נאָך אַכט געלאָזט לויפן אַהיים.

און אויפן וועג האָט זיי געטראָפן דער טויט.

אויפן צווייטן אינדערפרי זענען איבער דער גאַנצער לענג פון קאַראַ־לינען-גאַסע, טעמפּעל־גאַסע, ביז צום „שוואַרצן אדלער", אַרום דעם „קול־טור־הויז" און ווייטער אויף פּישער־פּלאַץ געלעגן צענדליקער צעשאָסענע נאַקעטע קערפּער. איבער נאַכט האָט מען באַוויזן די מענטשן, די דערמאָר־דעטע אויסצוטאָן און באַרויבן.

עס האָט זיך נאָכדעם איינגעשטעלט אַ ייד, דאָקטאָר פרענקעל, און אַלס חסד אויסגעפּועלט ביי דער מאַכט די דערלויבעניש צוזאַמענצונעמען די נאַקעטע קערפּער און זיי ברענגען צו קבר ישראל אויפן יידישן בית עולם.

די מאַכט איז געווען אַ טאָפּלטע: דייטשישע און רומענישע. אין דער זעלבער נאַכט האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן און אויפגעריסן דעם טעמפּל. די גרויסע און שענסטע רייכסטע יידישע שול אין דער גאַנצער אומגעגנט, אַ געביידע פון זעלטענער אַרכיטעקטור, באַצירט און באַפּוצט פון אויסן און אינעווייניק מיט פּרעכטיקער מאָזאַאיק.

עס געדענקט זיך: עס איז געווען עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע, שרעק־לעכע נאַכט. ווי עס מאַכט זיך אַמאָל אין יולי נאָך אַ הייסן טאָג, אַ שרעק־לעכער שטורעם און געוויטער ביינאַכט, מיט דונערן און בליצן און שלאַקס־רעגן. עס האָט די ערד געציטערט פון די קנאַלן, עס האָט געקראַכט און געברענט און געבליצט און געדונערט אויף דער ערד און אין הימל, און דער שלאַקס-רעגן האָט נישט אָפּגעלאָשן די פלאַמען פונעם טעמפּל, פון דעם גאָטס-הויז, עס זענען פון צייט צו צייט שוואַכער געוואָרן און פלוצים ווידער אויפגעפלאַקערט די פלאַמען און דונערס, און עס האָבן ווי שדים געטאַנצט און זיך געפּאַרעט אַרום דער שול די דייטשישע זשאַנדאַרמען.

מען איז נישט אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב און דאָך האָט מען גע־וווּסט וועגן די אומגליקן, וואָס זענען געשען אין שטאָט.

ס'האָט דערציילט דער וועכטער פון הויז, אַז ער האָט געזען אַ באַרג מיט הרוגים־יידן ביים שילער־פּאַרק.

מען האָט פאַרשלעפּט דעם ראַבינער מאַרק, און מען ווייסט נישט,

זוו ער איז אַהינגעקומען. (חדשים לאַנג האָבן נאָכדעם קורסירט פאַרשי־דענע ווערסיעס וועגן זיין אַהינקומען, די שטאַרקסטע איז געווען, אַז אַ פּראַוואָסלאַוונע יעפּיסקאָפּ, זיינער אַ פאַרערער, באַהאַלט אים אויס...) אונדזער אַ גוטער פריינט, מעבעלע וואָלשטיין, און זיין זון, ליוסיק, עט־לעכע דאָקטוירים, לערער און אַנדערע האָט מען פאַרנומען און זיי זענען פאַרפאַלן געוואָרן. ווען עס איז נאָכדעם געקומען ליוסיקס אַלטע ניאַניע און דערציילט, אַז זי האָט אַליין געזען מיט אירע אייגענע אויגן ביים פּרוט אַ באַרג מיט מתים און דעם ערשטן, וועלכן זי האָט אויפגעדעקט, איז טאַקע געווען ליוסיק, און דער צווייטער איז געווען מעבעלע און נאָך באַקאַנטע, האָט מען איר פשוט נישט געגלויבט... נישט געוואָלט גלויבן, מען האָט געוואָלט גלויבן, אַז זי איז געווען שכור און עס האָט זיך איר נאָר אַזוי אויסגעדאַכט... ס'איז אָבער געווען דער אמת, דער שרעקלעכער אמת, מען האָט זיך אין דעם איבערצייגט שפּעטער.

ביינאַכט הערט מען שיסן. מען שיסט נאָענט, מען הערט ווייטערע שאָסן. אינדערפרי ווייסן מיר שוין וועגן נייעם רויב און מאָרד. עס הענגט אַ שוואַרצער צאָרן איבער אַלעמען.

עס פאַרגייט אַ שטיקל צייט. מען ווערט ווי צוגעוווינט צו די צרות. דער ווילקיר באַקומט סאַנקציאָנירטע פאָרמען. מען פירט פּאַוואָלינקע אַריין אויך דאָ די נירנבערגער געזעצן. אָבער נישט אָפן, מען טוט עס אין דער שטיל. אַלע פאַראָרדענונגען קעגן יידן גיט מען איבער פון איין ייד צום צווייטן: יידן טאָרן נישט האַנדלען, טאָרן נישט קויפן, פאַרקויפן, טאָרן נישט פאַרנעמען קיין עפנטלעכע פּאָסטנס, טאָרן נישט פאַרלאָזן די שטאָט, און שפּעטער אַביסל, אָנטאָן דעם געלן צייכן, נישט באַווייזן זיך אויף די הערן־גאַסן א. א. וו. אַ גרוילעכע פּראָפּאַגאַנדע קעגן יידן, וועלכע זאָגט אָן אַלע מאָל נייע צרות.

אויך מיט דעם האָט מען זיך פּאַוואָליע איינגעלעבט. מען האָט גע־כאַפּט יידן אויף די גאַסן, געשלעפּט צו דער אַרבעט, און ווען מען האָט נישט געגנוג געטראָפן יידן אויף די גאַסן, איז מען געגאַנגען און געשלעפּט פון די היימען, און דאָס איז געווען נאָך ערגער. יידן האָבן געאַרבעט ביים צוריקשטעלן די אויפגעריסענע בריקן איבערן פּרוט, ביים אָפּריינִיקן די

שטאָט פון די חורבות נאָך די שרפות און אויפרייסן; מען האָט צו קבורה געבראַכט די דערמאָרדעטע און מען האָט געלעבט אין שטענדיקן שרעק. מען האָט אָן אויפהער גענומען ערובניקעס, די שענסטע יידישע בירגער פון שטאָט, און זיי געהאַלטן נישט באַוווּסט ווו. מען האָט געהונגערט, מען האָט זיך נישט געטרויט אַרויסצוגיין קויפן. עס זענען געווען רייען אויף ברויט, אָבער יידן האָבן אין די דאָזיקע רייען מורא געהאַט צו שטיין.

און אַט אין דער ביטערניש האָט מען אָבער נאָך געפילט, אַז דאָס איז נאָך נישט דאָס ערגסטע, אַז עס קאָן קומען, אַז עס גייט אויף אונדז נאָך עפּעס ערגערס. און מען האָט זיך געשראָקן.

עס זענען אַזוי אַדורך די פּאָר זומער־חדשים אין צרות און אין ליידן. פון בעסאַראַביע זענען אין דער צייט אָנגעקומען וואָס אַמאָל ערגערע בשורות. מען האָט אַרויסגענומען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון די בעסאַראַבער שטעט און שטעטלעך און זיי אַריבערגעוואָרפן איבערן דניעסטער, צו די דייטשן. באַלד דערוויסן מיר זיך, אַז מען האָט זיי דאָרט נישט אָנגענומען און מען האָט זיי געיאָגט צוריק, אַז מען האָט זיי פאַרשפּאַרט אין לאַגערס אין יעדיניעץ און אין סעקוראַן...

עס איז דאָ נעבן בריטשאַן, אַ דאָרף, הרובנע, אַ רוסיש דאָרף, מיט קאַצאַפּעס, ווי מען רופט זיי ביי אונדז. אַלע דערפער אַרום בריטשאַן זענען אָדער מאָלדאַוואַנישע אָדער גויאישע, ד"ה מען רעדט דאָרט אָדער מאָלדאַוואַניש אָדער אוקראַיניש. אין הרובנע רעדן די קאַצאַפּעס רוסיש. זיי האָבן גערטנער און סעדער און די בעסטע פּרוכטן, גרינצייג, אויך האָניק, וואַקס אאַ"וו. דאָס אַלץ פלעגן זיי ברענגען אין די ירידים־טעג אויפן בריטשאַנער מאַרק. איצט, אַז קיין יידן זענען אין בריטשאַן נישטאָ, ברענגען הרובנער קאַצאַפּעס זייערע פּראָדוקטן קיין טשערנאָוויץ. איינמאָל האָב איך אויפן מאַרק באַגעגנט אַ באַקאַנטן הרובנער קאַצאַפּ, וואַסיל. ער האָט עס מיר דער ערשטער אָפּגעגעבן דעם אמתן גרוס, ווי עס איז צוגעגאַנגען דער אומגליק, דאָס אויפהייבן און אַרויסשיקן די יידן פון בריטשאַן, און אַזוי ווי פון בריטשאַן אויך פון די אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון בעסאַראַביע. ער האָט מיר קודם כל אָפּגעגעבן אַ גרוס פון מיין מאַטלען און סימעלען; זיי זענען געווען דאָרטן, אין בריטשאַן, און אוועק מיט אַלע,

מיט די ארויסגעשיקטע. ער האָט עס אויך מיר איבערגעגעבן א פּרט פון דער ארויסשיקונג, אז ביי מיינעם א קרוב, ליוסיק שווארץ, אן אדוואָקאט, זענען אין דער צייט פונעם ארויסשיקן ביידע קינדער געלעגן קראנק אין סקארלאטינע מיט העכער 40 גראד היץ. ער האָט געבעטן, מען זאָל די קינדער לאָזן דערוויילן אין שפּיטאָל, עס האָט נישט געהאָלפן, ער האָט זיי געמוזט אין דעם צושטאנד מיטנעמען.

6 אזייגער אינדערפרי האָט מען געמאָלדן אין בריטשאַן, אז אלע יידן דארפן זיך פארזאמלען ביז 9 א זייגער אויף דער „טאלעקע" (א לאָנקע). מיליטער, פּאָליציי און א ביסל אונטערוועלט־לייט האָבן אכטונג געגעבן, אז ביז ניין א זייגער זאָלן שוין די יידן אין זייערע היימען נישט זיין. אויף דער טאלעקע (וויפל מאָל מיר קינדער פלעגן זיך שפּילן, שפּאצירן אויף דער דאָזיקער „טאלעקע", עס איז אמאָל געווען דער שבתדיקער שפּאציר־פּארן שטעטל, איצט איז דאָרט געשטאַנען דער אומגליק) זענען שוין גע־שטאַנען אָנגעגרייט פורלעך פאר די קינדער און קראנקע. הארצרייסנדיקע געשרייען און געוויינען די גאנצע צייט אין שטעטל, איבערן וועג און אויף דער טאלעקע. מען האָט געמוזט מיטנעמען אלע, מען האָט נישט געלאָזט אין שטעטל קיין איינציקן ייד. עס איז געלעגן אין גסיסה, אין זיינע לעצ־טע מינוטן אן אלטער ייד. די קינדער האָבן געבעטן, מען זאָל זיי לאָזן ביז זיי וועלן אָפּגעבן דעם טאטן דעם לעצטן כבוד. זיי האָבן געהאַט איין ברירה: זיי האָבן געקאָנט, ס'איז געווען א חסד, דעם גוסס לאָזן אויפן אָרט, זיי אָבער האָבן געמוזט גיין.

די נאָרמאלע יידישע באפעלקערונג אין בריטשאַן האָט געציילט א צוועלף טויזנט מענטשן, איצט זענען געווען ביז 16 טויזנט, וויל עס זע־נען ארייננעקומען אהער פון ליפּקאַן און סעקוראַן די יידן. אין אָנהייב מלחמה איז דאָס געווען אויף דער פראָנט־ליניע.

די אלטע, קראנקע און די קינדער ווי אויך אייניקע זאכן פון די, וועל־כע האָבן געקאָנט גיין צופוס, נאָר זיי האָבן נישט געקאָנט טראָגן זייערע זאכן, האָט מען איינגעאָרדנט אויף די פורלעך. די איבעריקע האָט מען אויסגעשטעלט אין קאָלאָנעס, 300 מענטשן אין א קאָלאָנע ארומגע־רינגלט מיט מיליטער און — אין מארש.

אויפן וועג, וואָס ווייטער, אַלץ ערגער. נאָר איינציקע היימישע גויים האָבן אָפּגעפּירט זייערע פּאַסאַזשירן אביסל ווייטער. די גרעסטע טייל זײַנען גיך מיד געוואָרן און אַראָפּגעוואָרפן די פּאַסאַזשירן מיט די קלומיקלעך און צוריקגעקערט א היים. דאָס איז נאָך געווען דאָס איידלסטע. שפּעטער איז געוואָרן ערגער, מען האָט געהאט צו טאָן מיט פרעמדע גויים, זיי אליין האָבן פאַרקירעוועט די פורלעך אויף א זייטן וועג, די זאכן צוגענומען און די פּאַסאַזשירן אָפּט מאָל דערביי דערליידיקט. נאָך ווייטער איז געוואָרן נאָך ערגער. עס איז געווען ווי אָפּגערעדט צווישן קאָנוואָי און באַנדעס פון די דערפער: מען האָט אָפּגעשניטן גאַנצע גרופּעס, פון די קאָלאָנעס, פון דער גאַנצער מאַסע, זיי פאַרפירט אין א זייט אין פעלד, אָדער וואַלד — דאָרט באַרויבט און אויסגעהרגעט. דער וועג איז געווען פאַרזייט מיט הרוגים. אין מאַרש האָט מען געיאָגט, געטריבן, געשלאָגן. פיל האָבן נישט אויסגעהאַלטן און געבליבן אויפן וועג. מען האָט געלאָזט טאַטע־מאַמע, ברידער־שוועסטער און קינדער, און מען האָט געמוזט לויפן, געיאָגטע, ווייטער... און וואָס נענטער צום דיענסטער אַלץ גרעסער די רציחות.

צו אָטעק (א שטעטל ביים דניעסטער, פון דער זייט פון בעסאַראַביע, פון יענער זייט דניעסטער ליגט מאָגילעוו־פּאָדאָלסק) זענען די קאָלאָנעס צוגעקומען שוין שטאַרק שיטערע. און איצט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַריבערפירן דורכן דניעסטער. די בריק איז געווען אויפגעריסן, מען האָט אַריבערגעפירט אויף לאָדקעס, פּאַראָמען, האָט מען געוואָרפן אין וואַסער אַריין זאַכן און מענטשן, געשלאָגן און געהרגעט...

און פון יענער זייט דניעסטער, ביי מאָהילעוו איז דאָ א באַרג; יאָגט מען אויף דעם באַרג. מענטשן וואַרפן פון זיך אַראָפּ יעדן איבעריקן גראַם פון געפּעק; ווער קאָן עס עפּעס נאָך אַזאַ וועג לויפן מיט געפּעק אַרויף אויפן באַרג? און אַז מען איז שוין העט אויבן — יאָגט מען צוריק אַראָפּ. ערשט, ווער עס איז נאָך געבליבן ביי עפּעס, וואַרפט אין וועג אַראָפּ דאָס איבעריקע, ווייל א סך מענטשן קאָנען אַראָפּ נאָך ערגער גיין, ווי אַרויף... די זאַכן קלויבן נאָכדעם אויף אַנדערע. די יידן יאָגט מען ווייטער, גלאַט

אזוי, פאר ספּאָרט שוין, ארויף־אראָפּ, ארויף־אראָפּ; ביז זיי בלייבן אָן א נשמה, אָן א הארץ.

פארמוטשעטע, דערשלאָגענע, א סך פאריתומטע זענען ענדלעך די רעשטלעך אָנגעקומען קיין מאָהילעוו. די שטאָט א רואינירטע, אויסגעבאמב־טע, צעבראָכענע איז גרייט זיי ארייננצונעמען אין אירע רואינעס, אָבער דאָ הייבט זיך אָן א נייעס: די שטאָט איז נאָך אין די הענט פון די דייטשן (שפּעטער איז זי איבערגעגעבן געוואָרן די רומענער) און די דייטשן זאָגן, אז זיי דארפן נישט די יידן, מען זאָל זיי צוריק פארנעמען...

און עס הייבט זיך אָן דער צוריק, דורכן וואסער אין די קאָלאָנעס, דורכן באנייטן רויב און מאָרד, קיין סעקוראן, דאָ האָט מען געמאכט א לאגער. דאָ געפינען זיך איצט אלע וואָס זענען נאָך גאנץ געבליבן פון דעם מארש. די בריטשאנער, די כאטינער, די ליפקאנער, דאָס אלץ געפינט זיך איצט אין סעקוראן. מיינע אויך. ווי אזוי פארבינדט מען זיך מיט זיי? אפשר פרווון זיי ארויסשלעפּן?

איצט ווייסט שוין גאנץ טשערנאָוויץ וועגן דעם אומגליק־בעסארא־ביע און עס זענען פאראן פארשידענע באציאונגען אפילו צווישן די יידן צו דעם אומגליק בעסאראביע. די טשערנאָוויצער, די בוקאווינער הייסט עס, האלטן זיך פאר מער יחסנים. די בעסאראבער, מיינען זיי, האָבן עפּעס א שטיקעלע חטא אויף זיך; זיי זענען כמעט רוסישע, שטענדיק געווען פּראָ־רוסיש, האָבן זיי אפילו פארדינט, וואָס מען רעכנט זיך מיט זיי אָפּ אביסעלע; אָבער מיט זיי, מיט די בוקאווינער, און בפרט מיט די טשער־נאָוויצער, וועט מען זיך אזוי נישט באגיין — אזוי מיינען זיי — און דאָך איז מען עפּעס אומרואיק, מען האָט מורא.

די בעסאראבער אין טשערנאָוויץ האָבן אַנדערע דאגות: ווי אזוי רייסט מען ארויס, ווי אזוי שלעפּט מען ארויס די נאָענטע, די אייגענע פונעם לאגער, פון סעקוראן און פון יעדינעץ. אין יעדינעץ דאָס ווייסן מיר שוין אויך, האָט מען אויסגעקוילעט כמעט דאָס גאנצע שטעטל יידן. דאָס פאר־בליבענע ביסל ארויסגעיאָגט אויפן וועג צום דניעסטער, איבערן דניעסטער קיין „טראנסניסטריע״. פון די יעדינעצער יידן איז אין יעדינעץ קיינער נישט געבליבן, אָבער דערפאר זענען דאָרטן דאָ נישט יעדינעצער: מען

האָט דאָרט פאַרזאַמלט אַלע די יידן, וועלכע זענען בעת דעם אַנטלויפן אַריינגעפאַלן אין דער דייטש־רומעניִשער אומקריייזונג. מען האָט אַהין פאַר־שיקט אַלע רעשטלעך פון די אַרומיקע אָפּגעריסענע שטעטלעך און דערפער, פאַראייניצלטע, און געשאַפן א שווערן לאַגער מיט א שווערן רעזשים.

און מען האָט אָנגעהויבן צו פּרווון אַרויסשלעפּן פון אָט די פרישע גיהנומס די נאָענטע. עס מאַכן זיך באַלד „מאַכערס", וואָס האָבן באַקאַנט־שאַפט צווישן די רומענער, אפילו צווישן דייטשע אָפיצירן. די דייטשע אָפיצירן פאָרן גלייך אריין אין לאַגער אריין און נעמען פון דאָרט אַרויס די נויטיקע פּערזאָנען. אזוי הייסט עס. מען דאַרף נאָר באַצאָלן. נאָר מען הערט דערוויַל נישט פון קיין איין באַפרייטן, פּונקט קאַפּויער: מען האָט פאַר עמיצן באַצאָלט, יענער איז טאַקע פונעם לאַגער אויף אַן אומבאַקאַנטן אופן אוועקגעקומען, אָבער די קרובים, וועלכע האָבן דאָ פאַר אים באַצאָלט א גרויסע סומע געלט, ווייסן אויך נישט ווו ער איז אַהינגעקומען. און קלאַנגען גייען, אַז מען האָט אים איבערהויפּט דערליי־דיקט. די איבעריקע לאָזן זיך שוין פון די געשעפטן מיט די „מאַכערס" אָפּ. ווען מען קען זיך כאָטש נאָר פאַרבינדן מיט זיי שריפטלעך. ס'איז אזוי נישט ווייט, און אזוי שוין אָפּגעריסן!

און דאָ הייבט מען שוין אָן צו רעדן וועגן א געטאָ אין טשערנאָ־וויץ. אַנדערע זאָגן, אַז עס גייט אויף אונדז א פאַרשיקונג, אזוי ווי אויף די בעסאַראַבער. און פּלוצים הייבט מען אָן צו רעדן וועגן ביידע צוזאַמען: צוערשט א געטאָ און פונעם געטאָ אַרויסשיקונג. און די דאָזיקע קלאַנגען שטיצן זיך שוין אויף פעסטע יסודות.

מען דערוויסט זיך, אַז הויכע רומענישע באַאַמטע זענען אַרויסגע־פאָרן קיין פּוילן, קיין לאָדזש און וואַרשע, זיך באַקענען מיט דער איינ־אָרדענונג פון די געטאָס דאָרטן. זיי זענען צוריקגעקומען גאָר צופרידענע: זיי ווייסן שוין ווי אזוי דאָס צו מאַכן!

דאָס זענען שוין נישט קיין קלאַנגען. מען האָט געוווּסט, ווער עס איז געפאָרן און מיט וואָס צוריקגעקומען. ביי די רומענישע באַאַמטע איז נישט געווען אזוי שווער אַרויסצובאַקומען סודות. זיי זענען געווען געוויינט צו „באַקשיש". און דאָס האָט אויך איצט געהאָלפן.

און באַלד האָט זיך דאָס ווירקלעך אָנגעהויבן. מען האָט אָנגעהויבן פון די קלענערע בוקאָווינער שטעטלעך, וועלכע מען האָט צוזאַמענגענומען און אַרויסגעשיקט צוערשט צו אונדז קיין טשערנאָוויץ. עס האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו אונדז די אַרויסגעשיקטע פון דאָראָהאָיע, פון סטראָזשיניעץ און אַנדערע קלענערע און גרעסערע שטעטלעך און דערפער.

זיי זענען צו אונדז אָנגעקומען אַזוי, ווי יענע, די בעסאַראַבער, זענען געגאַנגען קיין טראַנסניסטריע: פורלעך מיט קינדער, מיט קראַנקע, מיט אַלטע און מיט אַביסל קלימעקלעך און נאָכדעם, ווי אין אַ לוויה, שיטערע, צעצויגענע, אויסגעמאַטערטע און אויסגעמוטשעטע פוסגייער. מען האָט נישט צוגעלאָזט צו זיי. דאָך האָט מען זיך אַן עצה געגעבן און מען האָט נישט נאָר גערעדט מיט זיי, נאָר זיי אויך צוגעטראָגן עפּעס צו עסן און עפּעס וואַרעמס. שווידערלעכע פּרטים האָבן זיי איבערגעגעבן וועגן אופן פון זייער אַרויסשיקן. וועגן מאָרד און רויב און אויך וועגן דעם, אַז ביי שכנים האָט מען זיך, נישט נאָר נישט געקענט אויסבאַהאַלטן, נאָר אויף אייניקע ערטער האָבן זיי אויך געיאָגט און גערויבט און ערטערווייז גע־כאָרדעט.

דער אומגליק רוקט זיך צו נענטער צו אונדז. מען ווייסט שוין באַ־שטימט, אַז מען גרייט פאַר אונדז אַ געטאָ, עס זענען שוין באַשטימט די גאַסן פון געטאָ. נאָכדעם דערוויסט מען זיך ווייטער — אַ געטאָ נאָר אויף אַ קורצער צייט, באַלד דערנאָך די אויסזידלונג.

אַ שווער געמיט כאַפּט אַרום אַלעמען. מען ריכט זיך, מען גרייט זיך צום גרויסן אומגליק און...

פּלוצים, פּרייטיק צו נאַכט, דאָס איז געווען דעם 10טן אָקטאָבער — אַ גוטע בשורה: מען האָט זיך אויסגעקויפט! פאַר 12 מיליאָן לעי, אויס־געלייזט, אָפּגעלענקט דעם אומגליק. די דאָזיקע בשורה פאַרשפּרייט זיך בליץ־שנעל איבער דער שטאָט. מענטשן האָבן אויפגעלעבט. מען האָט גע־טאַנצט, געזונגען, זיך געקושט אויף די גאַסן.

און שבת אינדערפרי, דעם 11טן אָקטאָבער, פון קאַיאָר אָן, האָט מען זיך איבערגעגעבן פון מויל צו אויער: — ביז 6 אַזייגער פאַרנאַכט טאָר קיין איין ייִד נישט בלייבן אין צענטער פון שטאָט. עס זענען אָנגעוויזן

געוואָרן די גאַסן: אַרום דער מאַראַריער ביז צו דער הויפּט־שטראַסע פון איין זייט, די רוסישע־גאַסע פון טירקען־גאַס, נאָכדעם דאָס יידישע שפּי־טאָל איינגעשלאָסן. אויסשליסן פונעם געטאָ די הויפּט־שטראַסע מיטן קלויס־טער און דעם וועג צום וואָקזאַל, און פון דער צווייטער זייט פון דער הויפּט־שטראַסע ווידער אַ קלענערער שטח: מעל־פּלאַץ, שטיין־גאַסע, סטע־פאַני־גאַסע און די אַרומיקע קלענערע געסלעך.

קיין שום שריפטלעכע פאַראָרדענונג וועגן דעם. די רומענער האָבן אויסגעמיטן צו לאָזן אַזעלכע שריפטלעכע דאָקומענטן. זיך פּאָרט געשעמט. יעדער גזירה האָבן זיי אַדורכגעפירט אַזוי: איבערגעגעבן די פאַראָרדענונג אויסנווייניק צו אַ פּאָר מענטשן, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום יידישן שפּיטאָל, אַרום דאָקטאָר גייבערגער, דעם דירעקטאָר פונעם שפּיטאָל, און פון דאָרטן איז עס געגאַנגען ווייטער, פון ייד צו ייד.

און אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן דאָס געטאָ אין טשערנאָוויץ.

VIII

געטאָ

די יידישע באפעלקערונג, א 50 טויזנט מענטשן, האָט זיך גענומען אראָפּציען אין דעם אָנגעוויזענעם געטאָ, אריינשטופּן זיך אין די פּאָר געסלעך.

מען האָט געקאָנט מיטנעמען נאָר דאָס, וואָס מען האָט געקאָנט אריבערטראָגן, קיין פורן צום אריבערפירן מעבל אָדער אנדערע שווערע זאכן זענען נישט געווען דערלויבט. עס זענען א חוץ דעם געווען קלאנגען, אז דאָס געטאָ איז נאָר א זאמל־פּונקט, פון וואנעט מען וועט באלד ארויסיאָגן ווייטער... איז צו וואָס שלעפּן איבעריקע זאכן? און וואָס נעמט מען מיט זיך מיט? עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס אָנגעזאמלטע אין משך פון דורות אפילו האָב און גוטס איז איצט א לאסט, א שוועריקייט. און מען האָט צעוואָרפן, צעשענקט, פארקויפט פאר גראָשנס, אוועקגעגעבן, פארשטופּט אין אלע לעכער, אין אלע ווינקעלעך, און די גרעסטע טייל זאכן דאָך גע־לאָזט אויפן אָרט אין דער אלטער היים. מיטגענומען האָט מען נאָר דאָס, וואָס עס האָט זיך ארויסגעוויזן דאָס סאמע נויטיקסטע, דאָס וויכטיקסטע, וואָס עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, אז עס איז גאָר נישט געווען אזוי וויכטיק און נויטיק. דערווייל אָבער האָט מען געשלעפּט אויף זיך פּעק און פּעקלעך. עס איז געווען, ווי אויף צו להכעיס, א שטארק הייסער טאָג, און מענטשן האָבן שווער געשלעפּט די פּעקלעך, געשוויצט און געלאָפן אהין און צוריק, כדי וואָס מער זאכן אריבערטראָגן אויפן נייעם אָרט.

כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס בילד: עס גייט אַ ייד, אַן אַלטער ייד, און טראָגט אַ שווערן פּאַק אויף זיך. ס׳איז שבת סוכות און עס פילט זיך, אַז שווער איז דעם ייד, נישט נאָר דער פּאַק, נאָר אויך דאָס, וואָס ער שלעפּט אים אין דעם טאָג, אין שבת-יום־טוב. און פּלוצים שטעלט ער זיך אָפּ, וואַרפט אַראָפּ פון זיך די משא, הייבט אויף די הענט צום הימל און שרייט אויס: „גאָט, גאָט, זעסטו נישט, וואָס עס טוט זיך דאָ? רחמים, גאָט, רחמים!"

אַ פּראָטעסט? אַ געבעט?

דער ייד זעצט זיך אַוועק אויף זיין פּאַק מיט זאַכן און וויינט שטיל, נאָר טרערן קייקלען זיך איבער זיינע בלאַסע, כמעט געלע באַקן. קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום, מען איז פאַרנומען מיט זיך.

קריסטן שטייען ביי דער זייט און קוקן זיך צו. כ׳הער ווי איינער זאָגט:

„מיט זיי באַגייט מען זיך איידל, מען לאָזט זיי מיטנעמען מיט זיך זייערע זאַכן, ז י י האָבן אונדז געטריבן אַזוי, הויל און בלויז... אָן זאַכן".

איך נעם אויף די דאָזיקע פראַזע אין גאַנג און באַמי מיך זי צו פאַר־שטיין: ווען איז דאָס געווען? ווען האָבן מ י ר, ז י י געטריבן אַזוי הויל און בלויז, אָן זאַכן און וווהין? ווען האָט דאָס געקאָנט זיין? פון וואַנעט נעמט זיך די דאָזיקע איינרעדעניש, אָדער אויסגעטראַכטע מעשה?

פון אויבן, פון דער סטעפּאַן־טשעל־מאַרע, אַראָפּ צו דער הויפּט־שטראַסע, לאָזט זיך אַ גרופּע פרויען. איך דערקען רבקה שטיינבאַרג, אליעזר שטיינבאַרגס אַלמנה. איר שוועסטער, אַ פּאָר מיידלעך פון די דימאַנט־מאַנס. מען טראָגט שווערע פּעקלעך, און מען ראַטעוועט אליעזר שטיינ-באַרגס שריפטן...

מענטשן לויפן אַהין און צוריק, מען ראַטעוועט זאַכן ביז 6 אַ זייגער פאַרנאַכט.

6 אַ זייגער — סטאָפּ! מער לאָזט מען נישט אַרויס פונעם אָנגעוויזע-נעם געטאָ-שטח און מען הייבט אָן זוכן פון יענער זייט, צי עס האָט זיך נישט עמיצער אויסבאַהאַלטן, געבליבן אין צענטער. מיט אַ שעה שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן פאַרקלאַפּן מיט ברעטער די אַריינגענג און אַרויסגענג

פון די גאסן, וועלכע האבן זיך גערופן, דאס געטא, מען שמעלט אוועק א וואך, סאלדאטן ארום און ארום. פארהאקט. מיר זענען אין א שטייג.

ארום 50 טויזנט מענטשן אין א פאר גאסן און געסלעך. מען האט אי־בערפולט די הייזער און הייזלעך פון בוידעם ביז אין קעלער. אויף אלע טרעפן, אין אלע קארידארן, אין די טויערן, אויף די גאסן, מיט די פעקלעך, מיט די קלימעקלעך. אויסגעלייגט די קינדער... האט מען זיך קודם־כל בא־מיט ארייינצונעמען די קינדער אין א שטוב אריין, די קראנקע אין שפיטאל, אבער ווי איז דאס מעגלעך אויף אמאל, און וווּ איז דען דא ארט אין איין שפיטאל פאר אלע קראנקע, שוואכע, אלטע פון דער גאנצער שטאט יידן? איז דער שפיטאל־הויף פול מיט אויסלייג־בעטלעך, מיט שטרוי־זעק, מיט מאטראצן... אין די קארידארן פון שפיטאל טרעט מען איינפאך אויף מענטשן... אזוי און נאך ערגער זעט עס אויס אין דער גרויסער שול נעבן שפיטאל און אין א פאר בתי מדרשים, וואס האבן זיך געפונען אויף דעם שטח.

די איינוווינער פון דער הויפט־שטראסע האבן מזל: די גאס גייט נישט אריין אין געטא, אבער די הייזער פארמאגן הינטער־טירן, וועלכע גייען ארויס אין געטא. דאס האט געראטעוועט; מען האט פארקלאפט די „פאר־ראדנע" צו דער הויפטשטראסע ארויסגענג, געעפנט די הינטערשטע טירן, און אזוי האט מען געמעגט בלייבן אויפן ארט, זיך נישט ארויסציען.

מיינע א שול־חברטע פון בריטשאן, זינא געלפענשטיין ־ שילער, וווינט אויף דער דאזיקער „גליקלעכער" גאס, איך כאפ מיך אריין צו איר, מיט מיר מיין פאניע און יאשקע כאיריש, מיט וועלכע כ'האב דעם זומער צוזא־מען געוווינט, און מיט אונדז נאך א פאר, און שוין דארטן טרעפן מיר עט־לעכע צענדליק אנדערע זייערע בריטשאנער און ליפקאנער באקאנטע און קרובים. מיר ארדענען זיך ווי ס'איז איין. מיר שטאפן אן די וווינונג, אז עס בלייבט קוים א דורכגאנג. אבער ווער קאן זיך איצט דערמיט רע־כענען? דער טאג איז געווען א הייסער, די נאכט א קאלטע, מען קאן נישט בלייבן אויף דער גאס.

און עס איז צו באוואונדערן די וויטאליטעט פון מענטש. אין דעם אט פרישן אומגליק שטעלט זיך באלד איין א מין לעבן, א געוויסע ארדענונג.

מען האָט זיך גרופּירט משפּחהווייז, ווער ביים פענצטער, ווער ביי דער טיר, ווער נעבן טיש, ווער נעבן דער סאָפע, אויפן טיש, אויף דער סאָפע... און אזוי איז עס פארבליבן, א שטענדיק וווין־אָרט אויף דער צייט פון געטאָ: ווער וואָס פארא אָרט עס האָט פריער פארכאַפּט. מען האָט אוועקגעלייגט די זאכן, זיי צעלייגט אזוי, אז זיי זאָלן אויך דינען ווי געלעגערס, אָפּגע־ערטער, נאָכדעם האָט מען צעבונדן די בינטלעך און זעקלעך מיט די פּראָ־דוקטן, מען האָט אין קיך און אויף די טישן אויסגעשטעלט די פּרימוס־מאַשינקעס; געקאָכט טיי. געגעבן עסן די קינדער, און אויך אליין נאָכן שווערן טאָג גענומען עפּעס אין מויל אריין.

דאָס געשפּרעך האָט זיך דערווייל געדרייט ארום דעם, וואָס מען האָט געלאָזט דאָרטן, אין דער אַלטער היים, און וואָס מען וואָלט נאָך געקאָנט מיטנעמען, ווען נישט דאָס, יענעס... מ'האָט אויף א מינוטקעלע פארגעסן, אז דער אומגליק איז נאָך דערמיט נישט אָפּגעשלאָסן, אז עס גייט נאָך א פארזעצונג, אז מען האָט אויך גערעדט וועגן „אויסזידלונג".

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן באַלד צומאַרגנס.

מען האָט אָנגעהויבן פון יענער זייט, פון דער קלענערער טייל געטאָ, ארום דעם מעל־פּלאַץ. דאָס ערשטע האָט מען ארומגערינגלט די שטיינ־גאַסע מיט די ארומיקע קלענערע. ארומגערינגלט מיט מיליטער, ארויסגע־יאָגט פון די שטיבער אַלע יידן פון קליין ביז גרויס און גענומען שטופּן צום וואָקזאַל צו. געפירט און געשלעפּט מענטשן א גאַנצן טאָג.

צום גליק האָט מען דאָ נישט געהאַט צו טאָן מיט די דייטשן, עס איז נישט געווען די דורכגעטראַכטקייט און סיסטעמאַטישקייט פון דער דייטשער מאַשין, פונעם דייטשן ראַבאַט. האָבן זיך די יידן געכאַפּט און ווער עס האָט געקאָנט, האָט זיך באַצייטנס אריבערגעטראָגן פון דער זייט געטאָ, וועלכע מען האָט זעט אוים באַשלאָסן די ערשטע צו ליקווידירן, אויף דער צווייטער זייט געטאָ, וועלכע מען האָט דערווייל נאָך נישט גערירט. אָפּגע־רוקט דעם אומגליק אויף א שטיקל צייט.

ס'האָט געדויערט א פּאָר טעג און מען האָט „יידן־ריין" געמאַכט דעם קלענערן טייל געטאָ, און מען האָט זיך גענומען צום גרעסערן. געוועג־לעך האָט מען דאָס אדורכגעפירט אזוי: גאַנץ קאַיאָר האָט מען מיט מילי־

טער ארומגעשטעלט א געוויסן שטח, א גאס, צוויי מיט די ארומיקע קלע־נערע געסלעך און גענומען טרייבן פון די שטיבער. מען האט דערלויבט צו דינגען פורלעך פאר אלטע־לייט, פאר קראנקע און קינדער, צוצופירן ביזן וואקזאל. גייען פאראויס די פורלעך אנגעלאדנט מיט זאכן און אויף זיי די קינדער און די אלטע און שוואכע, און נאך יעדן פורל, ווי א לוויה, די נאענטע באהאנגען מיט זעק און מיט פעק אויסגעשטאט אין ווייטן וועג אריין; און ס׳איז הארבסט, און עס שיט א דריבנע רעגנדל, און אין דער אט נידעריקער טייל פון שטאט גרעזנעט מען איצט אין דער בלאטע, אז מען שלעפט קוים ארויס די פיס פון איר, ווי אין די בעסאראבער קליי־נע שטעטלעך.

און איינמאל זאגט מען אונדז פארנאכט אן, אז אויף מארגן איז באַ־שטימט אונדזער גאס. אז מען וויל שטארק, קאן מען נאך איבערגיין אין אן אנדערער גאס, וועלכע וועט גיין שפעטער, נאר מיר ווילן נישט איבער־גיין, ס׳לוינט אונדז נישט צו לויפן. דער שטח איז איצט אזוי פארענגט, אז עס איז אפשר א פראגע פון א טאג: מיר וועלן זיך היינט איבערציען אויף א צווייטער גאס, און מארגן וועט גיין די צווייטע. דארף מען סיי־ווי גיין, האט מען זיך שוין איינגעלעבט מיטן געדאנק, אז מען גייט. נאך מער: עס האבן זיך געפונען חכמים, וועלכע האבן זיך איינגערעדט, אז אויב שוין גיין, איז וואס פריער, ס׳איז גלייכער; מען קאן נאך דארטן אין „טראנסניסטריע״ פארכאפן א בעסערן פלאץ, א בעסערע דירה, דארטן אין טראנסניסטריע האבן דאך אויך געלעבט מענטשן און אויך געלאזט שטיבער. אלזא, מיר האבן באשלאסן: מען לויפט נישט אינערגעץ, מען גרייט זיך אויף מארגן צום טראנספארט.

די דעפארטאציע ארום אונדז דויערט שוין מער ווי א וואך.

דעם גאנצן טאג געוועגלעך איז מען אונטערן איינדרוק פון דעם טרייבן און יאגן די מענטשן צום טראנספארט. פארנאכט פלעג ווערן שטיל, און מענטשן, די פארבליבענע, האבן אפגעאטעמט פרייער; ביז אינדערפרי א פויזע, קאן מען נאך לעבן דערוויל. האט מען זיך גענומען קאכן, עסן, וואשן. עס האט זיך צעבליט א לעבן. אין דעם גרויסן אומ־גליק א חיי־שעה איז אויך א קרן. מען האט אויפגעלעבט, אויפגעלאכט—

יאָ, אויפגעלאכט, מען האָט געקאָנט הערן א וויץ, אפילו א זונג. עס איז געווען ביי אונדז אין שטוב אן אנערקענטער וויצלער און זינגער, א שפילער, א לעבעדיקער יונג, האָט ער פריילעך געמאכט די גאנצע שטוב. דערווייל איז מען נאָך געווען אונטער א דאך, אויף דער נאכט האָט מען נאָך געהאט א געלעגער... נאָר פלוצים האָט א פייף געטאָן דער לאָקאָמאָטיוו פון צוג; יענע, הייסט עס, די וועלכע מען האָט היינט ארויסגעטריבן, פירט מען אוועק... טוט עס א שניט איבערן הארץ... עס ווערט שטיל אין שטוב, אָבער אין א מינוט ארום שטעקן מיר ווידער אין אונדזערע היימישע זאכן. איך האָב נישט קיין רוק־זאק. טשעמאָדאנעס, זאָגט מען, נעמט מען באלד ביים וואָקזאל אוועק מיט די זאכן. באזאָרגן זיך אלע מיט רוק־זעק. איך דאַרף א רוק־זאָק, שלעפט מען אראָפ ביי זיסעלע שילער פונעם בעט די גוטע פיקענע קאפע, ווער דארף זי איצט אויפן בעט? מען צעשניידט זי, מען זעצט זיך אוועק ביי דער מאשין און מען נייט אויף א רוק-זאק. א צווייטער דארף א ברויט-זאק, צעשניידט מען א טישטעך. מען נייט, מען שניידט, מען לייגט צוזאמען, מען לייגט אלע אויפדערנאכט איבער די רוק־זעק, עפעס ווארפט מען ארויס, עפעס לייגט מען צוריק אריין. און מען מעסט אָן די זעק און די פעק, צי וועט מען זיי קענען טראָגן. אביסל דערפארונג אין דער הינזיכט האָט מען שוין, מען ווייסט שוין, אז מיטנעמען דארף מען נאָר אזוי פיל, וויפל מען קאָן טראָגן, פונדעסטוועגן נעמט מען דאָך מיט אזעלכע פעק, אז מען הייבט זיי קוים אויף פון דער ערד. און איינער וויצלט זיך אויפן חשבון פון צווייטן. און רזשאווינסקי, אונדזער געשווירענער וויצלער, לאכט אָפ פון אלעמען: ער איז א לייכטער פאסאזשיר. איך אויך. און אזוי יעדן טאָג. דער טאָג, — די לאסט פון דעפאָרטאציע, צו וועלכער מען האָט זיך צוגעוווינט. ווי צו א זאך, וואָס איז אומפארמיידלעך, און אויפדערנאכט אויף א געוויסן אופן א מין איינגעאָרדנט, איינגעשטעלט לעבן, אפילו א מין אויסגעלייטערטקייט, א משפחהדיק איינלעבן זיך פון פארשידענע מענטשן און פארשידענע משפחות.

און אָט איצט איז די רייע אויף אונדז. מען האָט זיך אויפדערנאכט געפאקעוועט, געצוואָגן, געוואשן. די נאכט איז מען געשלאָפן אומרואיק.

אויפגעכאפט זיך גאנץ קאיאר, ס'איז נאך געווען פינצטער, אפגעטרונקען טיי און אפגעגעסן, אנגעטאן זיך אין דער פולער אמוניציע, מען ווארט נאר אויף דעם באקאנטן סיגנאל, אז עס הייבט זיך אן... מיר ווארטן א שעה, צוויי און... ווערן געוואויר, אז היינט גייט דערוויל א צווייטע גאס... מיר מעגן זיך דערוויל צוריק אויסטאן.

עס זענען שוין דעפארטירט א 25 טויזנט מענטשן. אונדזער רייע איז עס נאך נישט.

דערוויל געשעט פאלגנדיקס:

ווען מען האט די יידן ארויסגעשטופט אין געטא אריין, איז די שטאט געבליבן כמעט אינגאנצן ליידיק. די שטאט טשערנאוויץ האט אמאל גע־האט א גרויסע דייטשע באפעלקערונג נאך אין די עסטרייכישע צייטן. אין די רוסישע צייטן האט מען די דייטשן, לויט אן אפמאך מיט די דייטשן, ארויסגעשיקט אין זייער „היימאט". די רומענער האבן, ווען עס זענען אריינגעקומען די רוסן, אין 1940, אויך אין דער גרעסטער טייל פארלאזט טשערנאוויץ, געבליבן זענען די יידן, אביסל פאליאקן און אוקראינער. איצט, נאך דעם ארויסשיקן די יידן אין געטא, זענען אין שטאט געבליבן נאר די פאר טויזנט פאליאקן און אוקראינער. מען האט זיי אין שטאט נישט אנגעזען. די שטאט איז געשטאנען א ליידיקע, א טויטע. האבן זיי זיך געכאפט, די רעגירנדיקע רומענער, און אנגעהויבן אלארמירן בוקארעשט: א שטאט אן איינוווינער, אן דאקטוירים, אן בעלי מלאכות, אן ארבעטער. טויט און ליידיק, אוים שטאט!

האט מען פון בוקארעשט געענטפערט, אז מען זאל מאכן א מין אפ־קלייב, ווי אין נוחס תיבה אריין: פון אלע מינים ריינע און נישט ריינע צו פאר, אדער צו עטלעכע פארלעך. אזוי בעלי־מלאכות, ארבעטער, דאק־טוירים, סוחרים אא"וו. און צוריקברענגען אין שטאט אריין, עס וועלן מיט דער צייט אנקומען אין שטאט אריין רומענער, וועלן זיי מיט דער הילף פון אט די איבערגעבליבענע „ספעציאליסטן" צוריק אויפלעבן די שטאט.

האט מען דערוויל אויף א שטיקל צייט אפגעשטעלט די דעפארטא־ציע, ביז מען וועט צוזאמענשטעלן די ליסטעס פון די, וועלכע קאנען בליי־

בן: און אויב עס קאָן עמיצער בלייבן, איז עס שוין א „לופטשיק" אויף פּאָר א יעדן. קאָן עמיצער בלייבן, איז פאַרוואָס נישט איך? קאָן זיך יעדער שטעלן די פראגע. און עס האָט זיך אָנגעהויבן א נייער פעריאָד אין לעבן פון געטאָ. די ליסטעס האָט מען צוזאַמענגעשטעלט לויט פאַכן, בראַנ־זשעס, פּראָפעסיעס. דער אָפּקלייב איז געלעגן אין די הענט פון א פּאָר מענטשן און א קליקע ארום זיי, און אַלץ האָט זיך גרופּירט ארום דעם שפּיטאָל און ווידער אמאָל טאַקע ארום דעם דירעקטאָר דר. נייבערגער. די בעסאַראַבער יידן האָבן זיך באַקלאָגט, אז זיי ווערן אינגאַנצן נישט גענומען אין אכט, ווייל די ליסטעס האָבן זיך גענומען מאכן, „אוזורפּירט די מאכט", נאָר די בוקאָווינער, אָבער פאַר גוט געלט האָבן אויך בעסאַ־ראַבער געקענט אריינפאַלן צווישן די אָפּגעקליבענע...

דאָס יידישע שפּיטאָל איז געוואָרן דער צענטער פונעם יידישן לעבן, פון די יידישע צרות און איצט פון די האָפענונגען פון די אויסדערוויילטע. דאָ האָט מען צוזאַמענגעשטעלט די רעקאָמענדאַציעס, לויט וועלכע מען האָט געקענט ארויסבאַקומען די אזוי גערופענע „אויטאָריזאַציעס", דער־לויבענישן צו בלייבן.

די ערשטע פּאָר טעג האָט מען ווירקלעך אָפּגעקליבן די מענטשן, וועלכע זענען געווען פאַראויסגעזען לויט דער פאַראָרדענונג — ספּעציאַ־ליסטן, שפּעטער איז עס שוין געגאַנגען לויט אַן אַנדערן סיסטעם: געלט, גאָלד, בריליאַנטן, פּראָטעקציע, באַציאונגען א.א.וו.

און ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציעס. פון איין זייט האָט מען ארויסגעשיקט לויטן אָנגענומענעם סדר, פון דער אַנדער זייט האָט זיך ווער עס האָט געקענט, אויסגעקויפט, אָבער איצט שוין נישט פון אייגענע, נאָר פון גויאישע הענט און באַקומען אַן „אויטאָריזאַציע" צו בלייבן. די ערשטע פּאָר טויזנט אויטאָריזאַציעס זענען אונטערגעשריבן געוואָרן פונעם גוווערנער, קאַלאָטעסקו, אליין. די זענען געווען די לעגאַלסטע צום איבערבלייבן. אינצווישן האָט זיך נאָך עפּעס געעפנט א מין „לופטשיק": אלס פּרימאַר אין טשערנאָוויץ איז געווען אַן אַרטיקער אַד־וואָקאַט פּאָפּאָוויטש, אַן אידעאָלאָגישער „קוזאָוויעץ" (פון פּראָפעסאָר „קוזא" — דעם באַרימטן אַנטיסעמיט אין רומעניע), נאָר דאָך א מענטש

מיט א הארץ און געוויסן. אן אַרטיקער, האָט ער נישט אינגאנצן איינגע־שטימט מיט דעם סיסטעם, וועלכן מען האָט איצט איינגעפירט אויפן דייטשן מאניר בנוגע די יידן. עפעס האָט זיך אין אים אָפגערופן מער דער מענטש ווי דער אנטיסעמיט און ער האָט גענומען העלפן. ער האָט אויסגעווירקט, אז אלטע און קראנקע מענטשן, שוואנגערע פרויען און קינדער, זאָל מען איצט אין דער ווינטער צייט נישט ארויסשיקן. האָט אזוי ארום געמענט בלייבן נאָך א געוויסער שיכט מענטשן. אויך די דאָ־זיקע האָבן באקומען „אויטאָריזאציעס", נאָר שוין אונטערגעשריבן דורכן פרימאר פּאָפּאָוויטש. דאָס זענען שוין געווען „צווייטראנגיקע" אויטאָרי־זאציעס. אָבער דערווייל זענען זיי אויך געווען גוט, זיי האָבן דערווייל געראטעוועט.

און איצט האָט זיך גענומען ראטעווען נאָך א גרופּע מענטשן. דאָס זענען געווען די פּוילישע יידן אין טשערנאָוויץ. פּוילן איז מיט רומעניען נישט געווען אין מלחמה. די פּוילישע יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין טשערנאָוויץ אויף פּוילישע פּעסער, סיי די וועלכע האָבן דאָ געוווינט פון לאנג, פאַר דער מלחמה, סיי די וועלכע זענען אהער אַנגעלאָפן אין דער צייט פון דער מלחמה מיט די דייטשן, האָבן אייגנטלעך געהאט א יורי־דישן גרונט זיך צו באַמיען, מען זאָל זיי באהאנדלען אלס פרעמדע ביר־גער פון א לאנד, מיט וועלכן מען שטייט נישט אין קיין פיינטלעכע באַ־ציאונגען.

די פּוילישע יידן פון טשערנאָוויץ, די וועלכע זענען נאָך פארבליבן אויפן אָרט, האָבן ארויסגעשיקט קיין בוקארעשט דעם אדוואָקאט שימאַ־נאָוויטש, א פּאָליאק, וועלכער האָט געהאט זיין קאנצעלאריע אין טשער־נאָוויץ, ער זאָל געפינען צווישן די נייטראלע אויסלענדישע פאָרשטייער־שאפטן איינע, וועלכע וועט וועלן נעמען אין שוץ די פּוילישע בירגער. און דאָקטאָר שימאנאוויטש איז צוריקגעקומען מיט א פּאָזיטיוון ענטפער: די אינטערעסן פון די שוצלאָזע פּוילישע בירגער האָט גענומען אונטער זיינע פליגל דער טשילענער קאָנסול, סאמועל דע קאמפּאָ.

דערווייל האָט מען אָבער געהאלטן אין איין דעפּאָרטירן. מען האָט שוין געהאט ארויסגעשיקט אריבער 30 טויזנט יידן.

און איינמאָל איז ווירקלעך שוין געקומען די רייע אויף אונדז. מיר ווייסן שוין אָבער, אַז מען מוז נישט גיין, אַז נישט אַלע מוזן גיין, און מיר זענען שוין נישט גרייט צו גיין אַזוי ווי פריער. אינדערפרי רינגלט מען ארום אונדזער גאס און עס קומען ארויף סאָלדאַטן אונדז יאָגן צום טראַנספּאָרט. די פאַמיליע באַרסוק, וואָס וווינט מיט אונדז, פאַרמאָגט דריי קינדער — יינגלעך, דער עלצטער איז אַלט 12 יאָר, זיי ווילן בשום אופן נישט גיין. זיי האָבן איינגעצאָלט זייער גאַנץ פאַרמעגן, שווערע טויזנטער לעי עפּעס א „מאַכער" פאַר אַן „אויטאָריזאַציע", די „אויטאָריזאַציע" האָבן זיי גע־דאַרפט שוין באַקומען היינט, וועלן זיי זיך לאָזן אין וועג אריין איצט אָן געלט און אין אַזאַ צושטאַנד? און היינט דאַרפן זיי געהאָלפן ווערן. מען פּועלט ביי די סאָלדאַטן פאַר א שווערן „באַקשיש", זיי זאָלן קומען שפּע־טער, און די באַרסוקס מיט די קינדער פאַרשטעקן זיך ערגעץ אויפן בוי־דעם. אַנדערע פאַררוקן זיך ערגעץ אין אַנדערע פינצטערע ווינקעלעך, א פּאָר, וואָס האָבן זיך מיט וואָס אויסצולעגיטימירן, בלייבן אין שטוב אויף אונטערצוהאַנדלען שפּעטער מיט די סאָלדאַטן. עס איז פאַראַן נאָך א טערמין: מען קאָן בלייבן „ביז צום לעצטן טראַנספּאָרט". פאַר געלט, קילימעס, בילדער, קליידער, קויפן מיר זיך אויס, „ביז צום לעצטן טראַנס־פּאָרט". יעדעס מאָל קומט נאָך אונדז אַן אַנדערע גרופּע זעלנער און יע־דעס מאָל גייען די אונטערהאַנדלונגען... זיי האָבן זיך אָנגעטשעפּעט, ווי די הינט, אָבער מיר מוזן געווינען צייט, כאָטש ביזן אָוונט. אין אָוונט שטעלט מען ווי שטענדיק אָפּ די דעפּאָרטאַציע. עס איז געווען א שווערער טאָג. דער שווערסטער פאַר אונדז אין דעם געטאָ. פאַרנאַכט זענען מיר שוין געווען פּסיכיש אינגאַנצן צעבראָכן, דערשלאָגן, און שטאַרק מיד. ווען מען האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, זענען יענע אראָפּ פונעם בוידעם, די איבעריקע פון זייערע ווינקעלעך און אַלע האָבן מיר ביים טיש ווידער טאַקע באַשלאָסן, אַז אויב מען וועט נאָכאַמאָל קומען נאָך אונדז אינדער־פרי — וועלן מיר גיין, מיר האָבן נישט קיין כוח ווידער איבערצוחזרן דעם היינטיקן טאָג. דער קליינער 7 יעריקער מוניע באַרסוק זאָגט, אַז אויב מען וועט מאָרגן ווידער דאַרפן גיין אויפן פינצטערן קאַלטן בוידעם, וווּ ער האָט אַזוי מורא, וועט ער זיך אַראָפּוואַרפן פון פענצטער... מיר זענען ווי־

דער גרייט צו גיין, אָבער נישט אזוי ווי דעמאָלט, ווען עס האָט זיך אויס־געוויזן, אז אנדערש קאָן עס נישט זיין און אויך עפּעס א מאָדנע איינשטע־לונג איז עס דעמאָלט געווען, מען איז געגאנגען גלייך צו עפּעס א נייעם לעבן. מען האָט געמיינט, אז מען דערנענטערט זיך צו דער רוסישער גרע־נעץ, איז בעסער. פון יענער צייט האָבן מיר שוין עפּעס געהערט, אז ביז צו דעם „נייעם לעבן" באַרויבט מען דערווייל די פּאסאזשירן באַלד אויפן אָרט, באַלד אין די וואגאָנען, אין טשערנאָוויץ שוין...

ווי יעדעס מאָל האָט איצט נאָך שאַרפער א שניט געטאָן דער פייף פונעם לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט אָוועקגעפירט יענע, צווישן וועלכע מיר האָבן איצט אויך געדאַרפט זיין. די היינטיקע נאכט זענען מיר נאָך אויף א געלעגער, אונטער א דאַך. מאָרגן וועלן מיר, ווי יענע איצט דאָרט, זיין צוזאמענגעדריקט אין וואגאָן.

אויף ביינאכט נעמט א פראָסט, מיטאמאָל ביז 20 גראַד. איך הער נישט אויף צו טראַכטן וועגן די דאָרטן אין וואגאָן, ווי פאָרן זיי איצט?... אז מיר דאָ אונטער די קאָלדרעס און קישנס קאָנען נישט אנטשלאָפן ווערן און ציטערן פון קעלט?

דער אינדערפרי שטייט אויף א ווייסער, מיט ווייסע בלעטער אויף די שויבן, דאָס וואסער אין שטוב איז פאַרפרוירן און אלץ ארום איז פאַר־גליווערט און ווייס. און מיטאמאָל דערוויסט מען זיך, עס קומט עמ־צער פונעם שפּיטאָל אָנזאָגן די בשורה, אז מען האָט אָפּגעשטעלט די דעפּאָר־טאַציעס. מען שיקט איצט נישט מער! דער פראָסט האָט געראַטעוועט ביז פרילינג!

מיר זענען געראַטעוועט. מיר זענען געבליבן אויפן אָרט. די גאנצע שטוב אונדזערע.

אלע וועלכע זענען איצט געבליבן, וועלן באַקומען „אויטאָריזאציעס", אונטערגעשריבן דורכן פרימאַר פּאָפּאָוויטש.

אין א צייט ארום צענעמט מען די הילצערנע שטייג און מיר זענען פריי, מיר קאָנען ארויס פונעם געטאָ און צוריק גיין אין די אלטע היימען.

ס'איז סוף נאָוועמבער. די פאַרלאָזטע היימען שטייען אויסגעליי־דיקטע, אויסגערוימטע פון אלעם, וואָס עס איז אין זיי געבליבן, קאלטע

און צעבראָכענע. די בעסערע דירות האָבן שוין פאַרנומען די, וועלכע האָבן מער רעכט צו האָבן א בעסערע וווינונג ווי די פריערדיקע באַלעבאַטים, די יידן.

אין שטאָט אַריין צוריק גיי איך מיט מיינער א קרובה, רחלע בעריק. זי איז אין דער היים איצט אליין געבליבן. די גאַנצע פאַמיליע איז אוועק קיין טראַנסניסטריע. און אין שפּיטאָל איז אין א שווערן צושטאַנד נאָך געבליבן איר מאַן, מישא בעריק.

ביז איך, הייסט עס, מיט רחלען אוועק צו איר, אין איר פריערדי־קער היים אַריין אויף שעווטשענקאָ גאַס 17.

די שטוב איז איצט הויל און בלויז, קאַלט, אויסגעליידיקט פון אַלעם. נישטאָ קיין ליכט, נישטאָ קיין וואַסער, נישטאָ מיט וואָס צו הייצן, נישטאָ וואָס צו קאָכן, און דעם קראַנקן אין שפּיטאָל אַריין מוז מען אויך עפּעס באַזאָרגן און נאָך „דיעטע" פאַר א נירן ליידנדיקן...

איז אָט פון מענטשן פאַרמעגלעכע זענען די בעריקס באַלד, אין איי־נע פּאָר וואָכן, א פאַל אַראָפּ געגעבן... מען איז אויף דעם זעלבן אָרט, אין דער היים, אָבער אַזוי פאַראָרימט, אַזוי הויל און בלויז, אַזוי באַרויבט... וואָס פאַר אן עצה גיט מען זיך?

מיר האָבן זיך אָבער אן עצה געגעבן.

מען קאָכט מאַמאַליגע. דאָס פּאַפּעשאָיע־מעל זיפּט מען דורך א זיפּ, עס זאָלן נישט אַריין די קלייען. נאָר די קלייען, וועלכע מען וואַרפט פאַר־זיכטיק נישט אַרויס, ווי עס פלעג אַמאָל זיין, קומען אונדז שפּעטער צו־נוץ: מיר קאָכן פון זיי א קאַשע און זי האָט ביי אונדז א נאָמען: „מאַמאַ־ליזשינע קאַשע". מיר עסן זי מיט מילך און אַמאָל אָן מילך. און איך דער־מאָן זיך אין מיינע אַלטע חטאים בנוגע צו די מאַמאַליגעס, וועלכע כ'פלעג קינדוויז, אין דער היים, אין מויל אַריין נישט וועלן נעמען. איצט האָט די „מאַמאַליזשינע קאַשע" זייער גוט געשמעקט.

אין שפּיטאָל אַריין פלעגן מיר גיין, אַמאָל רחלע, אַמאָל איך, דורך דער אַפּגעשיימאָרבענער טייל שטאָט, דורך דער מאַראַריער, דער געוועזענער צענטער פון דעם געטאָ. א שרעקלעך בילד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איצט די דאָזיקע טייל שטאָט. ווען כ'בין געווען דאָס ערשטע מאָל אויף דער דאַ־

זיקער גאס, דאס איז געווען אין די ערשטע טעג פון דער געטא, האט דא געקאכט און געזאָטן, געווימלט פון מענטשן. ס'איז ניט געווען מעגלעך דורכ־צוגיין די גאס, די הייזער זענען געווען איבער די ברעגעס איבערגעפולט מיט מענטשן, עס האט אריבערגערונען און ארויסגעוואָרפן די מענטשן אין גאס ארויס. איצט איז אין דער טייל שטאט געווען א שרעקלעכע פוסט־קייט, באדעקט, ווי מיט תכריכים, מיטן ווייסן שניי. זעלטן ווען מען האט אויפן וועג געטראָפן א דורכגייער. און אין די שטיבער, ווען מען קוקט אריין דורך די צעבראָכענע פענצטער און טירן — א פולשטענדיקער פּאָג־ראָם. די באלעבאטים פון די דירות האט מען ארויסגעפירט. זייערע היי־מען זענען געבליבן פוסט. יעדעס מאָל, ווען כ'פלעג אדורכגיין די מאַ־ראריער, פלעג איך פעסטשטעלן נייע לעבער, פרישע ריסן, געעפנט א נייע דירה, אויסגעבראָכן די פענצטער, אויסגעהאַקט די שויבן, אויסגערויבט דאס אינעווייניקסטע, ארויסגעשיט די פעדערן פון דעם בעטגעוואנט, וואס איז געבליבן אין די שטיבער. עס זענען געשטאַנען אָפּגעשונדענע סאפעס, איבערגעקערטע מעבל, טישן און בענקלעך אָן פיסלעך, שאפעס אָן שופ־לאָדנס. די דאָזיקע קלייניקייטן זענען געגאנגען פאר קליינע מענטשן אויף צו הייצן. עס איז געווען א שווערער ווינטער. אלץ, וואס האט געקאָנט ברענען, איז געווען א קרן. פארשטייט זיך פאר אונדז, פאר די יידן. די נישט יידישע באפעלקערונג, דערוויייל נאָך א גאַר קליינע, נאָך ווייניקער ווי מיר, פארבליבענע, זיי האָבן געהאט דאס איבערגעלאָזטע יידישע האָב און גוטס.

אויף באהייצונג זענען געגאנגען טירן און פענצטער און באלקאָ־נען און דעכער און פּלויטן פון די איבערגעלאָזטע שטיבער, און אויך דאס מעבל.

עס וואלגערן זיך אין די שטיבער און אפילו ארום, אויף דער גאס, אין הויף, ביכער, ספרים, שמות, בלעטער, דאָקומענטן — איצט פאר קיינעם נישט וויכטיקע, דיפּלאָמען, פאָטאָגראפיעס... און ווו דאס אויג פאלט — דער זעלבער חורבן.

און ווו זענען איצט די מענטשן, פאר וועלכע יעדעס פיצעלע, וואס

וואַלגערט זיך אַזוי אונטער די פיס, איז געווען אַ שטיק נשמה, אַזוי הייליק און טייער?

די פאַרבליבענע אין טשערנאָוויץ יידן האָבן געהאַט די אויפגאַבע צוריק אויפצושטעלן די שטאָט. עס האָבן אָנגעהויבן קומען רומענער. מען האָט גענומען די יידן אַלס פאַכלייט — ספּעציאַליסטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן עפענען מאַגאַזינען, וואַרשטאַטן, די שטאָט האָט פּאַוואָלינקע אָנגעהויבן אויפלעבן... און, כ'געדענק עס: עס איז געווען עפּעס אַ געשפּרעך, צווישן אַ גרופּקעלע באַוווסטזיניקע, אַז ווען עס וואָלט געווען ביי אונדז עפּעס אַן אָנפירערשאַפט, וואָלט מען אפשר אַנדערש געדאַרפט רעאַגירן אויף דעם געשעענעם און שוין איצט יעדנפאַלס נישט נעמען צוריק אויפבויען אויפסניי... די שטאָט. אָבער מען איז געווען פאַראייניצלט, מאַכטלאָז און ווערלאָז, און יעדער פאַר זיך האָט געוואָלט לעבן. און נאָר אַרבעט ביי די רומענער האָט געגעבן עפּעס אַ שיין פון זיכערקייט.

שווער האָט זיך געצויגן דער ווינטער. פינצטער, קאַלט און הונגעריק. אַרבעט אָן אַרבעטס־לוין, נאָר פאַרן חסד, וואָס מען איז געבליבן אויפן אָרט. און צו דעם די שטענדיקע מורא און פּחד און בסדרדיקע קלאַנגען: ווי באַלד עס וועט וואַרעם ווערן, וועלן מיר אַלע נאָכגיין יענע, וועלכע זענען שוין אַוועקגעגאַנגען.

פון דער באַן האָט מען אַמאָל אַראָפּגעבראַכט אַ גרויסן טראַנספּאָרט זאַכן: בעטגעוואַנט, קליידער, שוכוואַרג. מען האָט די זאַכן אָפּגעלייגט אין עטלעכע צימערן אין אַלטן מאַגיסטראַט, נאָכדעם צוזאַמענגענומען די עטלעכע צענדליק יידישע מיידלעך און יינגלעך און געהייסן וואַשן און פאַרריכטן די זאַכן, פּוצן די פעדערן א.ד.ג. ס'איז געווען עפּעס אַ דייטשער סאַדיסטישער מאַניר צו באַשעפטיקן די היגע יוגנט ביים סאָרטירן און רייניקן די זאַכן, וועלכע האָבן געשטאַמט פון מענטשן פון דאַנעט, ווייל די קינדער האָבן אין די קעשענעס פון די קליידער געפונען דאָקומענטן, פּאַפּירן פון נאָענטע און באַקאַנטע, אין די רידיקולן פאָטאָגראַפיעס און פּאַספּאָרטן. דאָס האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן רושם, אַן אויפרודערונג אין שטאָט: און וואָס איז געשען מיט די מענטשן? האָט מען זיך געפרעגט. צי האָט מען זיי נאָר באַרויבט, און די זאַכן אָפּגעשיקט אַהער, צי האָט

מען ביי זיי צוגערויבט דאָס לעבן אויך? קיין פאַרבינדונג, קיין גרוס פון דאָרטן האָבן מיר דערווייל נישט געהאַט. ערשט שפּעטער האָבן אָנגע־הויבן קומען גריסן, שרעקלעכע גריסן, וועגן הונגער, קעלט, עפּידעמיעס און קאַטאַסטראָפאַלער שטערבלעכקייט.

אויך איך האָב באַקומען אַ גרוס: מיין מאַמע און סימעלע זענען אין מאָהילעוו.

***

דער 6טער יאַנואַר איז אַ גרויסע חגא: „קרעשטשעניע", צי „יאַר־דאַן", ווי עס רופן די גויים די דאָזיקע חגא ביי אונדז. עס איז אַ חגא לזכרון פון דער גאָר ערשטער טויף־פּראָצעדור, ווען עס האָבן זיך געטובלט אין ירדן די ערשטע קריסטן.

די ערשטע קריסטן זענען דאָך אויך געווען יידן, האָבן זיי זיך גע־טובלט אין ירדן. ווי לאַנג איך לעב, געדענק איך די דאָזיקע חגא, די פּראָ־צעסיע צום טייך און די ביטערע פרעסט (קרעשטשיענסקיע מאָראָזי) און שטענדיק טיפע שנייען, אָפט מאָל זאַווערוכעס אין די טעג. (ביים ריכטיקן ירדן איז אין די דאָזיקע טעג פיל ווארעמער, גאָר אַן אַנדערער קלי־מאַט.) כ'פלעג שטענדיק באַוווּנדערן אונדזער גלח און דעם גאַנצן „פּריִ־כאָד", וועלכער פלעגט זיך אין אָט די ביטערע פרעסט אַרויסלאָזן צ.ם טייך מיט אַנטבלויזטע קעפּ.

היינט איז אין דער פּראַוואָסלאַווער צערקווע, אויף דער רוסישער גאַס, אַ ספּעציעלע פּראָצעדור. אַלע יידן, וועלכע האָבן אין דער גאַנצער צייט פון די גזירות ביז איצט זיך געוואָלט שמדן, האָבן ביז היינט גע־לערנט די תורה פון דער צערקווע, און היינט וועט מען זיי אַלע צוזאַמען „טובלען". די צערקווע וועט פון היינט אָן האָבן נייע, פרישע אָפּגעטובלטע שעפעלעך.

אונדזער פרוי טימצאָווע, אַ רוימיש־קאַטוילישע, אַ פּאָלקע, וועלכע איז אַוועק פון פּוילן פון די דייטשן אַהער, און האַלט זיך אַלס פּוילישע „אָטשעקיניערקא" (פליכטלינג) נעבן אונדז, זאָגט, אַז אין דער היים האָט זי נישט אַזוי געהאַלטן פון גיין אין קאָשטשיאָל, אָבער דאָ, דאָ זינגען

די „יידעלעך" (זשידקי) אזוי שיין אין קאַשטשיאַל, אז זי גייט אלע זונ־
טיק אין קאַשטשיאַל אריין. א יינגעלע, א 13 יעריקער, זאָגט זי, זינגט
ווי א מלאכל און זיין טאַטע שפילט אויף א פידל... ס'איז יעדן זונטיק
קאָנצערט...

***

צו פרילינג צו האָט מען ווידער שטאַרק אָנגעהויבן רעדן וועגן דע־
פּאָרטאַציע. דער גוווערנער קאַלאָטעסקו האָט געהאַט א סעקרעטאַר, מאַ־
רינעסקו, א דעגענעראַט, א סאַדיסט און בלוטיקער שונא ישראל. ער האָט
עס פון ריין סאַדיזם באַצייטנס אָנגעזאָגט די יידן, אז לאַנג דאָ אויפן
אָרט וועט מען זיי נישט לאָזן. אָבער נישט פון אים אליין, מען האָט עס
געוווסט, אז עס גייט פון אויבן, אז עס שטעקט אין דעם די דייטשע האַנט.
מאַרינעסקו האָט נאָר געהאַט דאָס גרויסע פאַרגעניגן באַצייטנס ארויס־
צונעמען די נשמה ביי אונדז מיט די גוטע בשורות. וועגן פרישע דע־
פּאָרטאַציעס האָט מען אָנגעהויבן רעדן פאַר פּכּח.

עס איז געווען א בריוו־אויסטויש צווישן דר. פילדערמאַן, א יידישן
באַקאַנטן געזעלשאַפטלעכן טוער אין בוקאַרעשט, א געוו. שול־חבר פונעם
מאַרשאַל אַנטאָנעסקו. פילדערמאַנס בריוו: פאַרוואָס מען באַגייט זיך אזוי
אוממענטשלעך מיט יידן, און דער ענטפער פון מאַרשאַל אַנטאָנעסקו (דאָס
אלץ אין די צייטונגען) — יידן רויט־אַרמייער האָבן אין די שלאַכטן
הינטער אדעס אויסגעשטאָכן אויגן ביי די רומענישע סאָלדאַטן, — וויינען
די רומענישע מאַמעס... זאָלן וויינען יידישע מאַמעס...

ס'איז געווען א משל קעבעבע, ווייל יידישע מאַמעס האָבן שוין גע־
האַט וואָס צו וויינען נאָך פאַר די שלאַכטן ביי אדעס, אָבער געוווסט האָבן
מיר שוין, אז עס וועלן ווידער, גאָר אויפסניי האָבן וואָס צו וויינען יידי־
שע מאַמעס... דער דאָזיקער בריוו האָט עס אויך אָנגעזאָגט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס שבועות צייט.

דעם 7טן יוני, אין א זונטיק, האָט מען אָפּגעשלאָסן אלע גאַסן, אָפּ־
געשטעלט די גאַנצע באַוועגונג אין שטאָט, און געגאַנגען פון שטוב צו
שטוב מיט א צעטל. עס זענען געווען באַשטימטע פּערזאָנען, מיט זייערע
פאַמיליעס, וועלכע מען האָט ארויסגעשיקט. אין דעם דאָזיקן ערשטן זונ־

מיק האט מען גענומען נאר די יידן, וועלכע האבן געהאט זייערע „אויטא־ריזאציעס" אונטערגעשריבן דורכן פרימאר פאפאוויטש. די „פאפאוויטשא־נער", אזוי האט מען דאס אויסגעטייטשט, זענען געבליבן נישט לעגאל, זיי האבן זיך אדער אויסבאהאלטן, אדער גלאט געבליבן צוליב דעם פריען ווינטער און שטארקע פרעסט, וואס האבן פלוצים אויסגעבראכן. יעדנ־פאלס איז דאס איצט אן איבעריקער עלעמענט. זייער ארט איז פון אנהייב אן געווען — טראנסניסטריע.

ווען דער דאזיקער ערשטער דעפארטאציע האט מען פאראויס גע־נוי געוווסט.געוווסט וועמען מען מיינט, ווער עס דארף גיין און ווען זי וועט פארקומען. מען האט זיך געריכט אויף איר און א סך האבן זיך אויס־באהאלטן. דער אופן פון דעפארטאציע איז געווען אזעלכער, ווי די דייטשן האבן געלערנט: מען האט די ארויסגעשלעפטע מענטשן פון די שטיבער פארזאמלט אויף איין פלאץ, אויפן מכבי־פלאץ,הינטערן פאלקס־גארטן, און פון דארט אין לאנגע צוגן אנגעשטאפט אין די וואגאנעס, וויפל עס איז אריין אין א וואגאן. מען האט אין דעם דאזיקן ערשטן טאג פון דער דעפארטאציע ארויסגענומען די קראנקע פון די יידישע שפיטאלן, פונעם מושב־זקנים, פון דעם משוגעים הויז. דאס האט געגעבן אנצוהערן, אז מיט דעם דאזיקן טראנספארט מיינט מען נישט קיין גוטס. מען האט פאר־שטאנען, אז די „איבעריקע" פאר זיי מענטשן, וועט מען וועלן ליקווי־דירן, פטור ווערן פון זיי.

דעם גאנצן זונטיקדיקן טאג, דעם 7טן יוני, האט געהערשט דער גרויל אין שטאט: זשאנדארמען האבן געהיט די גאסן ביי אלע ראגן, פון קיין טויער האט מען נישט געטארט ארויסטרעטן, און די באשטימטע קא־מיסיעס זייערע זענען געגאנגען אין די הייזער, געזוכט און געשלעפט מענטשן צום מכבי־פלאץ.

אין דעם טאג איז פארגעקומען א מאסע זעלבסטמארדן. מענטשן האבן שוין געוווסט, אז מען גייט אויף צרות, און געוואלט זיך פארשפארן דאס געמוטשעטע לעבן.

ביי די רומענער האט מען א סך זאכן פון פאראויס געוווסט. עס זע־נען שוין געווען צווישן די רומענער אזעלכע, וועלכע זענען געווען אייגפאך

פאַראינטערעסירט, אַז „זייערע" יידן זאָל מען נישט טשעפּען. האָבן זיי אַליין זיך באַמיט באַצייטנס צו דערוויסן ווי עס האַלט מיט „זייערע" יידן, און פון „זייערע" האָבן זיך שוין דערוווּסט די איבעריקע. און אַזוי האָבן מיר געננוי געוווּסט, אַז מיט דער דעפּאָרטאַציע פון דעם זונטיק איז די אַקציע נישט פאַרענדיקט, אַז עס וועלן גיין ווייטערדיקע.

און אויפן צווייטן זונטיק, דעם 14טן יוני, האָט זיך דאָס אומגליק איבערגעחזרט, מיט דעם אונטערשיד נאָר, וואָס אין דעם ערשטן זונטיק האָט מען גענומען נאָר די „פּאַפּאַוויטשאַנער" און איצט האָט מען שוין גענומען אויך די מיט די „קאַלאַטעסקאָ" אויטאָריזאַציעס, וועלכע האָבן זיך געפילט ביז איצט ווי אויף אַן אייזערנער בריק. דאָס האָט שוין אַריינגעבראַכט אַ דעזאָריענטאַציע: ביז אַהער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן די „פּאַפּאַוויטשאַנער" ביי די „קאַלאַטעסקואַנער", איצט האָט מען שוין נישט געוווּסט וווּהין צו לויפן.

דעם דריטן זונטיק, דעם 21סטן יוני, האָט מען שוין גענומען, ווער עס איז געקומען אונטער דער האַנט. מענטשן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די קעלערס און גריבער, איז אַז עס האָט ביז נאַכט נישט געסטייעט דער סכום, האָט מען, לויט מאַרינעסקוס פאַראָרדענונג, ביינאַכט (דאָס איז ביז אַהער נישט פאָרגעקומען, אַז מען זאָל די אַקציע פאַרציִען אויך אויף ביי־נאַכט), אַרומגערינגלט אַ גאַנצן קוואַרטאַל, אַרום דעם אָסטער־פּלאַץ און מען האָט אַרויסגעפירט אַלע יידן יונג און אַלט, געזונט און קראַנק, פרויען, מענער, קינדער.

דאָס ביסל פּוילישע יידן אין טשערנאָוויץ האָט זיך געמיינט צו שטיצן מיטן כוח פון זייערע טשילענישע פּעסער. דעם ערשטן זונטיק האָט דאָס נישט געהאָלפן. זיי זענען צוגערעכנט געוואָרן צו די „פּאַפּאָוויטשאַנער", צו די צופעליק פאַרבליבענע, צו די, וועלכע האָבן זיך אין דער ווינטער דעפּאָרטאַציע אומלעגאַל אויסגעדרייט. מען האָט אַרויסגעפירט אין ערשטן זונטיק עטלעכע הונדערט פּוילישע יידן מיט די טשילענישע פּעסער, און צווישן זיי איניקע מיטגלידער פונעם קאָמיטעט.

דר. שימאַנאָוויטש האָט גענומען טעלעגראַפירן, טעלעפאָנירן קיין בוקאַרעשט צום טשילענישן קאָנסול, יענער האָט אינטערווענירט ביי דער

העכערער מאכט. פון בוקארעשט האָט מען מיטגעטיילט, אז מען האָט פאראָרדנט מער נישט צו רירן די פוילישע יידן מיט די משילענישע פעסער. נאָר דאָ אין טשערנאָוויץ האָבן די מארינעסקו־לייט קיין אכט נישט געלייגט אויף דער דאָזיקער פאראָרדענונג, און אין דער צווייטער דעפּאָר־טאציע, דעם 14טן יוני, האָט מען שוין פארנומען נאָך א פּאָר הונדערט פוילישע יידן און צווישן זיי אויך די משפּחה גאטעסמאן, זילבערשאץ און אנדערע מיטגלידער פון פוילישן קאָמיטעט.

די פּראקטיק האָט באוויזן, אז דאָס איינציקע זיכערע מיטל אויס־צומיידן די דעפּאָרטאציע איז זיך גוט אויסצובאהאלטן.

איך האָב געוווסט, אז מען זוכט מיך. עס זענען געווען סימנים דער־צו. פּלוצים קומט מען פון מאגיסטראט פרעגן, צי איך האָב באצאָלט דירה־געלט, בעת איך האָב איבערהויפּט קיין דירה נישט געהאט. עס איז געווען אן אופן אזא, ווען מען האָט פאָרבערייט די דעפּאָרטאציע, פעסטצושטעלן, צי די געזוכטע פערזאָן געפינט זיך אויפן אָרט. א חוץ דעם האָט מען גע־וואָלט איינקאסירן ביי די מענטשן, וועלכע זענען געווען באשטימט צום ארויסשיקן — דירה־געלט. דירה געלט האָט איצט באקומען דער מאגיס־טראט. די יידישע הייזער זענען שוין נישט געווען דאָס אייגנטום פון די יידן. עס האָבן אלע, וועלכע מען איז געקומען מאָנען די דאָזיקע שטייערן, געוווסט, אז זיי שטייען אויפן צעטל. האָב איך אויך געוווסט דערפון.

שבת פארנאכט, דעם 6טן יוני, בין איך אוועק אין שפּיטאָל צו מיין פריינדין, א קראנקנשוועסטער, דינה רויטמאן, זיך אויסבאהאלטן. בעת דער ערשטער דעפּאָרטאציע פון געטאָ האָט מען די מענטשן פון שפּיטאָל נישט גערירט. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס איז דאָס זיכערסטע אָרט. דינה זאָגט אָבער, אז זיי האָבן א פאראָרדענונג איינצומעלדן אלע, וועלכע קומען איצט אין שפּיטאָל. נישט צו מעלדן מיך — האָט זי מורא און יאָ מעלדן — איז וואָס איז עס פאר א באהעלטעניש?... אלזאָ איך קאָן דאָ נישט בלייבן...

איך גיי ארויס מיט א ביטער געפיל, אז מיין פריינד, איינער פון די נאָענטסטע מענטשן מיינע, וויל מיר נישט ארויסהעלפן. איך זעץ זיך אוועק אויף א באנק אין גאָרטן ביים שפּיטאָל און באשליס צו בלייבן דאָ

La Legacion de Chile
certifica que el ciudadano polaco

Legaţiunea Chile
certifică că cetăţeanul polon

Die Gesandtschaft
der Republik Chile
bestätigt, dass der polnische
Staatsangehörige

D-l

din

Str.

No.

titular del pasaporte No.
está inscrito en el registro del servicio polaco de esta Legacion y vive con su familia en este domicilio, está bajo la alta proteccion de la República de Chile.

titularul paşaportului Nr.
inscris în registrele Serviciului polonez pe lângă această Legaţiune, locueşte împreună cu familia sa la adresa de mai sus şi se află sub Inalta Protecţie a Republicei Chile.

Inhaber des Passes Nr. in den Büchern der polnischen Abteilung dieser Gesandtschaft eingetragen ist, mit seiner Familie unter obiger Adresse wohnt und sich unter dem hohen Schutz der chilenischen Republik befindet.

Bucuresti,

Jefe de la Servicio Polaco

El Ministro de Chile
Sam. del Campo

דער שוץ־דאָקומענט פון דער טשילענער געזאַנדשאַפט פאַר
פּוילישע בירגער אין רומעניע

אין דרויסן א גאַנצע נאַכט און אפשר אין א קאַמער, אין א האַלץ-קאַמער. איך גיי אויסקוקן עפּעס אַן אָרט וווּ צו בלייבן. דריי איך זיך אַרום א פּאָר מינוט און זעץ זיך ווידער אַוועק אויף דער באַנק. און פּלוצים באַשליס איך: איך וועל דאָ נישט בלייבן... איך גיי ווייטער, אָבער וווּהין?... איך האָב געוווּסט, אַז די גאַסן וועט מען באַלד אָפּשליסן. מען וועט באַלד נישט קאָנען נישט אַהין און נישט צוריק, אָבער כ'קען נישט איינזיצן, עס טראָגט מיך אויף. איך גיי אַרויס פון שפּיטאָל, לאָז מיך אַראָפּ פון בערגל און ווייס נישט וווּהין א פוס צו שטעלן.

אין די גאַסן זעט מען שוין זייער ווייניק מענטשן. אויב ס'וועט איצט אָנקומען א פּאַטרול און מיך אויסלעגיטימירן, וועל איך גיין א גאַנג...

גיי איך אַביסל ווייטער אין דער פּוסטער גאַס אַריין און עס פּלאָנטערן זיך אונטער מיר אַביסל די פיס. און פּלוצים קומט מיר אונטער א באַקאַנטער. ס'איז זיסעלע שילערס א קרוב, מיר זענען געווען צוזאַמען ביי זיסעלען אין דירה אין געטאָ. זיין פאַמיליע איז אויסלענדער, זיין פרוי שטאַמט פון מיעלניצי, גאַליציע, זייער א וווּילינקע, אינטעליגענטע פרוי, זי האָט ליב געהאַט צו כאַפּן מיט מיר א שמועס אויף פּויליש, דורכצולופּטערן די שפּראַך, ווי זי האָט געזאָגט. נאָר זיי זענען אַרויס פונעם געטאָ די ערשטע, מיט א „קאַלאַטעסקו"-אויטאָריזאַציע. איך בין נאָך געבליבן אין געטאָ א פּאָר וואָכן און האָב זיי פאַרלוירן פון אויג.

איך דערצייל אים איצט מיין לאַגע. דערצייל אים גלאַט אַזוי, אָן א מיין, אַז ער קען מיר, צי וועט מיר העלפן. אַז דינה האָט נישט געהאָלפן... ס'איז מיר פּשוט רוּאיקער, וואָס איך גיי נעבן א מענטש. און אָט זאָגט ער מיר, דער מענטש, וועגן וועלכן כ'האָב מיט א מינוט פריער אפילו נישט געדענקט, נישט געטראַכט:

„וואָס זשע זענט איר נישט געקומען צו אונדז?"

כ'האָב מיר איינפאַך נישט געגלייבט, נישט געגלויבט מיינע אויערן: אַזוי פּראָסט און פּשוט: „פאַרוואָס זשע זענט איר נישט געקומען צו אונדז?" עס זענען פאַראַן מענטשן, ביי וועלכע עס איז אַזוי איינפאַך צו טאָן א מענטשן אַזאַ גרויסע טובה... מען דאַרף דאָס פאַרשטיין: מען האָט געדראָט מיט כלערליי גזירות פאַר אויסבאַהאַלטן פרעמדע, נישט געמאָל-

דענע, און דאָ שטייט פאַר מיר אַ מענטש, כמעט אַ פרעמדער, און זאָגט מיט אַ מין פאָרוואורף: פאַרוואָס זשע זענט איר נישט געקומען צו אונדז?

ערשט אין דערהיים ביי אים, זיין פרוי, זיין רעגינע, האָט געהאַט צו מיר די ריכטיקע טענה: ס'טייטש מען באַווייזט זיך נישט די גאַנצע צייט, און איצט, ווי אַזוי האָב איך דאָס געקענט פאַרגעסן, און נישט גלייך צו זיי קומען?...

מען האָט מיך איינגעאָרדנט אין אַ ווייטן פאַרוואָרפענעם ווינקל, ווייט פון זייטיקע און פרעמדע אויגן, און אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ.

אין דער זעלבער נאַכט האָט מען פונעם שפּיטאָל פאַרנומען כמעט אַלע קראַנקע, אַ גרויסע טייל פון די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, אַפּטייקער און פאַרמאַצעווטן, מען האָט געזוכט און אויסגעזוכט פון אַלע ווינקעלעך, אין אַלע קאַמערן און מען האָט פאַרנומען.

פאַר דער דעפּאָרטאַציע דעם צווייטן זונטיק, דעם 14טן, האָט מען צווויסן געטאָן, אַז אויב מען וועט נישט טרעפן אין דער היים די געזוכטע פערזאָנען, וועט מען נעמען אָנשטאָט זיי ווע‌מען מען וועט טרעפן...

בין איך ווידער אין אַ ביטערער לאַגע. מען וועט נישט טרעפן אין דער היים מיך, קען מען פאַרנעמען דעם קראַנקן מישאַ בעריק, אָדער רחלען. זיי זענען נישט געווען אויף דער ליסטע אַרויסצושיקן. איך בין אויף דער ליסטע געווען. און אויב מען איז נישט געקומען דעם ערשטן זונטיק, איז עס געווען וואַרשיינלעך, אַז מען וועט קומען נאָך מיר דעם צווייטן זונטיק.

ס'האָט געקענט זיין נאָך אַן אויסגאַנג: זיי, ד. ה. רחלע און מישאַ, זאָלן אויך אַוועק פון דער היים, נאָר אויב מען וואָלט געקומען און נישט געטראָפן קיינעם אין דער היים, וואָלט מען פאַרזיגלט די שטוב, אָנגעהאַנגען אַ צעטל „אוועראַ סטאַטולויאַ", ד. ה. אַלץ, וואָס געפינט זיך אין שטוב, געהער צום שטאַט, און די מענטשן וואָלטן געבליבן אין דרויסן, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. און עס זענען שוואַכע, קראַנקע מענטשן, ווי קען איך עס מיר דערלויבן זיי אויסצושטעלן אויף אַזעלכע געפאַרן צוליב מיר? קום איך שוין דעם שבת, פאַרן צווייטן זונטיק אַהיים. זאָל עס זיין ווי אַזוי

עס וויל זיך. שטעלן זיך אָבער ווידער מיינע, סיי רחלע, סיי מישע, אויפן קאָפּ: ס'טייטש, ווי אַזוי קען איך בלייבן אין דער היים און אַז מען וועט קומען און מיך פאַרנעמען? ווי וועלן זיי דערמיט שלום שליסן?... און דער־ביי לויפט אָן רעגינע אויסלענדער: וואָס הייסט עפּעס אין אַזאַ געפאַר בלייבן אויפן אָרט, נישט פּרוון אַפילו אַוועקגיין... ווי איז עס געהערט געוואָרן, אַז עס איז דאָ אַ „סכּראָן", מען זאָל נישט אויסבאַהאַלטן, ווען מען ווייסט גוט, אַז מען איז אויף דער ליסטע אַרויסגעשיקט צו ווערן... זי שלעפּט מיך אַרויס. עס פירט אונדז אָפּ ביז צו דער היים אשר רזשא־ווינסקי.

אשר רזשאַווינסקי איז פון יאַנעוועץ, נעבן בריטשאַן, און איז צופע־ליק פאַרבליבן אין טשערנאָוויץ, ווען עס זענען אַריין אהער די רומענער מיט די דייטשן.

אשר רזשאַווינסקי איז פּונקט אַזאַ קאַנדידאַט אַרויסגעשיקט צו ווערן, ווי איך. ער פאַרמאָגט אינגאַנצן אַ „פּאַפּאָוויטש", האָט אַ פרוי און אַ קינד, זיי וווינען אויך אין אַ צימער ביי די בעריקס. ביי אים איז מען געקומען מאָנען דירה־געלט, אָבער נאָך אין דער אַלטער דירה, ביי זיסעלע שילער, וווּ ער האָט געוווינט אין געטאָ און איז דאָרטן געבליבן גע־מאָלדן. האָט ער זיך שוין אין דער דירה ביי די בעריקס געפילט ווי אויס־באַהאַלטן: אַז מען זוכט אים דאָרט, וועט מען דאָך נישט קומען נאָך אים אהער.

מיר האָבן דעם ווינטער געוווינט צוזאַמען און געטיילט לייד (וויל קיין פרייד איז נישט געווען), נאָר זיין קליין טעכטערל, יהודיתל, האָט ביי אונדז אַלעמען געקענט אַמאָל אַרויסנאַרן אַ שמייכל. אַ קיילעכיקס, זעקס יעריק, מיט צוויי חן־גריבעלעך אין יידרע בעקלעך, מיט צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן, איז דאָס געווען אַ גאַנצע באַלעבאָסטעלע אין שטוב. זי האָט אונדז באַלויכטן די קאַלטע פינצטערניש אין דעם שווערן ווינטער.

צוליב איר האָב איך אַנטדעקט אין מיר אַ טאַלאַנט אויף די עלטערע יאָרן: יהודיתל האָט ערגעץ געפונען אַ קאָפּ פון אַ גרויסער קוקלע (אַ פּופּע). וואָס זשע טוט מען מיט אַ קאָפּ אַליין? איך האָב קיינמאָל נישט געוווסט, אַז עס דרימלט אין מיר אַזאַ טאַלאַנט: איך האָב אויפגענייט פון

שמאַטעס פאַר דעם קאָפּ אַ קערפּער, מיט הענט און מיט פיס. פּונקט ווי אַ ריכטיקע „קוקלע" — האָט געזאָגט יהודיתל. און אין די לאַנגע ווינטער אויפדערנאַכטן ביים קליינעם קעראָסין־לעמפּל האָבן מיר ביידע, יהודיתל און איך, די „קוקלע" געקליידט אין עסיג און אין האָניק; גענייט קליידער און העמדער, און אַפילו שיך און זאָקן. און אַלע מעשהלעך, וועלכע איך האָב דערציילט יהודיתלען, האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט די „קוקלע" צוויי מאָל: איין מאָל פון מיר און דאָס צווייטע מאָל פון יהודיתלען. די מאַמע אירע, שבע רזשאַווינסקי, האָט געהאַט נאָך אַנדערע דאגות. זי האָט געוואָלט לעבן בשלום מיט גאָט און געפירט אַ כשרע קיך. אין אונדזערע שווערע צייטן איז עס געווען אַ שווערע אויפגאַבע. האָט מען ביי די רזשאַ־ווינסקיס געהונגערט נאָך מער ווי ערגעץ אַנדערש. יהודיתלען האָבן מיר פון צייט צו צייט אָפּגעטרייפט. דערויף האָט שוין די מאַמע אירע גע־קוקט צווישן די פינגער. און אשר רזשאַווינסקי איז געווען, מיר האָבן אים אַזוי גערופן, „דער וואָס כאַפּט די פּעטש", אים האָבן די רומענער, אָפטער ווי עמיצן אַנדערש, געכאַפּט צו דער אַרבעט.

און אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַן אומדערשעפּלעכן הומאָר, האָט ער זיך נישט געקענט אָפּהאַלטן פון אַ וויץ אויפן חשבון פון זיינע מאַטערער, ער האָט גוט געקענט די רומעניש שפּראַך, און פאַר יעדן געלונגענעם גוטן וויץ, פלעג ער אַריינכאַפּן גוטע קלעפּ... ס'האָט, דאַכט זיך, אין יענעם ווינטער קיינער נישט אַריינגעכאַפּט אַזויפיל פּעטש, וויפל רזשאַווינסקי.

און אַט איצטער איז אשר רזשאַווינסקי עפּעס גאַנץ רואיק געזעסן מיט זיין „פּאַפּאַוויטש"־אויטאָריזאַציע, גלייך אים מיינט מען נישט. נאָר זיין שבע איז נישט געווען אינגאַנצן רואיק און האָט זיך אויף יעדן פאַל איינ־געפּאַקעוועט, אָבער נאָר אַזוי ווי אויף אַ קאַטאָוועס.

די דאָזיקע נאַכט אויפן 14טן איז מען ווירקלעך געקומען נאָך מיר. מען האָט מיך נישט געטראָפן און זיך גענומען צו רחלען מיט מישען, זיי סטראַשען, געוואָלט שלאָגן, זיי זאָלן זאָגן ווו איך בין, אָדער זיי זאָלן גיין אַנשטאָט מיר. דאָ קומט אַריין רזשאַווינסקי:

— לאָזט אָפּ די אָרימע קראַנקע מענטשן, וואָס ווייסן זיי, איך ווייס,

וו זי איז און וועל אייך צו איר פירן. זי האט דא קרובים, בלייבט זי ביי זיי אפט נעכטיקן...

רזשאווינסקי מיט די רומענער זענען ארויס פון דער שטוב. ער האט זיי אוועקגעפירט אויף וואסילקע גאס 5. דארט האבן ווירקלעך געוווינט מיינע קרובים, מיינער אן עלטער־פעטער, דעם זיידנס א ברודער, משה ברייטמאן, מיט דער פאמיליע. נאר דער פעטער איז געשטארבן דעם פארגאנגענעם ווינטער און די מומע מיט די קינדער האט מען פארנומען דעם ערשטן זונטיק פונעם שפיטאל ארויס. די רומענער האבן געפונען אויף דער טיר פון פעטערס דירה דאס באקאנטע צעטעלע „אווערעא סמאטולויאי", האבן זיי פארשטאנען, אז רזשאווינסקי האט זיי אפגענארט און האבן אים ארייננגעווארפן שיינע עטלעכע קלעפ. אבער עס איז זיי, זעט אויס, נמאס געווארן דער גאנצער עסק און זיי האבן אים אפגעלאזט און אויך צוריק צו די בעריקס נישט געגאנגען.

ער אליין האט די גאנצע מעשה מיר, אויפן צווייטן טאג, און אויף זיין שטייגער, דערציילט. דערציילט מיט א וויץ און מיט הומאר. פארגעשטעלט די רומענער און זיך אין א קאמישער באלייכטונג. און אליין האט ער דערביי געלויכטן מיט די ברוינע און בלויע צייכנס, וועלכע זענען אים פארבליבן נאך די בייטאכטיקע קלעפ... ער האט געלאכט און איך האב געוויינט, געוויינט אויף זיינע קלעפ און מיין פאריאגטקייט. געשטוינט איבער זיין דערהויבענער אפערוויליקייט פאר מיר, פאר כמעט א פרעמדן מענטש, באוונדערט מיט וואס פאר א זעלבסטפארשטענדלעכקייט ער האט גערעדט וועגן זיין בייטאכטיקער עסקאפאדע...

צום דריטן טראנספארט בין איך געבליבן אין דער היים. נישט געוואלט מער איינשטעלן קיינעמס פלייצע פאר מיר.

מען איז געקומען נאך די רזשאווינסקים. זיי זענען געווען גרייט צו גיין נאר אויף א קאטאוועס, און זענען אוועקגעגאנגען אויף א רעכטן אמת, און איך בין געווען גרייט צו גיין אויף אן אמת, איז מען נאך מיר דאסמאל נישט געקומען! זיי האבן זיך אין 15 מינוט איינגעטאן, ארומגעבונדן ארום זיך די זעק, און אויך יהודיתל, מיט א רוקזעקל אויף די פלייצעלעך, דאס קעפעלע מיט א טיכעלע אונטערגעבונדן מיט צוויי

עקן אונטערן גאָמבקעלע... און מיט דער „קוקלע", מיט אונדזער קוקלע אין די הענטלעך... ווי גיט מען איבער דעם ריס אין הארצן, דעם ווייטיק, די פוסטקייט, וועלכע זיי האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך?

און שפּעטער האָבן מיר זיך געכאַפּט: ווו זענען מיר געווען? פאַר־וואָס האָבן מיר דאָס דערלאָזט, עס איז דאָך געווען באַקאַנט, אַז מען זוכט די „פּאָפּאָוויטשעס", פאַרוואָס האָבן מיר דערלויבט אַזאַ לייכטזיניקייט, נישט געצוווּנגען זיי זיך אויסצובאַהאַלטן... ווי האָט מען געקענט לאָזן היזיקירן מיטן קינד...

שפּעטער האָב איך מיך דערוווּסט, פאַרוואָס מען האָט מיך דאָסמאָל שוין נישט געזוכט: דער טשילענישער קאָנסול האָט זיך אויף אַן ערנסט איינגעשטעלט, פון בוקאַרעשט האָט מען מיטן הארבן וואָרט אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך דאָ אין טשערנאָוויץ דערמאַנען, אַז זיי האָבן נאָך פאַר דער צווייטער דעפּאָרטאַציע געקריגן אַ פאַראָרדענונג נישט אַרויסצושיקן די פּוילישע יידן, וואָס האָבן טשילענישע פּעסער און צום דריטן טראַנס־פּאָרט האָט מען שוין קיין פּוילישע יידן נישט גענומען.

IX

נאָטיצן פון מײַן טאָגבוך

כ'האָב נישט געהאָפט, אַז כ'וועל איבערקומען די מלחמה. ס'האָט זיך עפּעס אַזוי מאָדנע געדרייט דער טויט אַרום מיר, און יעדעס מאָל בין איך אים אַנטקומען אויף עפּעס אַן אומדערוואַרטן אופן. יעדעס מאָל איז געשען עפּעס אַן אַנדערער נס.

איינס האָב איך פעסטגעשטעלט: כ'בין אַנטקומען יעדעס מאָל נישט אַדאַנק מײַן פּאַראָויסזען, אַז אַזוי צו טאָן וועט זײַן בעסער פאַר מיר, נאָר פּונקט קאַפּויער: כ'האָב געוואָלט טאָן אַזוי און דורך אַ צופאַל איז אויסגעקומען צו טאָן אַנדערש, און דאָס „אַנדערש" איז געווען פאַר מיר גוט.

און אַט, ווען איך בין נאָך פאַרשידענע צופאַלן, אויף פאַרשידענע דרכים, וועלכע כ'בין געגאַנגען אַנדערש, ווי כ'האָב געקלערט צו גיין, ענדלעך אויך אַנטקומען אַלע זומערדיקע דעפּאָרטאַציעס, האָב איך איינמאָל באַשלאָסן: ס'איז אפשר כדאי צו פאַרנאָטירן, פון צײַט צו צײַט, וואָס עס טוט זיך דאָ מיט אונדז אַרום. און אויב נישט מיר, די מענטשן, איז **אפשר** וועלן זיך אָפּראַטעווען אַ פּאָר בלעטלעך פון אונדז געשריבן, עס זאָלן שפּעטערדיקע דורות וויסן...

און כ'האָב פון צײַט צו צײַט נאָטירט.

דאָס ווייטערדיקע שרײַב איך שוין פון נאָטיצן.

2. אויגוסט 1942.

דער היינטיקער טאָג שטייט אונטערן צייכן פון א נייער פאַראָרדענונג: יידן מעגן ארויסגיין אין גאַס אריין און איינקויפן נאָר פון 10 אזייגער ביז 12. און מעגן זיך פאַרהאַלטן נאָר ביז 1 אזייגער אינדרויסן. נאָך 1 אזייגער טאָר מען קיין ייד אין גאַס נישט זען.

ס'האָט נישט געמאַכט קיין באַזונדערן איינדרוק. מען איז שוין געוווינט געוועזן צו די שענדלעכסטע באַגרענעצונגען און אַלעמאָל אין דער שטיל, קיין איין פאַראָרדענונג נישט קיין שריפטלעכע, קיין עפנטלעכע, קיין באַקאַנטמאַכונג... איצט האָט מען די פאַראָרדענונג איבערגעגעבן אין דער קולטוס געמיינדע (מיר האָבן שוין אַזעלכע פאַרמאָגט), און פון דאָרטן איז עס געגאַנגען פון ייד צו ייד. (אזוי אין דער שטיל האָט מען אונדז אָנגעטאָן די געלע לאַטע, אזוי האָט מען אונדז ארויסגעשיקט אין געטאָ אריין און פון דער געטאָ קיין טראַנסניסטריע.) די היינטיקע פאַראָרדענונג האָט אָבער געהאַט א געפערלעכן מאָמענט אין זיך: יעדעס מאָל פאַר א גרויסער אָדער קליינער צרה האָבן מיר געוווּסט, אַז די צרה גייט אויף אונדז, אַז עס גרייט זיך עפּעס, און דאָסמאָל גאָרנישט! פּלוצים, ווי פון דער העלער הויט ארויס א פאַראָרדענונג, וועגן וועלכער מיר האָבן נאָך נעכטן נישט געוווּסט, אויף וועלכער מען האָט זיך נישט גערעכנט. דאָס איז שוין געווען געפערלעך: אזוי ארום קען שוין פּאַסירן מאָרגן א דעפּאָרטאַציע און מיר זאָלן נישט וויסן!

נישט קיין פאַראויסגעזעענע זאַכן קענען שוין אָבער דאָ פאַר אונדז נישט פּאַסירן. מיר זענען צו אַלעם גרייט. גרייט אויפן ערגסטן. אין יעדער יידישער שטוב ליגט מען צוזאַמענגעפּאַקעוועט, צוזאַמענגעלייגט, פאַרטיק צו פאָרן, צו גיין א מאַרטירער־וועג

איצט רעדט מען דערווייל נאָר וועגן א ספּעציעלן יידן־פערטל אין טשערנאָוויץ, דאָס הייסט, די וועלכע זענען געבליבן נאָך די זומער־דעפּאָרטאַציעס זאָלן זיך אַריבערציען אין דעם רואינירטן פערטל, ווו עס איז געווען פאַראיאָרן דאָס געטאָ. דערמיט מיינט מען צו שיכן צוויי האָזן: מען וועט פּטור ווערן פון די יידן אין צענטער, עס וועלן בלייבן נאָך זיי־

זייערע דירות און מעבל. און אז די יידן וועלן זיך אראָפּציען אין די רואינירטע וווינונגען אונטן, וועלן זיי זיך באַמיען די רואינעס צוריק אויפצושטעלן, זיי וועלן אויף ווינטער אריינשטעלן פענצטער, טירן, שויבן, אויפשטעלן די אויוונס, עס גייט דאָך צו ווינטער.

*****

איך האָב באַקומען א גרוס פון יענע — פון די ארויסגעשיקטע קיין טראַנסניסטריע. אז ווי איז צו דעם גרוס. געבראַכט האָט אים אַנאַטאָלי יעפּיפאַנאָוויטש באַלבאַשענקאָ, דער זון פון אונדזער בריטשאנער גלח. אונדזערער א „גוטער פריינט". קיין גוטער פריינט אין אַלגעמיין פאַר יידן — איז ער נישט, אַן אידעאָלאָגישער קוזאָוויעץ, נאָר א געוועזענער מיטשילער פון א סך יידישע קינדער פון דער בריטשאנער „אוטשילישטשע", און פון דאַנען די פאַרבינדונג און די געניייגטקייט פון זיין זייט מיטצוהעלפן צו לינדערן די יסורים פון אייניקע זיינע בריטשאנער — געוועזענע מיטשילער און חברים.

ער דערציילט: אויפן וועג קיין מאָהילעוו, ביים ברוקירן די שאָסייען, אַרבעטן יידישע יונגעלייט, נאַקעטע, באָרוועסע, הונגעריקע, אויסגעצערטע — האַלב־סקעלעטן. עמיצער האָט זיך מרחם געווען און פונעם אויטאָ, מיט וועלכן מען איז אדורכגעפאָרן נעבן א גרופּע פון אזעלכע אַרבעטער, ארויסגעוואָרפן א ברויט. די יינגלעך האָבן זיך געוואָרפן אויף דעם ברויט ווי ווילדע חיות. ווי הינט געריסן איינער ביים אנדערן, געביסן ביים אנדערן פון די הענט. די אויפזעער זענען צו און מיט די קאָלבעס זיי צעטריבן. נאָך דעם איז עס געוואָרן א „זאבאווע" אזא ביי א טייל „באַרעמהאַרציקע" מענער. זיי פלעגן אומיסטן פאָרן, ארויסוואַרפן גאַנצע ברויטן און צוקוקן ווי די יינגלעך רייסן זיך.

אין מאָהילעוו אַליין פאַר די טירן ליגן מענטשן — אָנגעשוואָלענע ווי בערג, מיט ריזיקע קעפּ און ריזיקע הענט און פיס — אָנגעשוואָלן פון הונגער, ליגן זיי און בעטן אויף זיך דעם טויט, וואָס פאַרשפּעטיקט, קומט נישט באַפרייען פון דעם יסורימדיקן לעבן. אַנדערע, ווידער, זענען אויסגעדאַרט ווי סקעלעטן, מען איז משוגע פון הונגער און מען גייט נאַקעט,

איינפאך נאקעטע אויף די גאסן. א זאק, א פאפיר — איז קליידונג. און עך שטעלט זיך אפ ספעציעל אויף נאקעטע פרויען מיט אנטבלויזטע בריסטן, וואס הענגען נאך ווי די פוסטע טארבעס.

פאראיארן האט מען גערעדט וועגן הונדערט פינף און אכציק טויזנט דעפארטירטע פון בעסאראביע און בוקאווינע. נאכן זומער האט מען גערעדט וועגן צוויי הונדערט פופציק טויזנט. דאס זענען געווען אפיציעלע ציפערן. יידן האבן זיך זייער חשבון און רעדן וועגן פיר הונדערט טויזנט דעפארטירטע. און אכציק פראצענט פון דעם — זענען אין משך פון ווינטער אומגעקומען פון הונגער און קעלט און עפידעמיעס. און א חוץ דעם זענען נאך די זומערדיקע דעפארטאציעס א טייל פון די דעפארטירטע ארויסגעשיקט געווארן פון טראנסניסטריע ווייטער איבערן בוג.

די אויסגעמאטערטע, אויסגעמוטשעטע, האט מען ווידער ווייטער געיאגט. און ווידער האט זיך דא אין טראנסניסטריע אנגעהויבן דאס, וואס איז געווען פריער אין טשערנאוויץ — ווער עס האט נאך געקענט, האט זיך אויסגעקויפט, באקומען נייע אויטאריזאציעס צו בלייבן אויפן ארט, אפגעשטופט דעם מלאך־המות אויף א שטיקל צייט. ווער עס האט זיך נישט געקענט אויסקויפן — איז אריבערגעשיקט געווארן איבערן בוג צו די דייטשן און מען ווייסט נישט, וואס עס איז מיט זיי געווארן.

***

מיר טראגן אונדזער געלע לאטע נישט מיט שטאלץ און ווירדע, נאר מיט ווייטיק און בושה. מיר פילן זיך געשטעמפלט, ארויסגעווארפן פון כלל און אויסגעשטעלט מחמת דער געשטעמפלטקייט אויף געפארן. יעדער שנעק, יעדער פארסמארקעטער שגצל קען צוגיין צו יעדן איינעם פון אונדז און באליידיקן, ווייל מיר זענען אויסערן געזעץ, ווייל מיר זענען ווערלאז. מיר טראגן די געלע אפצייכענונג, און „זיי" — זיי האבן אנגעהויבן טראגן פון אויבנאן די צלמלעך — מען זאל זיי אונטערשיידן. האב איך איינמאל געטראפן אין גאס איינע א באקאנטע, א פויליש־יידישע פרוי מיט א צלמל אויפן האלדז פון סאמע אויבנאן.

איך האָב זיך דערמאָנט ווי אַ צווייטע באַקאַנטע מיינע, דווקא אַ קריסטין, האָט מיר צום טרייסט אַמאָל געזאָגט:

„די וואָס טראָגן דעם געלן צייכן — טראָגן אויך דעם קרייץ פון ליידן; די וואָס טראָגן דעם קרייץ — טראָגן אויך דעם געלן שאַנדפלעק פאַר די ליידן וואָס מען טוט אָן אומשולדיקע מענטשן“...

איך האָב עס מיין באַקאַנטער, דער יידישער פרוי מיטן צלמל אויפן האַלדז, איבערדערציילט ווי אַ גלייכוואָרט און באַלד חרטה געהאַט: וואָס פאַר אַ טענות קען איך האָבן צו אַ ווערעמל, וועלכעס באַקומט פון דער נאַטור דעם קאָליר פון דעם אָרום, דעם שוץ־קאָליר — דער שונא זאָל עס נישט באַמערקן. די נאַטור אַליין וויל דאָס ראַטעווען און דאָ מוזן מענטשן אַליין וועגן זיך טראַכטן, זיך ראַטעווען. דאָס צלמל איז אין דעם פאַל דער שוץ־קאָליר, אַ באַהעלטעניש.

מען האָט געשיקט רופן די פּוילישע יידן, וועלכע זענען פאַרשריבן דאָ פון 1939 און מען האָט זיי געשטעלט אַ קלאָץ־קשיה: צי וויל מען נישט אַהיימפאָרן, דאָס הייסט צוריקפאָרן קיין פּוילן? און פאַרוואָס מען וויל נישט אַהיימפאָרן? איצט ווען עס ברענט דאָרט אַזאַ פייער... וואָס וועט נאָך דערפון אַרויסקומען?

1. סעפּטעמבער 1942.

מיר, די פּוילישע יידן, טרעטן אַריין אין פערטן יאָר פון דער מלחמה. די היגע — ערשט אין צווייטן. אָבער דאָ פילט מען עס שוין אויך גענוג.

מיר ווייסן נישט גענוי, וואָס עס טוט זיך אין פּוילן. מיר ווייסן נאָר פון דערגאַנגענע קלאַנגען, אַז עס איז דאָרט אַ גרויסער אומגליק, אַז מען ברענגט אום טויזנטער יידן.

פון טראַנסניסטריע האָבן מיר שוין גענויערע באַריכטן: אַ קלוגער רומענער, וואָס האַלט זיך פאַר אַ גוטן־פריינט פון יידן, האָט כאַראַקטעריזירט די לאַגע פון די יידן דאָרט קורץ און בינדיק, מיט איין פראַזע: „די יידן האָבן דאָרט נישט קיין רעכט אויף לעבן“. טוט מען אַלצדינג, כדי זיי זאָלן אויסשטאַרבן. פון גאַנץ בעסאַראַביע און בוקאָווינע זענען גע־

בליבן אויפֿן אָרט נאָר אַכט ביז צען טויזנט יידישע נפשות, וואָס געפינען זיך אין טשערנאָוויץ און זיצן שטענדיק מיט דער נשמה אין די הענט און מען וואַרט אויף אַ פרישער דעפּאָרטאַציע. די פרישע דעפּאָרטירטע גייען שוין דירעקט איבערן בוג. אונדזערע פּוילישע יידן, וואָס זענען פאַרנומען געוואָרן אין די לעצטע טראַנספּאָרטן, זענען אויך אַהין אַריבערגעשיקט געוואָרן. אַלע באַמיאונגען פון דעם פּוילישן קאָמיטעט, געשטיצט פון טשילענישן קאָנסול, זיך צו דערוויסן וואָס עס איז מיט זיי געוואָרן, האָבן קיין שום רעזולטאַטן נישט געבראַכט.

פון פּוילן האָבן זיך דערשלאָגן דורך דער גרעניץ אַ פּאָר יידן. זיי דערציילן אומגלויבלעכע זאַכן. ס'איז דאָך אָבער לעבעדיקע עדות! זיי דערציילן, אַז מען ליידיקט אוים גאַנצע שטעט און שטעטלעך. מען מאַכט זיי „יודנריין". עס קומען דאָרט פּאָר ספּעציעלע „יום-טוב־טעג", „קינדער־טעג" — ווען מען ברענגט אום קינדער, „אַלטער-טעג" — ווען מען זוכט ספּעציעל אַלטע לייט, טעג פּאַר אינטעליגענץ און אַזוי ווייטער. מען לויפט פון דאָרט. און אַ טייל לויפן אַהער. פאַלן זיי אָבער אַריין אין די הענט פון דער היגער זשאַנדאַרמעריע — שטעלט מען זיי צוריק אויף יענער זייט, צוריק אין די הענט פון די דייטשן. און דאָס איז נאָך ערגער. אַ שרעקלעכער, אַ געמוטשעטער טויט.

אָקטאָבער 1942.

דער אָקטאָבער פון 1942 האָט אונדז געבראַכט אַן „אָרדענאַנץ" (אַ פאַראָרדענונג — אויף רומעניש), אַ „שטילע" ווי שטענדיק: אַז אויב די יידן וועלן ביזן 5טן ד. ח. נישט אָפּנעמען זייערע נייע ספּעציעלע, געלע פּעסער — וועט מען די, וועלכע האָבן די פּעסער נישט אַרויסגענומען, אַרויסשיקן קיין טראַנסניסטריע... ווי זשע איז דאָס אָבער מעגלעך, ווען מיט אַרויסגעבן די פּעסער פאַרנעמט זיך נאָר איין קאָמיסאַר. קומען קומט דער קאָמיסאַר צו דער אַרבעט שפּעט, יידן מעגן גיין נאָר ביז איינס אַזייגער, איז ווי אַזוי וועט דער דאָזיקער קאָמיסאַר במשך פון פינף טעג דערליידיקן די עטלעכע טויזנט פּעסער?... ער מוז דאָך מיט יעדן מענטש רעדן,

אויספרעגן, פארשרייבן די פערסאָנאַליען, פעסטשטעלן די אויטענטיש־קייט פון דער פּערזאָן.

יידן ווילן נישט גיין קיין טראַנסניסטריע. האָט מען זיך אַ לאָז געגעבן צו דער קולטוס-געמיינדע, ווו דער עסק מיטן אַרויסגעבן די נייע פּעסער קומט פאָר, מען האָט פּארפּראַפּט אַלע גענג און אַרויסגענג פון דער גאַס. מען שטופּט זיך, מען דריקט זיך, מען צעקוועטשט מענטשן אויף טויט. האָט מען געשיקט וואַכלייט אויף אָפּצוהיטן די אָרדענונג. זיי האָבן געלאָזט אין גאַנג שטעקנס מיט נאַהייקעס איבער די קעפּ פון דער זיך שטופּנדיקער און דריקנדיקער מאַסע מענטשן.

איך בין געשטאַנען פון דער ווייטנס. כ'האָב מורא געהאַט פאַרן שטעקן איבערן קאָפּ און האָב געפילט, אַז כ'וועל שוין ווידער אַ קאַנדידאַט קיין טראַנסניסטריע, אַז דעם געלן פּאַס וועל איך נאָרמאַל נישט אַרויסבאַקומען, אַז דער טערמין און דער אופן פון אַרויסגעבן די פּעסער איז אומיסטן געמאַכט געוואָרן אַזוי, אַז עס זאָל זיין אַ גרויזעלעכער אונטערשלאַק אַרויסצושיקן נאָך אַ פּאָר טויזנט יידן. מיר האָבן ערלעך געוואָלט אָפּנעמען אונדזערע געלע שאַנד־פּעסער, נאָר „זיי" האָבן זיך געוואָלט שאַפן אַ „תירוץ".

ס'איז נישט פאַרשטענדלעך, צו וואָס טויג זיי דער „תירוץ". אַן אַ תירוץ האָבן זיי פאַראַיאָרן אַרויסגעשיקט אין הונגער און קעלט, אויף טויט, הונדערטער טויזנטער מענטשן, זיי באַגזלט, באַראַבעוועט אויפן וועג. פונקט אַ יאָר צו שמחת תורה איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון געטאָ דער ערשטער טראַנספּאָרט. אפשר צוליבן יאָרטאָג דאַרף מען זיך שאַפן אַ „תירוץ" אַרויסצושיקן אַ נייעם טראַנספּאָרט. און מען רעדט פון אַ טראַנספּאָרט פון זעקס טויזנט מענטשן. ווער זשע וועט בלייבן?

אונדזער גוטער פריינט, דער רומענער, האָט אונדז געבראַכט אַ טרייסט: באַלד נאָך היטלערס רעדע וועגן פאַרניכטן און אויסראָטן די יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער שוויץ גייסטלעכע און באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אויפרוף צו די קריסטן פון דער גאַנצער וועלט, מען זאָל דאַוונען און גאָט בעטן פאַר דעם ליידנדיקן יידנטום.

ס'איז יענע הילף. אָבער מיר זענען אַזוי דערשלאָגן און דערנידער־

ריקס, אז אפילו אזא פרומער וואנטש איז אונדז אויך א פלעסטערל אויף דער וואונד.

איך האב מיין געלן פאס ארויסבאקומען. פראטעקציע. דאס הייסט, די פראטעקציע האט געהאט מיין שכן, בארסוק. דער זעלבער וואס האט זיך אויסבאהאלטן בעת דער געטא טאג אין לעצטן טאג מיט זיין פרוי און דריי יינגעלעך אויפן בוידעם. ער איז א זעלטענער ספעציאליסט אין מאנופאקטור. זיין רומענישער שעף איז צוליב אים נתעשר געווארן און האט אים מורא געהאט צו פארלירן. ער היט אים ווי אן אויג אין קאפ. אלזא, אט דער שכן מיינער האט זיך ארייגבאקומען אינעווייניק, ווו מען גיט ארוים די פעסער און מיך, ווי א רעטעך פון דער ערד, ארויסגעצויגן, ארויסגעשלעפט פון צווישן דער געדיכטער מענטשן־מאסע און איך האב זיך אויך ארייגבאקומען אינעווייניק. עס האט געדויערט א פאר שעה און איך האב מיין געלן פאס ארויסבאקומען.

25. אקטאבער, 1942.

די פרוי ווייסהויט, וועלכע שטאמט פון זאלעשטשיק, פלעגט ביז דער לעצטער צייט באקומען גריסן פון אירע עלטערן. דער לעצטער גרוס איז געווען א שוידערלעכער. פונקט אין יום־כיפור האט מען זאלעשטשיק „יודנריין" געמאכט. דורכגעפירט אן „אקציע", ווי זיי זאגן דאס; ס'איז קיינער פון די יידן אין זאלעשטשיק נישט געבליבן. זי אליין, די ווייסהויט, דערציילט מיר וועגן דעם. ברעכט די הענט און וויינט און פלוצים גיט זי צו: איר ווייסט, מען זאגט, אז די דייטשן מאכן פון מענטשן־פעטס, פון די דערמארדעטע יידן, זייף.

— רעדט נישט קיין נארישקייטן, בייזער איך זיך אויף איר, עס זענען נארישע גערעדערייען, ס'איז אונדז ווייניק ווייי און ווינד, דארפן מיר נאך עפעס צוגעבן?

דער דאזיקער קלאנג חזרט זיך אבער איבער און פלוצים באקומען מיר כמעט א באשטעטיקונג, אז דאס איז אמת, פון גאר א פארלעסלעכער קוועלע: עס ליגט אין יידישן שפיטאל אן אינזשיניער, וועלכן ס'איז גע־

לונגען צו אַנטלויפן פון אַן „אַקציע" אין סטאַניסלאַוואָו און ער דער־ציילט עס ווי אַ פאַקט...

און אַפילו איצט גלויב איך נישט. איך גלויב נישט און עס כאַפּט זיך דאָך אַריין אַ געדאַנק: און אפשר יאָ?

די דייטשן זענען אַזאַ אוטיליטאַר פאָלק; וואָס זאָלן עפּעס מתים גלאַט אַזוי פוילן? אויב מען פאַבריצירט מתים, איז שוין כדאַי זיי אויס־צונוצן. מען דאַרף זייף — איז אויף זייף.

עס קאָן אָבער זיין, אַז אונטער דער גאַנצער מעשה ליגט נאָר דער באַקאַנטער דייטשער וויץ, דער „הומאָר" זייערער, זיי האָבן זיך ליב צו וויצלען. און אָט אַ דאָ אַפילו, אין טשערנאָוויץ, זענען דורכגעגאַנגען צוויי דייטשן און פאַרביי איז געגאַנגען אַ דיקע פרוי. האָט איינער געזאָגט צו זיין חבר: אָט אַ די וואָלט געווען גוט אויף זייף. אויף אַזאַ מין זאַג קען זיך באַזירן אַ גאַנצע „זייף־לעגענדע"...

עס ראַטעווען זיך אַהער פון די „אַקציעס" אין פוילן באַזונדערע מענטשן און אויך קליינינקע גרופּקעס, פאַמיליעס.

עס האָט אַ פּאָר פאָלק מיטגעבראַכט מיט זיך אַ מיידעלע פון פיר יאָר. נישט זייער קינד. דאָס קינד האָט פון אונטערן בעט געזען ווי מען מאָרדעט די עלטערן. צי איז דאָס אַ לעבנס־אינסטינקט, צי עפּעס אַנדערש פון אַ מענטשלעך באַשעפעניש, וואָס דאָס קינד איז געלעגן אונטערן בעט און האָט קיין פּיפּס נישט געטאָן, אַזוי לאַנג ווי די רוצחים זענען געווען אין שטוב און נאָך דעם איז דאָס קינד אַרויס פון באַהעלטעניש. די שכנים האָבן דאָס קינד מיטגענומען מיט זיך אין וועג אַריין.

אַ פערצן־יעריק יינגל. אַליין געקומען צו לויפן. ער האָט פון אַ בוים אין גאָרטן געזען ווי מען איז נאָכגעלאָפן זיין פאָטער און מיט אַ האַק אים דעם קאָפּ צעשפּאָלטן. די מוטער איז שוין געלעגן טויט אין שטוב. דאָס האָבן געטאָן אייגענע שכנים. גויים פון אייגענעם דאָרף. ער איז געלאָפן צו דער רומענישער גרענעץ. נישט אויסגעהאַלטן דעם שווערן וועג און עפּעס אויף אַ פעלד אַוועקגעפאַלן אַ פאַרחלשטער. עס האָבן אים געפונען די פּויערים פון פעלד. אַהיימגענומען, געגעבן עסן און טרינקען, אויסגע־האַלטן אַ פּאָר טעג, ביז ער איז צו זיך געקומען, נאָך דעם אים געשענקט

א שעפּסענעם פעלץ. ער האָט דעם דאָזיקן פעלץ אָנגעטאָן מיט די האָר ארויף און ווי א חיה, אויף אַלע פיר, געלאָזט זיך לויפן ווייטער צו דער גרענעץ און געקומען אהער.

די וואָס קומען צו לויפן אהער, אויב עס האָט זיי געגליקט און זיי זענען נישט אריינגעפאַלן אין די הענט פון די זשאַנדאַרן, מוזן זיך ערשט אויסבאַהאַלטן. זיי האַלטן זיך אויף אויף די ביידעמער, אין קעלערס און אין די לעכער פון געוועזענע געטאָ־רואינעס. דאָס אָנגעלאָפענע יינגל האָט מען אריינגענומען אין אַ שטוב ביים רב און מען היט אים פון אַ „בייז אויג".

***

עס האָט זיך דאָ געעפנט ביי אונדז אַ ווירטשאַפטלעכע אויסשטעלונג. מען האָט זיך געריכט און עס זענען געקומען אַ סך אויסלענדישע געסט, זשורנאַליסטן און אַזוי ווייטער. יידן האָבן געמיינט, אַז מען וועט זיך שעמען (די רומענער שעמען זיך נאָך אַ ביסל: אַ סימן, זיי פאַרעפנטלעכן נישט קיין שום פאַראָרדענונג קעגן יידן, עס זאָל נישט בלייבן קיין שריפטלעכער סימן פון זייער נידערטרעכטיקייט) פאַר די געסט און מען וועט כאָטש אויף דער צייט פון דער אויסשטעלונג דערלויבן אַראָפּנעמען די געלע לאַטע.

זיי זענען אָבער, די רומענער, געפאַלן אויף אַן אַנדערן שכל, מען האָט פּראָסט פאַרבאָטן ארויסגיין די יידן פון שטוב אויף דער צייט פון דער אויסשטעלונג. האָט מען ביי אונדז צוגערויבט אויך די פּאָר שעה, וואָס מען האָט געהאַט צייט אַרויסצוגיין אין גאַס אריין.

עס איז צווישן די געסט געווען קעניג מיכאַיל. די טעג איז ער אַלט געוואָרן 21 יאָר. ער דערמאָנט שטאַרק פאָן-וויזענס „ניעדאָראָסל". ס'איז געווען די פרוי פון מאַרשאַל אַנטאָנעסקו, מאַריאַ אַנטאָנעסקו, וועלכע שפּילט איצט די ראָלע פון דער „ערשטער דאַמע" אין לאַנד. זי פאַרטרעט אומעטום איצט איר ווירדיקן מאַן, מאַרשאַל יאָן אַנטאָנעסקו. עס זענען אָנגענומען געוואָרן פאַרזיכטס-מיטלען, עס זאָל מיט די חשובע געסט חלילה גאָרנישט געשען. צוליב דעם פולשטענדיקן „קאַמופלאַזש" (פאַר־

טונקלונג אויפֿן פֿאַל פֿון א נאַכט־אָנגריף) איז אונדז אַלעמען געווען נאָך פֿינצטערער סיי אויף דער נשמה, סיי אין די אויגן.

אין דער פֿינצטערניש האָבן כוליגאַנעס געמאַכט א פּאָר אָנפֿאַלן אויף יידישע שטיבער. אָבער דאָס ווערט נישט גערעכנט. זיי האָבן עס געקאָנט טאָן אין מיטן טאָג, ביים פֿולן ליכט, עס וואָלט זיי גאָרנישט געשאַדט. עס וואָלט זיך אויף זיי קיינער נישט באַקלאָגט. עס וואָלט זיי קיינער נישט באַשטראָפֿט; יידן זענען אויסערן געזעץ. נאָר רומענער האָבן נאָך בושה. עס איז גלייכער צו ראַבירן אין דער פֿינצטערניש, אז קיינער זאָל נישט זען. ביי דער נאַכט טוט זיך עפּעס אזא אַרבעט בעסער.

דער יום־טוב איז אַריבער בשלום. אָנשטאָט ישועות אויף יידן, ווי מען האָט דערוואַרט, אז מען וועט אַראָפּנעמען די געלע צייכנס און אַזוי ווייטער, איז געקומען א נייע צרה: דאָס „יידן־פֿירטל" איז געוואָרן א פֿאַקט. מען האָט געהיימן זיך אַרויסציען פֿון די צענטראַלע גאַסן אין דעם געוועזענעם, רואינירטן געטאָ-טייל. ס'ציען זיך פֿורלעך מיט יידישן, נאָך פּאַר־בליבענעם, מישטיינס געזאָגט, האָב־און־גוטס, אין לאַנגע רייען, פֿון אויבן אַראָפּ, דורך דער „נייוועלט-גאַס", דורך דער „רוסישער גאַס", דורך דער „הערן-גאַסע", צו דער מאַראַריער, און נידעריקער. עס מאַכט שוין אויף קיינעם קיין איינדרוק נישט. צוגעוווינט. עס האָט זיך אַראָפּגעצויגן די אָרימקייט. די רייכערע, נאָך געווען אַזעלכע, האָבן זיך באַצייטנס איינ־געאָרדנט, אויסגעקויפֿט. עס זענען געווען צווישן זיי פּראַוואָסלאַוונע יידן, פּראָטעסטאַנטישע און די גרעסטע טייל — רוימיש-קאַטוילישע. די רוימיש־קאַטוילישע האָבן עס אָמבעסטן אָפּגעשניטן. די פּראַוואָסלאַוונע מיט די פּראָטעסטאַנטן האָבן דעם ווינטער צוזאַמען מיט די גייסטלעכע, וועלכע האָבן אדורכגעפֿירט זייער שמד־פּראָצעדור, געהאַט אויף זיך פּראָ־צעסן: הלמאי זיי האָבן אָפּגענאַרט די מאַכט, פֿון יידן פּלוצים געמאַכט קריסטן. די רוימיש־קאַטוילישע האָט מען נישט געטשעפּעט. עס איז זאָגט מען געווען א פֿאַרלאַנג פֿון פּויפּסט אין רוים, אז מען זאָל די ניי־צוגעקו־מענע שעפֿעלעך זיינע. נישט רירן.

א קליינינקייט. געכאַפּט געפֿלאַנטע נשמהלעך.

ס׳איז נישט קיין גרויסע גזירה אריבערצוגיין אין טשערנאָוויץ אין דעם רואינירטן קווארטאל. מיר האָבן באקומען אן ערגערן גרוס. אין טראַנסניסטריע ווארפט מען אַלעמאָל אריבער גרעסערע גרופּעס איבערן בוג צו די דייטשן און פון דאָרטן ווערן זיי ערגעץ נעלם. מען ווייסט נישט פון זיי מער גאָרנישט. און יעדער פון אונדז האָט דאָרט די נאָענטסטע.

**
*

ס. אָ. ס. — ראַטעוועט אונדזערע נשמות: אומזיסט! נישטאָ צו וועמען צו שרייען. עס וועט קיינער נישט הערן, עס רופט זיך קיינער נישט אָן. עס גייט צו גרונט א פאָלק און קיינער קומט נישט צו הילף. עס האָט זיך אדורכגעשלאָגן אהער א קארטל, געשריבן פון א רב פון ראַוואַ־רוסקאַ, אָבער דאָס קארטל איז געשריבן פון בעלזשיץ. דאָס קארטל איז געשריבן מיט לאַטיינישע בוכשטאָבן, מיט העברעאישע ווערטער, דער רב שרייבט, מען זאָל איינלייגן וועלטן, מען זאָל שרייען, מען זאָל מיטטיילן אין אַלע עקן וועלט; מען ברענגט אום א פאָלק. מען זאמלט אויף איין אָרט צענד־ליקער טויזנטער מענטשן, מען מאטערט זיי אויס מיט ארבעט, הונגער און דורשט און נאָך דעם ברענגט מען זיי אום. צו טויזנטער מיט אמאָל. מיט עלעקטרי. לויפט און שרייט! גיט איבער אין אַלע עקן, אין אַלע וועלטן, שרייבט דער רב.

וועמען איבערגעבן? ווער זאָל שרייען? ווער הערט אונדז? מיר אַליין זענען דאָ באשטימט אויף פארניכטונג. נישט היינט, איז מאָרגן.

דאָס קארטל האָבן מיר איבערגעשיקט קיין בוקארעשט.

**
*

פון טראַנסניסטריע: מיין פריינדין עספּיר אראָנאָוונא בערשטיין האָט באקומען דורך עפּעס אומבאקאנטע וועגן א צעטעלע פון פרוי דאָקטאָר שוט. אירע א חברטע פון כאַטין, וועלכע געפינט זיך איצט אין טראַנס־ניסטריע מיט א פיר-יעריק מיידעלע.

ווען די רומענער זענען אריין קיין כאַטין. האָבן זיי פארזאמלט אַלע יידן אויף א פּלאַץ און אויסגערופן: אַלע דאָקטוירים פאָראויס. שפּעטער: אַלע אדוואָקאטן פאָראויס, אינזשעניערן און אזוי די גאנצע אינטעליגענץ.

נאָך דעם האָט מען די אַלע אינטעליגענטלער ארומגערינגלט מיט מיליר־טער און דערשאָסן, דר. שוט איז געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע זענען אויפן פּלאַץ באַלד דערשאָסן געוואָרן. די פרוי מיטן קינד זענען מיט אַלע כאָטינער דעפּאָרטירט געוואָרן קיין טראַנסניסטריע. אין צעטעלע שרייבט זיך: ראַטעוועט, ס'איז ווינטער. איך גיי אָנגעטאָן אין א ווערעט־קעלע. אויסגעשניטן א לאָך, אז דער קאָפּ זאָל אדורכגיין און פארגארטלט מיט א שטריקעלע. אויף די פיס האָב איך גאָרנישט. אזוי איז אויך אָנגע־טאָן מיין קינד. מיר שלאָפן נישט ביינאכט, ווייל ס'איז אונדז קאַלט. מיר האָבן זיך נישט מיט וואָס צוצודעקן. שיקט עפּעס אָנצוטאָן, אז כ'זאָל קע־נען ארויסגיין אין דרויסן כאָטש בעטן א נדבה.

ווי אזוי אָבער שיקט מען פון דאַנען אריבער עפּעס? מיר וואָלטן גע־קאָנט שאַפן דאָ קליידונג, געלט, אָבער ווי אזוי שיקט מען עס, אז ס'איז פארבאָטן און קיינער העלפט נישט. „זיי האָבן נישט קיין רעכט אויף לעבן" דערמאָנט זיך מיר דער גרוס פון דעם באַקאַנטן רומענער. אָבער פּונקט דעם רומענער דארפן מיר איצט האָבן. מען דאַרף אים אויסזוכן און באַוועגן מיטצוהעלפן אריבערצופירן פאר יענע פאַראורטיילטע דאָרט עפּעס זיי אויפצוהאַלטן ביים לעבן.

א פּאָלק גייט אונטער: „רחמים, גאָט", דערמאָנט זיך מיר יענער אַלטער ייד פון אָנהייב געטאָ. „שרייט אין אַלע וועלטן" — שרייבט דער רב פון בעלזשיץ. און מיר זענען אַזוי אַליין, אַזוי אַליין אין אונדזער גרויסן אומגליק.

* *
*

דעצעמבער 1942.

מען האָט אַרויסגערופן די קרובים פון די אומגעבראַכטע דעמאָלט אין די ערשטע טעג, ווען די רומענער זענען אריין קיין טשערנאָוויץ, אויך פון די וועלכע מען האָט דערשאָסן נעבן קולטור־פּאַלאַץ. מען האָט זיי אַרויס־גערופן אין דער סיגוראַנצע. די סיגוראַנצע — געהיים־פּאָליציי, האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט גאָר א צעטל פון די אַלע דעמאָלט אומגעבראַכטע. ביז איצט האָט מען נישט געוווּסט, וואָס עס איז מיט די מענטשן געשען, א

חוץ די, וועלכע מען האָט געפונען דערשאָסן נעבן קולטור־פּאַלאַץ. וועגן די איבעריקע האָט מען זיך נעגאַרט, געהאַט האָפענונג, אַז מען האָט זיי אפשר אַרויסגעפירט ערגעץ אויף אַרבעט; וועגן רב מאַרק האָט מען די גאַנ־צע צייט גערעדט, אַז עס באַהאַלט אים אוים עפּעס אַ הויכער גייסטלע־כער, זיינער אַ פאַרערער... און איצט פּלוצים אַ געגנוי צעטל פון די קרו־בים פון די אומגעבראַכטע און מען שטעלט זיי אַ קשיא:

„ווו געפינט זיך דער און דער, דיין מאַן, ברודער, אָדער זון?"

„כ'ווייס נישט..."

„וואָס הייסט, דו ווייסט נישט? ער איז דאָך אומגעקומען דאָ און דאָ, אין דעם טאָג, אויף דעם און דעם אָרט..."

„יאָ, אפשר..."

„נו, טאָ שרייב אונטער, אַז דו ווייסט, אַז עס האָבן אים דערמאָרדעט די אוקראַאינער"...

מען שרייבט אונטער. אַ ברירה האָט מען.

אָבער וואָס זאָל דאָס באַדייטן? צו וואָס דאַרפן זיי דאָס? צוליב וואָס ווילן זיי זיך שאַפן דעם דאָזיקן אַליבי? זיי פּרוּוון שוין פאַרדעקן די באַ־גאַנגענע שאַנד? ס'איז דאַכט זיך אַ גוטער סימן. אַז מען הייבט אָן זאַמ־לען באַווייזן פון אומשולד, פילט מען זיך דאָך, הייסט עס, שולדיק.

***

כ'בין דורכגעגאַנגען צופעליק אַ גאַס, כ'בין נאָך דאָ נישט געווען, פאַרט אַ פרעמדע שטאָט. אין לאָדזש איז דאַכט זיך נישטאָ קיין גאַס, איך זאָל זי נישט קענען. איצט די גאַס, עפּעס אַ זייטן גאַס פון דער צעצינאַ, צום שילער-פּאַרק צו. געווען אַמאָל, זעט אויס, אַ יידישער מקום. גאָט מיינער, עס פאַרקלעמט ביים האַרץ, וואָס פאַר אַ חורבן דאָ איז. הויז נאָך הויז, שטוב נאָך שטוב, קלענערע, גרעסערע, אַלץ אין שטויב, אַלץ איין חורבן. אויסגעהאַקטע אַרויסגעריסענע טירן, פענצטער לעבער אין די ווענט, חורבות, רואינעס, פּאָגראָם.

די געוועזענע איינוווינער פון די דאָזיקע חורבות-היימען זענען שוין אפשר פון לאַנג נישטאָ, אומגעקומען אין טראַנסניסטריע. און אפשר מו־

טשען זיי זיך נאך אזוי ווי עס מוטשעט זיך נאך אונדזער אָרימער מאַקס ב.

מאַקס ב. איז אַ טאַלאַנטפולער, נאָך מער, מען זאָגט אויף אים אַ געניאַלער יינגל. אַ מאַטעמאַטיקער, עפּעס אַזעלכעס, וואָס ווערט געבוירן איין מאָל אין אַ יובל. אַן איינשטיין, זאָגן אונדזערע יידן, אין קוואַדראַט. אָבער, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל מיט אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע פּעאיקע קינדער, אויך אַ מאָדנער, אַן אין זיך פאַרשלאָסענער, מיט מאָדנע איינפאַלן, אַ „טשודאַק"...

ווען די רומענער זענען אַריינגעקומען, האָט עמיצער אָנגעוויזן אויף דעם יינגל, אַז ביי די רוסן איז ער געווען אַ גאַנצער חשוב. פאַרשטענדלעך, ער איז געווען ביי די רוסן אַ חשוב, ווייל זיי האָבן געוווּסט אָפּצושאַצן זיינע אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן. אָבער אַ יידיש קינד און אַ חשוב ביי די רוסן, דאָס איז שוין צו אַ גרויסער חטא, און מען האָט אונדזער מאַקסן פאַרשפאַרט אין תפיסה. מיט אַן אַנדערן וואָלט מען זיך אפשר נאָך ערגער באַגאַנגען, נאָר מאַקס האָט געענדיקט אַ רומענישע מיטלשולע, געווען אין רומענישן אוניווערסיטעט, מען האָט געוווּסט, געהערט וועגן אים, געהאַט אַ סך שול־חברים, וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט מיט זיין גורל.

ווען מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דער צווייטער דעפּאָרטאַציע, מען האָט אויך געזאָגט, אַז מען וועט אַרויסשיקן אַלע אַרעסטאַנטן פון דער תפיסה, האָט אַ מומע זיינע, אַ געוועזענע באַקאַנטע אַדוואָקאַטקע אין טשערנאָוויץ, וועלכע האָט נאָך איצט געהאַט אייניקע באַקאַנטשאַפטן אין די רומענישע קרייזן, באַשלאָסן, מיט דער הילף פון אירע באַקאַנטשאַפטן, דאָס יינגל פון דער טורמע אַרויסצונעמען, און עס איז איר געלונגען אים אַרויסצובאַקומען פון דער תפיסה און אַריינגעבן אין יידישן משוגעים־הויז. אַ מאָדנער איז ער געווען, פאַר אַ „טשודאַק" האָט ער געשעמט, האָט זיך דאָס איינגעגעבן...

ווי איז אָבער דער דין, אַז בעת דער דעפּאָרטאַציע האָט מען דאָס ערשטע אַרויסגענומען טאַקע די קראַנקע פון דעם משוגעים־הויז, פון

מושב־זקנים, פון דעם שפיטאָל א. א. וו. די מומע זיינע האָט זיך געוואָלט דאָס לעבן נעמען, ס׳טייטש, זי אַליין האָט אַריינגעוואָרפן דאָס יינגל אין אַזאַ אומגליק. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט די אַלטע לייט און מיט די קראַנקע, און איבערהויפּט מיט די פּסיכיש־קראַנקע וועט מען זיך נישט לאַנג צערעמאָניען... קלאַנגען אַזעלכע זענען שוין געווען. מען האָט דעם אָרימען מאַקס באַקלאָגט און באַוויינט, און... פּלוצים קומט צו זיין מומען אַריין אַ רומענישער אָפיציר, דאָ ערשט פאַר אַ פּאָר וואָכן, און גיט איבער אַ גרוס פון מאַקסן... ער לעבט מאַקס. ס׳איז שוין, אויף אַן אמת געזאָגט, איינמאָל אַ לעבן, נאָר ער לעבט.

דער אָפיציר איז מאַקסעס אַ געוועזענער חבר. ער קומט צוריק פון פראָנט. געווען ערגעץ ווייט, נאָך ניקאָלאַיעוו.

אויפן וועג, דערציילט דער אָפיציר, האָט ער באַמערקט אין פעלד ערטער, אָפּגעצוימטע מיט שטעכיקן דראָט, און אין מיטן האָבן זיך גע־דרייט מענטשן, עפּעס שאָטנס איינגעהילט אין שמאַטעס, ווי „טשוטשע־לעס״ אין פעלד. ער האָט געפרעגט וואָס דאָס איז, האָט מען אים געזאָגט, אַז דאָס זענען קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַר יידן. זייער צוג איז איינמאָל געבליבן שטיין נישט ווייט פון אַזאַ אָרט אין פעלד. זיי זענען צוליב די שניי־פאַרשיטונגען לאַנג געשטאַנען אויף איין אָרט און ער איז צוגעגאַנ־גען צו אַזאַ לאַגער. אַלס רומענישער אָפיציר האָט ער זיך באַלד צוזאַמענ־גערעדט מיט די דייטשע זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבן געהיט דעם לאַגער. „קענען אַ רומעניש פלעשל וויין, זאָגט דער אָפיציר, קאָן קיין דייטש נישט ביישטיין.״ אַלזאָ האָט ער זיך מיטן דייטשישן זשאַנדאַרם צוזאַמענגע־רעדט און גלאַט אַזוי, אויף יעדן פאַל געפרעגט, צי געפינט זיך נישט דאָ איינער מיטן נאָמען מאַקס ב. און עס איז ווירקלעך עפּעס ווי אַ נס, אַ וואונדער געשען: אין די ליסטעס פון די, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דעם דאָזיקן לאַגער, אונטערן נומער 48, האָט פיגורירט איינער מיט דעם נאָ־מען. ער האָט זיך געוואָלט זען מיט אים. ס׳איז נישט געווען אַזוי גרינג אַדורכצופירן. די מענטשן אין לאַגער זענען געלעגן אין גריבער, וועלכע זיי האָבן פאַר זיך אויסגעגראָבן. אַלס שוץ קעגן שניי און רעגן האָבן זיי ביים אַריינגאַנג אויסגעהאַנגען זייערע שמאַטעס אָנגעטועכץ... ער האָט

זיך מיט מאַקסן געזעגן אין דער זעלבער נאַכט — פאַרטאָג. יענער איז אַרויסגעקומען א האַלב נאַקעטער, א פאַרוואַקסענער, און האַלב פאַרוויר־טער. ער האָט אים קוים דערקענט, אָבער דאָס איז געווען ער, מאַקס. ער האָט מיט אים גערעדט. מאַקס האָט שטאַרק געוויינט. ער האָט אים, זאָגט דער אָפיציר, איבערגעלאָזט געלט, א פּאָר שיך, א פּאָרל וועש און אן אָנ־צוג, ער איז אָבער נישט זיכער, צי וועט מען דאָס אַלץ ביי אים נישט צו־נעמען. העלפן אים מיט מער האָט ער נישט געקענט, אַרויסנעמען אוודאי נישט...

און עס איז ווינטער, אַזאַ שווערער ווינטער!

איז דער מענטש נישט שטאַרקער פון אייזן? מאַקס ב., דאָס פאַר־פּיעשטשעטע קינד, א קינד פון איינער פון די רייכסטע פאַמיליעס אין אונדזער געגנט, טראָגט איבער אַזאַ לעבן. אָבער ווי לאַנג קען מען אַזאַ לעבן איבערטראָגן? און צי וועט מען די דאָזיקע אומגליקלעכע פון די גריבער נישט העלפן גיכער דאָס געמוטשעטע לעבן איבערצוקומען?

א לייכטער טויט איז אַמאָל בעסער פון א געמוטשעט לעבן, אָבער פון יעדן געמוטשעטן לעבן האָפט מען אַרויסצוקומען אין א בעסער לעבן, און טויט איז סוף... און דעריבער ווילן מיר פאַר מאַקסן און פאַר אַלע וואָס זענען דאָרטן, זיי זאָלן איבערהאַלטן, איבערטראָגן, פאַר יעדן פּרייז איבערטראָגן...

***

ס'איז אונדז וויסט און ביטער. און ווי וואָלטן מיר דאָס איבערגע־טראָגן ווען נישט דאָס ביסעלע יידישע אָפּטימיזם. עס שטראַלט אונדז פלוצים אַריין אַביסעלע האָפענונג, אויסגעטראַכט, צי אין דער ווירקלעכ־קייט, אַבי א שיין, א שטראַל. פלוצים הייבט מען אָן דערציילן, אַז מיר זענען נישט אַליין אין אונדזער אומגליק, מען דענקט וועגן אונדז, מען זאָרגט פאַר אונדז. אונדזערע ברידער פון אַמעריקע ווילן אונדז ראַטעווען. דער „דזשאָינט" פירט שוין אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג, מען זאָל די יידן איבערפירן פון טראַנסניסטריע קיין טראַנסיאָרדאַניע! נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר קיין ארץ ישראל. יאָ, די ערשטע וועט מען אַרויסנעמען די יידן פון טראַנסניסטריע, נאָכדעם די, וועלכע זענען פאַר־

בליבן אין דער בוקאווינע, הייסט עס אונדז, און נאכדעם די יידן פונעם רעגאט... עס זענען שוין געזאמלט געווארן אויף דעם צוועק צווישן די אמעריקאנער ברידער אונדזערע 30 מיליארד לעי... פונקט 30 מיליארד לעי, אזוי ווילן די יידן, אזא צאל אנטשפרעכט זיי, אדער אימפאנירט זיי... און ווי עפעס צו באפעסטיקן די דאזיקע ווערסיע, לאזט זיך אראפ אהער א קאמיסיע פון בוקארעשט, וועלכע שטעלט צוזאמען א צעטל פון מענטשן, וועלכע האבן זייערע קרובים אין טראנסניסטריע און וועלכע ווילן און קענען באצאלן, איינצאלן פאר זיי דריי הונדערט טויזנט לעי, פאר יעדן קרוב אין טראנסניסטריע, וועט מען זיי אויף אן אמת קענען איבערשיקן פון טראנסניסטריע קיין פאלעסטינע... אט האסטו דיר, טאקע א וואונדערבארע געשיכטע, אבער דריי הונדערט טויזנט לעי פרא קאפ? ווער פארמאגט עס. אבער עס געפינען זיך אזעלכע, וואס פארמאגן אזעלכע סומעס, און מען קאמענטירט ווייטער: די וואס קענען באצאלן די גרויסע סומעס, וועלן איינצאלן די גרויסע סומעס פאר זייערע קרובים און אויף זייער רעכענונג וועט מען שוין נעמען אויך אזעלכע, וועלכע וועלן נישט קענען איינצאלן. די איבעריקע וועלן פארן אויפן חשבון פון די געזאמלטע אין אמעריקע 30 מיליארד לעי. כען פארלירט נישט דעם בטחון. און מען רעדט וועגן די 30 מיליארד לעי אזוי לאנג, אז מען גלויבט שוין ווירקלעך אין דער אויסלייזונג און מען ווערט שוין אומגעדולדיק: וואס זשע געדויערט עס אזוי לאנג? א 200 טויזנט מענטשן זענען שוין, לויט אונדזער אויסרעכענונג, אין טראנסניסטריע אומגעקומען, א 60 טויזנט האלבע מתים מוטשען זיך נאך, דארף מען זיך איילן זיי ארויסצוכאפן, ווו זשע איז די הילף!?

און דערווייל איז איבער אונדזערע קעפ אויסגעגאנגען די שרעקלעכע ליטווישע קללה: „עס זאל ביי דיר אין שטוב קיין פייער און קיין מיסט נישט זיין".

***

מיר באקומען ידיעות פון צוויי קוועל*: דורך דעם י. וו. א. — יידן ווילן אזוי, און י. פ. א. — יידישע פליאטקע־אגענטור.

י. וו. א. גיט פראנט-ידיעות.

עס טרעפט א ייד א יידן: „וואס הערט זיך עפעס נייעס?"

„ס'איז טוב, טוב!..."

„וואס הייסט עפעס טוב, טוב? וואס נעמלעך?"

„מען באגראבט די דייטשן, אז עס גייט א רויך. מען האט אים שוין אפגעשטויסן, דעם אשכנזי, אויף טויזנטער קילאמעטער. צוגענומען קריגס־מאטעריאל, הונדערטער טויזנטער עראפלאנען, פאנצער־שיפן..."

„גוט", זאגט דער צווייטער, דער אייביקער צווייפלער, „עס גייט שוין אזוי לאנג „טוב, טוב", רופט מיר אן איין ארט, איין וויכטיקן נא־מען, א ראסטאוו, א כארקאוו, וועלכעס מען האט שוין צוריקגענומען..."

„וואס רעדט איר, ייד? אין ראסטאוו און אין כארקאוו גייען שוין גאסן־קאמפן..."

און דער צווייפלער איז בארואיקט: גאסן־קאמפן איז פאר אים אן ענין, דאס פארשטייט ער.

די י. פ. א. פארנעמט זיך מיט אינערלעכע ענינים און איז אין שטענ־דיקן אנגסט, אין שטענדיקער מורא, זאגט אלעמאל אן נייע דעפארטא־ציעס, און נייע גזירות.

„אין בוקארעשט איז געווען א פאניק", גיט איבער די י. פ. א., „דער דייטשישער פארשטייער, פרייהער פאן קילינגער, האט אין נאמען פון זיין פירער, פון היטלערן, געפאדערט ביים מארשאל אנטאנעסקו, ער זאל שיקן אויפן פראנט נאך סאלדאטן, אפגעבן פאר דייטשלאנד 80 פרא־צענט פון דער תבואה און ענדגילטיק דערליידיקן מיט די יידן..."

אונדז אינטערעסירט דער לעצטער פונקט און מען טייטשט אים נאך אוים אזוי, אז מען זאל די יידן ארויסשיקן קיין פוילן... אבער דער יידי־שער אפטימיזם לאזט נישט צו אזא געדאנק און מען גיט באלד צו: „אויף די ערשטע צוויי פונקטן איז אנטאנעסקו איינגעגאנגען און אויפן לעצטן נישט: מיט זיינע יידן, וועט ער זיך אליין אן עצה געבן, זאגט אנטאנעסקו.

וואס זשע טוט דער דייטש? איז כדי צו האלטן דעם מארשאל אין שאך, האט מען אריבערגעבראכט קיין בוקארעשט דעם ראש פון די גאר־

דיסטן (קעגנער פון אנטאָנעסקו) הארא סים מיט זיין גאנצער קאָמפּאַניע און זיי האָבן דאָס אָנגעהויבן צו הוליען...

אויך א סך ס. ס.־לייט זענען איצט אראָפּגעקומען קיין בוקארעשט.

דאָס זענען שוין נישט גלאַט קיין י. פּ. א.־ידיעות. דאָס דערציילן שוין, ווי פאַקטן, יידן, וואָס לויפן איצט פון בוקארעשט אהער... יידן גייען איצט אין בוקארעשט נישט ארויס פון די שטיבער, מען ריכט זיך אויף א פּאָגראָם...

איבער גאַנץ בוקארעשט זענען פארשפּרייט געוואָרן פלוג־בלעטלעך: „נידער מיט אנטאָנעסקו, נידער מיט דער מלחמה!"

דער פרייהער פאָן קילינגער זאָל האָבן פארזיכערט, אז די דאָזיקע פלוג־בלעטלעך האָבן ארויסגעלאָזט די יידן, א סימן: זאָל מען מאַכן רע־וויזיעס אין די יידישע שטיבער און אין די יידישע בתי מדרשים, וועט מען זיך איבערצייגן, אז די פלוג־בלעטלעך שטאַמען פון די יידישע שטיבער.

אָבער מען האָט פאַראָרדנט א רעוויזיע קודם־כל אין דער דרוקעריי פון „בוקארעשטער טאַגעבלאַט" און דאָרט האָט מען געפונען נאָך נישט קיין ארויסגעשיקטע פלוג־בלעטלעך און די קלישעס...

צוליב אָט דעם סקאַנדאַל זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דער רעדאַק־טאָר פון דער צייטונג און זיין פרוי...

דעם נעקראָלאָג פון דער פרוי האָבן מיר אין דער צייטונג ווירקלעך געזען.

איז הייסט עס די י. פּ. א. אויך נישט ארויסצוװארפן, זי ווייסט עפּעס.

ס'איז אָבער סימפּטאָמאַטיש: פארוואָס האָט זיך איצט די דייטשישע פּראָוואָקאַציע נישט איינגעגעבן? פריער מיט א יאָר וואָלט מען נישט געוואָלט אנטדעקן, פון וואַנעט עס נעמט זיך דער אמת, פארוואָס זשע איצט?

צו די ווייַנאַכטן האָט איינער פון די הויכע גייסטלעכע צוגעשיקט צו דער יידישער געמיינדע 10 טויזנט לעי פאַר די יידן, וואָס זענען אַנט־לאָפן פון פּוילן, מיט א בריוו און ווונטש, אז עס זאָל איינגיכן א סוף נעמען

צו אַלעמענס לייהן און בפרט צו די יידישע צרות.

דאָס איז אַן אויטענטישער פּאַקט.

**
*

אין יידישן שפּיטאָל האָט מען געבראַכט פון דער תפיסה 4 יוגנט־לעכע יידישע קינדער פון פּוילן. אַלע 4 האָבן זיך פּאַרסמט, האָט מען זיי געבראַכט פון תפיסה אין שפּיטאָל אַריין. זיי זענען אַנטלאָפן פון די דייטשישע אַקציעס פון האַראַדענקאַ און סניאַטין. מען האָט זיי געכאַפּט, אַריינגעזעצט אין טורמע און געזאָגט, אַז מען וועט זיי גאָרנישט טאָן, מען וועט זיי נאָר צוריקשטעלן צוריק אַריבער דער גרענעץ צו די דייטשן, האָבן זיי זיך ערגעץ געשאַפּט סם און זיך פּאַרסמט. פיר קינדער כמעט; יאַנקעלע און צירעלע שטאַדלער: זי 17 און ער 19 יאָר, אַ שוועסטער מיט אַ ברודער און ברעסלער און מעלצער פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר. מען האָט זיך אין שפּיטאָל די גרעסטע מי געגעבן און די קינדער פון טויט אַרויסגעצויגן.

כ׳האָב גערעדט מיט זיי. כ׳האָב זיי געפרעגט, פאַרוואָס זיי האָבן באַשלאָסן זיך דאָס לעבן צו נעמען, דאָס האָבן זיי דאָך נישט געקענט פאַרשפּעטיקן — שטאַרבן איז דאָך נאָך געווען צייט, און אַ חוץ דעם, פאַרוואָס עפּעס צוליב טאָן דעם שונא? איך האָב זיי דערציילט, ווי די דייטשן האָבן אין לאָדזש געהאַט טענות צו די יידן, הלמאי זיי באַגייען נישט קיין זעלבסטמאָרד?... מען דאַרף זיך באַמיען צו לעבן, צו דערלעבן די מפּלה פונעם שונא....

יענע הערן אויס און זאָגן: מען דאַרף זיין איין מאָל אין די נעגל ביי די דייטשן, מען זאָל וויסן, אַז נאָכאַמאָל דאַרף מען צו זיי נישט אַריינפאַלן: עס האָט דאָרט געוואַרט אויף זיי אַ געמוטשעטער טויט; האָבן זיי זיך, ווייל עס איז נאָך געווען צייט, אויסגעוויילט אַ לייכטערן וועג אויף יענער וועלט.

ביים אַרויסגיין פון דער פּאַלאַטע, פון די פיר, שטייט אַ יידענע און זאָגט צו מיר:

— נישט צו אַלע דאַרף מען זיך באַציען גלייך, אַ טייל פון די, וועל־

כע קומען אריבער פון יענער זייט, פארדינען נישט קיין מיטלייד...

זי דערציילט וועגן איינעם, וואס האט, א שטייגער, געוווסט, אז עס גרייט זיך אן אקציע ביי זיי אין שטעטל און האט וועגן דעם קיינעם נישט מיטגעטיילט. ער האט געארבעט אין פאסט, דער פאסט-נאטשאלניק האט אים, אין סוד פארשטייט זיך, אויסגעזאגט, אז עס גרייט זיך אן „אקציע" אויף יידן און אז ער זאל זיך ראטעווען. און דער יונגערמאן האט דעם סוד געהאלטן. אין דעם פאל איז שוין דער פאסט-נאטשאלניק געווען מער מענטשלעך פון דעם יונגנמאן: יענער האט דעם סוד אויסגעגעבן...

איך האלט, אז דאס בעסטע איז אזא זאך אויפצוקלערן. ארומגיין און רעדן אין די ווינקעלעך, ארויסרוקן גלאט אזוי א באשולדיקונג קעגן א מענטש איז איצט נישט קיין צייט. און איך פויל מיך נישט, און גיי גלייך צו צו דעם בחור, קעגן וועלכן מען שטעלט ארויס די טענה און שטעל אים דירעקט די פראגע: צי איז עס אמת? דער בחור ווערט אנגעצונדן; נישט אמת, אז ער האט געהאלטן סוד, פונקט קאפויער, ער האט אלעמען אנגעזאגט, אלעמען מיטגעטיילט, וואס דער נאטשאלניק האט אים געזאגט, נאר טייל האבן נישט געגלויבט, א טייל האבן זיך קיין עצה נישט געקאנט געבן, אפילו ווען זיי האבן געוווסט, מען האט זיך נישט געקענט העלפן. דאס געטא איז געווען ארומגעצוימט, ארומגערינגלט. א סימן: ווו זענען זיינע אייגענע עלטערן, זיינע ברידער און שוועסטער? פאר זיי האט ער דאך דעם סוד נישט געהאלטן? אויך ער האט זיך צופעליק געראטעוועט. עס האט געברענט דאס געטא, ארום דעם פייער איז געשטאנען א קארדאן מיט ס.ס.-לייט און געשאסן אין יעדן, וואס האט זיך פונעם פייער געוואלט ארויסבאקומען. אין א געוויסן מאמענט האבן זיך מיט אמאל ארויסגעלאזט עטלעכע צענדליק מענטשן. מען האט זיי נאכגעשאסן. אייניקע זענען באלד געפאלן, אייניקע איז עס געלונגען אדורכצורייסן דעם קארדאן און צו אנטלויפן.

X

אַ נײַ יאָר

יאַנואַר 1943.

מען האָט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק „קאַנטשענטרירט" (מאָביליזירט) עטלעכע יידישע דאָקטוירים און זיי אַרויסגעשיקט אויף אַרבעט קיין טראַנסניסטריע. איצט זענען זיי צוריקגעקומען. זיי זענען געווען אין שטעטלעך נעבן אָדעס, אין בעריאָזאָווקע, אָווידיאָווקע און אין אָדעס אַליין. די דאָזיקע געגנט, די געוועזענע „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי" (תחום המושב), איז פֿאַר דער מלחמה געווען פֿול מיט יידן און איצט זענען די אַלע שטעט און שטעטלעך און אויך אָדעס „יידנריין".

„עס וויינען די שטיינער", זאָגן די דאָקטוירים, אַזעלכע אכזריות, אַזעלכע שחיטות זענען דאָרטן פֿאָרגעקומען.

***

זונטיק אינדערפֿרי, אַרום 11 אַ זייגער, האָט די פּאָליציי פּלוצים אָפּגעשפּאַרט אַלע גאַסן, פֿאַרהאַלטן אַלע יידן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין דער צייט אויף דער גאַס און זיי אָפּגעפֿירט אין פּאָליציי־באַצירק. דאָרטן האָט מען זיי פֿאַרהערט, צוזאַמענגעשטעלט אַ „פּראָטשעס ווערבאַל" (פּראָטאָקאָל) וועגן דעם, אַז מען האָט זיי געכאַפּט אויף דער גאַס אין די גישט־דערלויבטע שעהן.

פארוואס עפעס „נישט־דערלויבטע שעהן"? עס איז דאָך דערלויבט צו גיין פון 10 ביז 12, אפילו ביז איינס. איז די מעשה, אז פון 10 ביז 12 קאָן מען גיין איינקויפן אָדער אויף ארבעט אין די וואָכן־טעג, אָבער „וואָס האָט איר צו טאָן אויף דער גאס זונטיק?"

— איז דען געווען א פאראָרדענונג, אז מען טאָר זונטיק נישט ארויסגיין?

— און אנדערע פאראָרדענונגען זענען דען, שריפטלעך, יאָ געווען?... אלזאָ, ווייסן מיר שוין, אז זונטיק טאָרן מיר נישט ארויסגיין.

***

די פארהאלטענע האָט מען אָפגעהאלטן ביז שפעט ביינאכט. ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, וואָס די בני בית זייערע האָבן איבערגעלעבט דערביי. נאָך דעם האָט מען זיי ארויסגעלאָזט, אָבער פאר זייער „פאר־ברעכן", וואָס זיי האָבן זיך געפונען אין גאס אין די „נישט־דערלויבטע שעהן", האָבן זיי געדארפט אָפּארבעטן עטלעכע טעג ביים רייניקן די טיפע שנייען אויף די שאָסייען און אין די גאסן.

נישט שרעקלעך, אבי נישט עפעס ערגערס.

***

צווישן די דעפּאָרטירטע דעם זומער פון טשערנאָוויץ האָט זיך געפונען דאָס פוילישע פּאָרפאָלק געלטנער, מיט דריי קינדער. די געלטנערס האָבן געוווינט אין טשערנאָוויץ שוין לאנגע יאָרן. אָבער אויף א פוילישן פּאס.

נאָך דער געטאָ האָבן זיי באקומען א טשילענישן דאָקומענט. דער טשילענישער פּאס האָט זיי אָבער נישט באוואָרנט קעגן דעפּאָרטאציע. דער דאָזיקער טראנספּאָרט איז אריבערגעפירט געוואָרן ביז איבערן בוג צו די דייטשן און דאָס פּאָרפאָלק געלטנער מיט די דריי קינדערלעך צווישן זיי.

און נעכטן איז דאָס פּאָרפאָלק געלטנער צוריקגעקומען אָן די קינדער. די קינדער זענען דאָרטן אומגעקומען. זיי אליין זענען צוריקגעקומען צו פוס.

זיי האבן באשטעטיקט דעם קלאנג, וועלכן מיר האבן נישט געקאנט, נישט געוואלט גלויבן, אז דארטן דערשיסט מען די נישט-פעאיקע צו ארבעט: די קינדער און די אלטע. ביי זיי האט מען דערשאסן די קינדער. זיי זענען אינדערפרי אוועק צו דער ארבעט. די קינדער זענען געבליבן אין באראק. ווען זיי זענען צוריקגעקומען, זענען אלע, וואס זענען געבליבן אין באראק אינדערפרי, קינדער, עלטערע, קראנקע און שוואכע, וועלכע זענען אינדערפרי צו דער ארבעט נישט ארויסגעגאנגען, געווען ליקווידירט. דערשאסן און שוין ארויסגעפירט.

די געלטנערס דערציילן, דערציילן, דערציילן...

ווי גיט מען דאס אלץ איבער מיט ווערטער?

***

אין ראדאאוץ, איצט א „יידנריין" בוקאווינער שטעטל, איז איינעם א רומענער איינגעפאלן אפצוקויפן ביי דער „פרימאריא" (מאגיסטראט) דאס גאנצע „פאפיר", וואס איז געבליבן נאך די דעפארטירטע יידן. ער האט דער פרימאריא באצאלט דרייסיק טויזנט לעי. שפעטער האט ער ארגאניזירט גרופקעלעך שקאצימלעך, וועלכע זענען ארומגעגאנגען אין די געוועזענע יידישע שטיבער און צוזאמענגענומען די פארבליבענע יידישע ביכער, ביבליאטעקן, ספרים, דאקומענטן. דער גוי איז שוין דווקא נישט געווען קיין שלעכטער סוחר און אויך נישט קיין נאר, ער האט זיך באמיט און ארויסגעשלעפט פון ערגעץ א ייד, וואס פארשטייט זיך אויף די שווארצע פינטעלעך. דער ייד האט אפגעקליבן צווישן דעם בארג פאפיר פארשידענע ווערט-זאכן און ספעציעל זעקס זעלטענע ספרים, וועלכע דער גוי האט פארגעלייגט דער יידישער קולטוס-געמיינדע פון בוקארעשט פאר א האלבן מיליאן לעי.

עס וואלגערן זיך אונטער די פיס גאנצע הויפנס פאפירן פון אונדזערע נייע און אלטע קולטור-אוצרות.

***

25. פעברואר.

ס'איז געלונגען אויסצופועלן ביי דער מאכט, אז די יידן וואָס זענען איצט אָנגעקומען אהער פון פוילן, ראטעווענדיק זיך פון די דייטשע „אקציעס", זאָלן דאָ לעגאליזירט ווערן און נישט אַריבערגעשטעלט ווערן צוריק איבער דער גרעניץ. זיי האָבן געזאָלט באקומען די טשילענישע פּעסער, אזוי ווי די פּוילישע יידן, וואָס געפינען זיך דאָ פון פריער. א גדולה: כאָטש עטלעכע צענדליק אָפּגעראטעוועטע וועלן זיך נישט דארפן מוטשען, ליגן אויסבאהאלטן אויף די בוידעמס, אין קעלערס, אין די רואינעס פון דעם געוועזענעם געטאָ, נאקעט און באָרוועס. און ס'איז ווינטער. די אַבלאָוועס אויף זיי, דאָס כאפעניש, דאָס לויערן אויף זיי נאָך דעם וואָס זיי האָבן שוין איבערגעלעבט. אלזאָ, צו דעם אלעמען זאָל שוין א סוף נעמען.

דער פאָרשטייער פון טשילענישן קאָנסולאט אין טשערנאָוויץ, אדוואָקאט שימאנאָוויטש, וווינט שוין לאנגע יאָרן אין טשערנאָוויץ און קען זיך שוין גוט אוים אויף די רומענישע מנהגים. ער האָט געפונען פאר נויטיק, איידער ער איז אוועקגעפאָרן קיין בוקארעשט, צו דערליידיקן די פאָרמאליטעטן פון דער לעגאליזאציע פאר די אומלעגאלע, אויסצופועלן אַז אוידיענץ ביים „גאָווערנער" קאלאטעסקו. ער האָט געוואָלט זיך פארזיכערן, אז אין זיין אָפּוועזנהייט וועט דערוויילֿ גאָרנישט געשען מיט „זיינע" פּראָטעזשירטע. דאָ האָט מען אים פארזיכערט, אז אלץ וועט זיין אין בעסטן אָרדענונג, ער מעג רואיק אוועקפאָרן.

שימאנאָוויטש האָט געזאָלט אוועקפאָרן מיטן צוג, וואָס גייט קיין בוקארעשט פארטאָג. ער האָט אָבער פארשפעטיקט דעם צוג און צוועלף אזייגער איז מען געקומען צו לויפן און מען האָט אים געזאָגט, אז פון דער תפיסה, וווּ עס האָבן זיך געפונען עטלעכע און דרייסיק פארהאלטענע פון די אנטלאָפענע פון יענער זייט, האָט מען ארויסגעפירט מענטשן. מען האָט פאר דער תפיסה אוועקגעשטעלט לאסט־אויטאָס, ארומגערינגלט מיט זשאנדארן, אריינגעוואָרפן אין די אויטאָס די מענטשן און געיאָגט אין דער ריכטונג פון סניאטין.

דאָקטאָר שימאנאָוויטש מיט נאָך אייניקע פאָרשטייער פון פוילישן קאָמיטעט זענען אוועק צום „גאָווערנער". דאָרט האָט מען זיי, פארשטייט

זיך, נישט אויפגענומען. זענען זיי אוועק צום „פרעטאר" קאזשוקאר. דער האט זיי יאָ אויפגענומען און געזאָגט: ס'איז א ליגן, די מענטשן האָט מען נישט גערירט. און אין א שעה ארום איז שוין געווען געגוי באוווסט, אז מען האט ארויסגעפירט צו דער גרענעץ 38 מענטשן, 29 יידישע מע־נער, פרויען און 2 קינדער צו 3 און 5 יאָר בתוכם און 9 קריסטן — פאָ־ליאקן, וועלכע זענען אויך געהאט אנטלאָפן אויף דער זייט. אויפן צווייטן טאָג האָט מען שוין געוווסט, אז די פרוי, די מאמע פון די צוויי קינדער, האָט זיך אויפן וועג געסמטט. מען האָט זי א לעבעדיקע נישט דערפירט. און די איבעריקע... א סערזשאנט, וועלכער האָט באגלייט דעם לאסט־אויטאָ, איז צוריקגעקומען און האָט דערציילט, אז ער ווינטשט זיך ניי־בער דעם טויט, איידער צו זען נאָכאמאָל דאָס וואָס ער האָט געזען, דאָס וואָס מען האָט מיט די מענטשן אָפּגעטאָן.

1. מערץ.

אין אונדזער צייט, ווען פון גאנצע שטעט, ווען פון אלע יידן אין פוילן איז שוין אפשר קיינער נישטאָ, וואָס פאר א ראָלע שפּילן נאָך עט־לעכע צענדליק נפשות?... נאָך עטלעכע צענדליק יידן, וועלכע מען האָט נאָר וואָס אריבערגעשיקט אויף יענער זייט, אויף טויט? אזוי פארשטייען זיי נישט, די גויים, אונדזער ספּעציעלן אומעט, אונדזער צער, צוליב דעם געשעענעם, צוליב די ארויסגעשיקטע 29 יידן. מיר ווייסן שוין די פּרטים. די 9 קריסטן האָט מען ערגעץ אוועקגעשיקט. די יידן האָט מען געמוטשעט, געמאטערט. די צוריקגעקומענע רומענער, אויך נישט קיין מענטשן מיט ווייכע הערצער, האָבן דערציילט, אז מען האָט זיי אויפגעשניטן די בייַ־כער, איינעם אין די אויגן פון אנדערע און געלאָזט ליגן, זיי זאָלן זיך מוטשען, אויסגיין אין ווייטיקן.

דאָס האָבן געטאָן דייטשן.

***

א נייע פאראָרדענונג, פארשטייט זיך, ווי שטענדיק, „אין דער שטיל". די געלע אָפּצייכנס, וועלכע די יידן טראָגן און וועלכע מען האָט

פריער געמעגט האָבן צוגעשפיליעט מיט א שפילקע אָדער זיכער-נאָדל, מוזן איצט זיין פעסט צוגענייט מיט אלע זעקס שפיצן צום קלייד. דערביי נישט נאָר צום אייבערשטן, נאָר צו יעדן אנצוג וואָס מען האָט געטראָגן, צו יעדן קלייד, אזוי אז ווען מען ווארפט אראָפ דעם מאנטל, זאָל מען נישט בלייבן, חלילה, נישט־אָפגעצייכנט. מילא, האָט מען זיך פעסט אָנגענייט אויף אלע קליידער די געלע שטערנס. פאלט איין אונדזערע שטאָט־פאר־זאָרגערס, דעם פרעזידיום פון דער קולטוס־געמיינדע, דר. פליטער, שאט־נער און פעקלער זיך צו ווענדן צו דער מאכט מיט א ספּעציעלער בקשה: זיי אויסצוטיילן פון עמך און דערלויבן זיי אינגאנצן אראָפּצונעמען די געלע אָפּצייכנס.

די דאָזיקע בקשה קען זיך דערקלערן דערמיט וואָס ביז אהער, אז עמיצער פון די דאָזיקע הערן האָט געהאט צו דערליידיקן אין עפּעס אַן אמט אַן ענין, האָט ער פאר דער טיר געקענט אָפּשפּיליען דעם צייכן און זיין מיט לייטן גלייך. איצט אָבער, אז דער צייכן האָט גע־מוזט זיין א צוגענייטער מיט אלע זעקס שפיצן, איז אפשר וועט מען זיי אויסטיילן פון כלל־ישראל. דאָס זענען דאָך געווען אייגנטלעך מענטשן באַשטימטע פון דער מאכט.

דערויף האָבן זיי באַקומען אַן ענטפער: כדי צו קענען אויסטיילן די פרעזידיום־מיטגלידער פון דער יידישער קולטוס־געמיינדע פון די איבע־ריקע יידן, וועלן זיי פון היינט און ווייטער טראָגן דעם צייכן אנדערש, ווי אלע יידן: דאָס הייסט, זיי וועלן דארפן טראָגן נישט איינעם, נאָר צוויי געלע אָפּצייכנס, פעסט־אָנגענייטע אויףביידע לאצן פון מלבוש.

עס האָט די גאנצע שטאָט זיך געוויגט פאר געלעכטער. אז ווי איז צו אונדזער געלעכטער! און איצט האָבן זיי געמוזט אָנווענדן פראָטעקציע און מי, אז מען זאָל אָפּווענדן פון זיי די נייע גזירה.

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט האָט מארינעסקו געזאָגט פליטערן, אין דער קעגנוואַרט פון טראיאן פּאָפּאָוויטש, אז ביזן 27סטן מערץ וועט מען סיי ווי ארויסשיקן דאָס ביסל יידן פון טשערנאָוויץ, איז וואָס פאר

א ראָלע שפּילט עס, צי אין געלער אָפּצייכן, צי צװײ — אױף בײדע זײטן?...

גײט די שטאָט װידער כּאַדראַם: מען דאַרף זיך אױסבאַהאַלטן. און מען בױט אומעטום „סכראָנעס". די פּױלישע האָבן שױן דערפאַרונג און גיבן עצות. זײ גראָבן זיך און אונדז אײַן, בוכשטעבלעך, ניין אײלן אין דר'ערד... עס װאַקסן פרישע בערגעלעך ערד אין די גאָרטנס. דאָס איז די ערד, װאָס מען גראָבט אױס אין די קעלערס און אין די שטיבער, אין דער אונטערערד אַרײַן. די אַרױסגעגראָבענע ערד באַמיִען מיר זיך אַרױס־צושיטן אין די גאָרטנס און פאַרטאָפּטשען מיט די פיס, אַז מען זאָל נישט דערקענען...

22. מאַי.

כ'קום פון שפּיטאָל. צװײ חדשים בין איך געלעגן קראַנק. און נאָך איצט גײ איך אײַנגעשרומפּן אין דרײַען װי אַן אַלטע, אַלטע באָבעצי. פונעם שלאָפן אין נישט געהײצטן צימער, פון פאַרברענגען אין פאַרשי־דענע נאָסע, קאַלטע לעכער, האָב איך זיך פאַרקילט און געכאַפּט א שװערן אישיאַס נישט אַראָפּצושטעלן א פוס. נישט גײן, נישט שטײן, נישט ליגן. און אפילו איצט, װען איך בין שױן כּלומרשט געזונט, קאָן איך מיך נישט אױפהײבן און נישט אױועקזעצן. כ'מאָר נישט בײטן קײן פּאָזיציע. האַלט איך בײ זיצן, דאַרף איך זיצן — נישט פּרוּװן זיך אױפשטעלן; שטײ איך — דאַרף איך שטײן, נישט פּרוּװן זיך אַװעקזעצן. בײ יעדן פּרוּװ צו בײטן די פּאָזיציע טוט מיך א נעם דורך א װײטיק, א שטאָך. אַז איך באַװײַז נישט אונטערצודריקן דעם קװיטש, עפּעס א נישט־צענזורירטער קװיטש, װאָס פּאַסט עפּעס נישט פאַר מײַן בכּבֿודיקײט. עפּעס א שיקסעדיקער קװיטש. ס'איז פאַר װײטיק. מען זאָגט, אַז עס װעט אַריבער. עס גײט צו זומער. איך האָף, אַז עס װעט זײַן אַזױ.

דעם 26סטן מערץ בין איך געקומען אין שפּיטאָל אַרײַן. דעם דאָזיקן טאָג, די דאָזיקע דאַטע װעל איך שױן באַשטימט אין מײַן לעבן נישט פאַרגעסן. און נישט דערפאַר װאָס איך אַלײן בין געקומען אין שפּיטאָל א

חרוב-קראנקע. נאָר צוליב דעם, וואָס אין שפּיטאָל גופא, איז אין דעם טאָג פאַרגעקומען עפּעס אויסטערלישעס. ארום פינף אזייגער פארטאָג פון 26סטן מערץ זענען צום שפּיטאָל צוגעפאָרן עטלעכע לאַסט-אויטאָס מיט ארעסטירטע, ארומגערינגלט מיט פּאָליציי און זשאנדארמעריע. אייניקע פון די ארעסטאנטן, פרויען און מענער, האָבן שרעקלעך געשריגן און גע-ליאַרעמט. כמעט אלע זענען געווען געשמידט אין קייטן. דאָס אלץ האָט מען פון שפּיטאָל נישט באלד דערזען, צוליבן קאמופלאזש און ס'איז נאָך געווען פינצטערלעך אין דרויסן. מען האָט נאָר געהערט די געשרייען און דאָס צופאָרן פון די אויטאָס. באלד האָט מען דערהערט האסטיק קלאפּן אין טויער. דערנאָך שווערע טריט אויף די טרעפּ און אין די פּאלאטעס זענען אריין עטלעכע פּאָליציאנטן און זשאנדארן און פארפולט אלע פּא-לאטעס פון שפּיטאָל. זיי האָבן געהאט א צעטל מיט 11 נעמען פון די פּוילישע, וועלכע האָבן זיך דאָ געפונען. מען איז געקומען נאָך זיי, ווייל מען האָט באשלאָסן זיי, צוזאמען מיט די 20 וועלכע האָבן זיך אין דער צייט זוידער געהאט אָנגעזאמלט אין דער תפיסה, איבערצושיקן קיין סניאטין, ווי יענע 29.

מען האָט אונדז שפּעטער געזאָגט, אז די דאָזיקע צווייטע „אקציע” איז געשטאנען אין צוזאמענהאנג מיט א ראדיאָ-מעלדונג פון לאָנדאָן. די לאָנדאָנער ראדיאָ זאָל האָבן איבערגעגעבן דעם פאקט מיט יענע 29 אומ-גליקלעכע און מען זאָל האָבן אָנגעזאָגט דעם גאווערנאר קאלאטעסקו. אז מען וועט עס אים נישט פארשוויגן. און „אויב מען וועט עס געדענקען — האָבן באשלאָסן קאלאטעסקו און מארינעסקו — זאָל מען שוין גע-דענקען עפּעס נאָך...”

וואָס דאָס האָט באטייט צוריקגעשטעלט צו ווערן צו דער געשטאפּאָ קיין סניאטין, האָבן שוין אלע געוווסט. און ס'האָט זיך אָנגעהויבן. ווער וויל דען גיין צו א געמוטשעטן טויט? געשרייען, געוואלדן, געוויין און אמפּערייען מיט די פּאָליציאנטן, וועלכע האָבן געשלעפּט, געשלאָגן און געשמידט אין קייטן. די אומגליקלעכע האָבן הינטער די פּלייצעס פון די פּאָליציאנטן, ווער עס האָט נאָר באוויזן, אויסגעטרונקען סם. זיי האָבן געהאט אויף אזא פאל צוגעגרייט; אייניקע האָבן זיך איבערגעשניטן די

אָדערן פון די הענט. די דאָקטוירים און די שוועסטער זענען צערוסן גע־וואָרן פאַר ווייטיק און האָבן נישט געוווסט וואָס פריער אָנצוהייבן: צי מינטערן די פאַרחלשטע, צי ראַטעווען די פאַרסמטע, צי איבערבינדן די ווונדן ביי די וואָס האָבן זיך איבערגעשניטן די אָדערן, צי איינוויקלען אין קאָלדרעס די, וועלכע מען האָט שוין אַראָפּגעטראָגן אין טראָג־בעטלעך צו די אויטאָס, די איינגעשלאָפענע פאַרסמטע. די פּאָליציאַנטן האָבן געהאַט אַ באַפעל: טויט אָדער לעבעדיק — נעמען די מענטשן און זיי אַריבער־שטעלן קיין סניאַטין. די געשרייען פון די, וועלכע האָבן נאָך געקאָנט שרייען, זענען געגאַנגען ביז אונטערן הימל. מען האָט די געבונדענע, די געשמידטע אין קייטן, אַרויפגעוואָרפן אויף די אויטאָס און מיטן גאַנצן אימפּעט זיך געלאָזט קיין סניאַטין.

דאָס איז געווען צווישן 5 און זעקס אַזייגער פאַרטאָג, דעם 26סטן מערץ. און אַכט אַזייגער אינדערפרי, אין דעם זעלבן אומגליקלעכן טאָג, האָט מען מיך אין מיינע צרות אַריינגעבראַכט אין שפּיטאָל אַריין.

דינה רויטמאַן — אַ שוועסטער אין שפּיטאָל, מיט וועלכער עס בינדט מיך אַ לאַנג־יעריקע גוט־פריינטשאַפט, האָט מיך אויפגענומען אַ דער־שלאָגענע, אַ צעבראָכענע, אַ פאַרוויינטע. זי האָט מיר אין קורצע, אָפּגע־האַקטע ווערטער, דורך טרערן דערציילט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. דער נאָך האָט זי מיך אַריינגעפירט צום דאָקטאָר בערגער. דער ליבער דאָקטאָר בערגער, וועלכער האָט מיך אַזוי מיטפילנדיק און האַרציק באַהאַנדלט ביז אַהער, איז איצט געווען ווי פאַרשטאַרט. ער האָט זיך קוים אומגעקוקט אויף מיר. אויסגעשריבן אַ צעטל, אַז איך זאָל דאָ בלייבן און פאַרגעסן אָן מיר. איך אַליין האָב שוין אויך כמעט פאַרגעסן אָן מיינע ווייטיקן. איך האָב זיך נאָר נישט געקאָנט אויפהייבן. זיך נישט געקאָנט רירן. מען האָט מיך אַרויפגעשלעפּט אויפן צווייטן שטאָק, אין אַ פּאַלאַטע. עס זאָגט זיך נאָר „פּאַלאַטע". דאָס שפּיטאָל איז שוין נישט געווען דאָס אייגנט־לעכע יידישע שפּיטאָל. דאָס יידישע שפּיטאָל האָט מען צוגענומען פאַר מיליטער צוועקן. דאָס איצטיקע שפּיטאָל איז געווען אַ פּראָסט וווין־הויז אויף סטעפּאַניע־גאַס נומער 5. אַלזאָ, „אַ פּאַלאַטע", דאָס איז אַ צימער,

זוו עס זענען געשטאנען 5 בעטלעך. מען האט מיר אנגעוויזן אויף איין בעטל, וואס איז נישט לאנג באפרייט געווארן און מען האט מיך איבער־געלאזט. עס איז געווען דער אומגליקלעכער טאג. ווייל געוועגלעך, אז מען נעמט אויף א קראנקן אין שפיטאל — טוט מען אים אויס, מען באדט אים אויס, מען מאכט אים א בעט און מען לייגט אים אין בעט אריין און עס הייבט זיך אן א קראנקן־געשיכטע. אבער היינט, ווער האט עס עפעס אין זינען געהאט? ווען בין איך מיט מיינע ווייטיקן אנגעגאנגען? מיך אליין — דאכט זיך אויך נישט.

איך קוק זיך ארום: דאס בעט, אויף וועלכן איך זיץ — איז אין דער גרעסטער אומארדענונג. די קישן, די ליילעכער, די קאלדרע — איין קנויל. און נאך עפעס זאכן אין בעט. אויפן טישעלע נעבן בעט — א יידיש ביכל. מענדעלע מוכר ספרים. און א רומעניש אנפאנג-בוך. א פאר פלעשעלעך. אין אפענעם שופלאדל — איינגעקנוילט א נאכט־העמד און נאך א פאר קלייניקייטן פון ווייבערישן טואלעט. ס'איז האלב פינצטער אין מיין זייט צימער. ס'איז ווייט צום פענצטער און עפעס א גאנצער געבוי איבער איין בעט. — עס ליגט עפעס א פרוי מיט הויך־אונטער־געהויבענע פיס. דאס פארשטעלט די שיין. און איך הער פונעם שכנות־דיקן בעט עפעס א באקאנטע שטימע:

„איר קומט שוין אויף דעם בעט? — דא איז געלעגן צירעלע".

עס ווערט מיר נישט גוט. צירעלע שטאדלער. דאס איז דאס מיידל, וואס מען האט געהאט געבראכט אהער מיט די פיר פארסמטע... הייסט עס, נישט אויסגעמיטן. דאך „ארויסגעפירט"...

א באקאנטע שטימע וואס רעדט צו מיר: איך קוק מיך צו, יא: דאס איז ווירקלעך מיינע א באקאנטע — פרוי עדלשטיין. זי האט געוווינט אויף דעם הויף, ווו איך האב זיך דעם זומער אויסבאהאלטן, אויף „שטע־פאן טשעל מארע". נומער 32. זי ליגט דא אויך געבראכט פון דער תפיסה. זי איז דווקא א היגע. נאר זי האט געהאט אויף זיך א פראצעס. עס האט אויף איר דערציילט א פאליציאנט, אז ווען ער האט איר באפוילן א־רויסצוהענגען א פאן צוליב עפעס א פייערלעכקייט, זאל זי האבן געזאגט:

„ווידער ארויסהענגען די שמאטעס?" פארן באליידיקן די רומענישע פאָן האָט די עדעלשטיין באקומען צוויי יאָר תפיסה. און מיט חסד. און דער דאָזיקער „חסד" האָט אָפּגעקאָסט א גרודע מיט גאָלד. שפּעטער האָט נאָך אָפּגעקאָסט א גאנץ פארמעגן דער צווייטער חסד — דאָס אָפּשיקן זי אין שפּיטאָל אריין.

די וועלכע ליגן דאָ, קראנקע, געבראכט פון דער תפיסה — ליגן אונ־טער א שטענדיקער שמירה. עס דרייט זיך אין קאָרידאָר א גווארדיאַן, וועלכער גיט אכטונג אויף די ארעסטאנטן. די עדעלשטיין איז איצט א בינטל נערוון. זי ליגט און רעדט און רעדט און דערציילט און דערציילט, און איך זע קלאָר פון איר דערציילן, ווי אזוי דאָס איז פאָרגעקומען. ווי גראָב דער פּאָליציאַנט האָט זי, צירעלען, ארויסגעשלעפּט... געשלעפּט אי־בער אלע טרעפּן. און איך זע יאנקעלען, איר ברודער, ווי ער קומט ארויף אהער און שניידט זיך איבער, פאר איר אין די אויגן, די אָדערן פון די הענט.

הייסט עס יאנקעלע אויך.

כ'זיץ קוים איין. דער וויטיק איז א טאָפּלטער: א פיזישער און א גייסטיקער. נאָר צוליינען זיך אויף דעם בעט, אויף צירעלעס בעט, — ווער ווייסט וואָס עס איז מיט איר איצט — קאָן איך נישט.

ביים פענצטער, אויף א בעטל, זיצט עפּעס א פרוי, שאָקלט זיך און חזרט אָן אויפהער איבער איינס און דאָס זעלבע: „עס קומט, מען זאָל מיך אויפהענגען, עס קומט, מען זאָל מיך שיסן. עס קומט, מען זאָל שטי־קער פון מיר שניידן. א מאמע גייט אוועק און לאָזט איבער קינדער".

זי חזרט דאָס איבער עטלעכע מאָל כסדר. איך מיין, אז דאָס איז א ביסל א צעדולטע. איך קוק זיך אָבער צו, ניין, זי קאָן איך אויך. ס'איז די פרוי לויפער פון ראזשנאוו ביי קאסאוו. זי איז אויך אנטלאָפן פון אן „אקציע" ביי איר אין שטעטל. זי האָב איך אויך געזען דאָ אין שפּיטאָל מיט א פּאָר וואָכן צוריק, ווען מען האָט זי אהער געבראכט...

זי באמערקט מיך אויף צירעלעס בעט, דערקענט מיך און ווענדט זיך דירעקט צו מיר אויף פּויליש: „מאַס טרוטשיזנע, טשי מאַס שיען זראַז אַטרוטש?" (כ'האָב גיפט. צי זאָל איך מיך באלד פארסמען?)

— וואס פאלט אייך איין? זאג איך צו איר — וואס עפעס פאר סמען?

— ווייל — זאגט זי — זיי האבן אין מיר פארגעסן. זיי וועלן זיך דערמאנען און צוריקקומען נאך מיר ווי נאך אלטמאנען. איך בין דאך פארבונדן אין איין פראצעס מיט צירעלען...

ווייזט זיך ארויס, אז זי איז נישט משוגע. זי ווייסט, וואס זי רעדט: אין אלטמאנען, וועלכן זי האט דערמאנט, האט מען טאקע פון אנהייב, אינדערפרי, פארגעסן. מען האט זיך אבער דערמאנט אין אים און אין א פופצן מינוט שפעטער נאך אים צוריקגעקומען. אין דער צייט האט זיך אלטמאן באוויזן אפצוסמען. די קראנקן־שוועסטער האבן דערציילט, אז ווען מען האט אים אנגעטאן ארטפצוטראגן אויפן אויטא, זענען די פיס ביי אים שוין געווען קאלט. אים האט מען שוין גארנישט געקאנט טאן. קיין סניאטין איז ער א לעבעדיקער נישט דערפארן.

און אזוי האט אויך די לויפער מורא געהאט, אז מען האט אין איר נאר פארגעסן און אז מען וועט נאך איר צוריקקומען. וואס איז שייך דעם פראצעס וועלכן זי האט דערמאנט, אז זי איז אין איין פראצעס מיט צירעלען, איז עס אויך געווען אן אמת.

די דאזיקע פראצעסן זענען געווען אט וואסערע:

כדי מען זאל באלד נישט ארויסגעשיקט ווערן צו דער גרענעץ, האט מען זיך באמיט „צוצושעפען" צו עפעס א קרימינאל־פראצעס. פאר א גרעסערער סומע געלט האט עפעס א באשולדיקטער אין א קרימינאל־פראצעס געדארפט זאגן א שטייגער, אז צוזאמען מיט אים האט דער פּליט געגנבעט פערד, געפעלשט געלט צי דאקומענטן אא"וו. דער פוילישער פּליט, וועלכער איז געווען פארמישט אין אזא פראצעס, האט שוין געמוזט דא פארהאלטן ווערן ביז איבער דער אויספארשונג, ביז איבערן פראצעס און דאס איז געווען דאס גליק. דאס גרעסטע גליק איז געווען, אז מען האט אים טאקע „געפונען פאר שולדיק" און פארמשפט באטש אויף א צוועלף יאר. עס האבן דאס שפעטער דערשנאפט אויך די פראקורארן און ריכטער און האבן שוין געהאנדלט „לויטן געוויסן". זיי האבן שוין געוווסט, אז

פרייזשפרעכן הייסט פאראורטיילן צו א געמוטשעטן טויט און אז הומאני־טאר באהאנדלען הייסט פארמשפטן אן אומשולדיקן אויף לאנג- טערמי־ניקער תפיסה...

אלזא, די לויפער איז, פונקט ווי צירעלע, געווען פארוויקלט אין איין פראצעס, דאכט זיך פאר פעלשן געלט. און אויב נישט קוקנדיק אויף אט דעם פראצעס, האט מען צירעלען גענומען, וועט מען דאך, לויט איר שכל, נאך איר אויך באלד צוריקקומען.

און דאס לידל אירס: „כ'בין ווערט, מען זאל מיך הרגענען, מען זאל מיך שיסן" אאז"וו. איז אויך נישט קיין אויסגעטראכטס: זי איז אנט־לאפן פון דער „אקציע" מיט אירע קינדער: א זון א דאקטאר, א כירורג, נאר א געראטענער, מיט א שנור. ביים אריבערגיין די גרענעץ האט דער פירער געשטעלט א באדינג: נאר איינע קען ער איצט אריבערפירן. די קינ־דער האבן באשלאסן, אז זי זאל אריבערגיין די ערשטע און דערנאך זאל זי אריבערשיקן נאך זיי. זי איז אריבער די גרענעץ און מען האט זי באלד געכאפט. וואס עס איז געווארן מיט די קינדער, ווייסט זי נישט. און עס ליגט איר אויפן געוויסן. זי מיינט, אז ווען די קינדער גייען אריבער די ערשטע, וואלטן זיי זיך אפגעראטעוועט, אויף יעדן פאל וואלט עס געווען אנדערש ווי עס איז איצט.

די לויפער נעמט ארויס א פעקעלע „לומינאל"... איך זע עס פון דער־ווייטנס און שריי אויס, ווייל אויפשטיין קאן איך נישט.

— איר זענט משוגע? איר האט דאך נאך צייט. וועט מען קומען נאך אייך — וועט איר עס איינעמען..."

עס דערהערט עס די שכנה אירע פון דערנעבנדיקן בעט. זי שטעלט זיך אויף און קריכט אריין צו דער לויפער אין בעט אריין.

ווידער א באקאנטע. דאס איז דארא פיינזינגער. זי איז נישט קיין פוילישע. א סאראקער — א בעסאראבער. אבער אהער איז זי אויך גע־קומען פון תפיסה. זי האט באקומען איר שטראף. און א הארבע שטראף. זי האט באקומען אירע צוועלף יאר, אבער פאר איר איז עס נישט געווען קיין חסד. מען האט זי געמשפט פאר אויסבאהאלטן פוילישע אנט־

לאָפּענע. מען האָט ביי איר געפונען א פּאָר פּוילישע, וואָס זענען געווען ביי איר אין שטוב. די פּוילישע האָט מען נישט געטשעפּעט — מען האָט זיי גלאַט אריבערגעשטעלט די גרענעץ. זי האָט מען אוועקגעשטעלט פאַרן געריכט. אויפן פּראָצעס האָט זי זיך מודה געווען און אָפן געזאָגט: „וואָס זשע דען, האָב איך געזאָלט זיי נישט אריינלאָזן? זיי זענען געשטאַנען אונטערן רעגן, אויף דער קעלט. אפילו אויף א הונט האָט מען דאָך רחמנות און אויף מענטשן — נישט?"

פאַר אָט דעם רחמנות אויף מענטשן ווי אויף הינט האָט זי באַקומען אירע צוועלף יאָר. זי איז שווער צוקער־קראַנק און עס דאַכט זיך, אַז ס'איז איר שוין נישט לאַנג געבליבן אָפּצוזיצן איר שטראָף. דאָ אין שפּיטאָל פאַרגעטערט מען זי. מען זאָגט, אַז אויב עס זענען פאַראַן הייליקע צווישן מענטשן, איז זי די הייליקסטע. נישטאָ קיין צרה אין שפּיטאָל, אַז זי זאָל נישט קומען מיט וואָס זי קען צו הילף. דאָרע זיצט שוין ביי דער לויפער און היט יעדע באַוועגונג אירע. און פּלוצים פּאָרט צו צום שפּיטאָל אַן אויטאָ. מען הערט באַשיינפּערלעך, אַז ס'איז צוגעפאָרן אַן אויטאָ. עס שטעלט זיך ביי אונדז אַלע אָפּ דאָס האַרץ. אפשר איז מען נאָכאַמאָל געקומען? אפשר — אויף אַן אמת נאָך די איבעריקע? נאָך די פאַרגעסענע?

די לויפער הייבט שוין אָן צו שרייען: „נאָך מיר געקומען. כ'דאַרף אביסל וואַסער צו די טאַבלעטקעס."

עמיצער טוט אַ שפּרונג צו צום פענצטער און שרייט פּלוצים ווילד און פריילעך אויס: „ניין, דאָס האָט מען זיי צוריקגעבראַכט! אָט גייט צירעלע. יאַנקעלע, בעסלער, מעלצער, ווענקלער." — אָבער מער נישט.

יאָ, מען האָט צוריקגעבראַכט די פינף. פינף, וועלכע זענען געווען פאַרוויקלט אין אַ פּראָצעס. די איבעריקע — נישט. זיי, די פינף, האָבן „געהערט" צו דער תפיסה, נישט צו דער „לעדזשיונע" (זשאַנדאַרמעריע). ווען דער תפיסה־נאַטשאַלניק האָט זיך דערוווסט, אַז מען האָט אים צוגענומען זיינע מענטשן, האָט ער זיך אויפן קאָפּ געשטעלט: „וואָס הייסט עס עפּעס? נו, און דער פּראָצעס? און די עדות? און די ריכטער?" ווי ווערט ער אויסזען, אַז מען האָט אים צוגענומען די אים אָנפאַרטרויטע מענטשן?..." ער האָט אָנגעהויבן טעלעפאָנירן, קלינגען אהין־אהער און ארוים־

באַקומען „זיינע“ פינף מענטשן פון רוחם נעגל, שוין פון סניאַטין, פון טויטן־צימער.

מען האָט די פינף צוריקגעקומענע אַרומגערינגלט. יאַנקעלע האָט פון די איבערגעשניטענע אָדערן אויף די הענט פאַרלוירן פיל בלוט. איז ער געלעגן אַן אָפּגעשוואַכטער. מיט אים איז נישט געווען צו רעדן. ווענקלער איז געווען פאַרסמט. און איצט האָט מען אים ערשט גענומען ראַטעווען. מעלצער איז געווען צעשלאָגן. ער האָט זיך נישט געלאָזט אַרויספירן, האָט מען אים צעממיתט און דערנאָך געשמידט אין קייטן. צירעלע איז צוריקגעקומען מיט אַ נייעם אומגליק, מיט אַ פרישער ווונד אין דער נשמה. אַ מערקווירדיקע געשיכטע האָט מיט איר פּאַסירט. ווען מען האָט זי פאַרטאָג אַראָפּגעטראָגן און אַריינגעוואָרפן אין דעם אויטאָ אוועקצופירן קיין סניאַטין, האָט זי דאָרטן, אין דעם אויטאָ, געטראָפן נישט קיין אַנדערע נאָר איר אייגענע שוועסטער, אַן עלטערע פון איר. יענע האָט מען געבראַכט אין דער „לעדזשיונע“. צירעלע האָט קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז די שוועסטער איז דאָ אין טשערנאָוויץ. זינט דער „אַקציע“ אין איר שטעטל האָט זי וועגן דער שוועסטער גאָרנישט געוווסט. געווען איבערצייגט, אַז זי איז אומגעקומען אין דער „אַקציע“. נאָך מער, ווייל עס האָט איר עמיצער דערציילט, אַז דער שוועסטערס קינד, אַ פינף יעריק מיידעלע, האָט מען געזען אַליין זיך אַרומדרייען אין גאַס אויף הפקר.

און אָט האָט זי זי געטראָפן דאָ אויפן אויטאָ, אויפן וועג צום טויט. באַשרייבן די פּלוצימדיקע באַגעגעניש פון די צוויי שוועסטער און דעם וועג קיין סניאַטין? צירעלע אַליין פאַרגייט זיך איצט אין געוויין. זי איז נישט אימשטאַנד קיין צוויי ווערטער צוזאַמענצובינדן: וואָס איז דערפון וואָס זי איז צוריקגעקומען, אָט האָט זי זיך געטראָפן מיט דער שוועסטער און האָט זי נאָר באַגלייט אין טויט אַריין. זי האָט זי דאָרט געלאָזט אין סניאַטין. מיט איר קען מען איצט נישט רעדן. איך הייב זיך אויף פון איר בעט. מען לייגט זי אַריין צוריק אויף איר אָרט. מען דעקט זי וואַרעם איין און מען לאָזט זי וויינען.

עס בלייבט איין בעסלער, וועלכער קען עפּעס דערציילן. אָבער אויך בעסלער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען. ער האָט אַ מאָדנע חשבון און טענה

צו דער „שוועסטער" יוטי. די „שוועסטער" יוטי — א יידיש מיידל פון אונגארן, א שווארצע ווי א ציגיינערטע, א לעבעדיקע און פרייליכע — פון אלעמען באליבט.

אינדערפרי, ווען מען איז געקומען נאך די אומגליקלעכע, האט די „שוועסטער" יוטי געהאט דיזשור אין דער פאלאטע, ווו בעסלער איז געלעגן. בעסלער האט זיך געהאט צוגעגרייט סם, ווי אלע, נאר ער האט עס נישט געקענט אראפשלינגען. האט ער געבעטן ביי דער „שוועסטער" יוטי, זי זאל אים ברענגען א גלאז וואסער. און זי — זי האט עס דערנאך אליין דערציילט — האט נישט געוווסט וואס זי זאל טאן: פון איין זייט האט זי פארשטאנען, אז מען דארף דעם מענטשן ארויסהעלפן, ער גייט אויף א געמוטשעטן טויט. מען דארף אים די מאטערנישן פארשפארן. זאל ער אנטשלאפן ווערן. ער גייט שוין דאס צווייטע מאל „אויף דעם וועג". ווי לאנג האט מען אים אהער געבראכט א פארסמטן פון דער תפיסה?... מען האט אים קוים אפגעראטעוועט...

פון דער צווייטער זייט, טאמער ברענגט זי פאר אים וואסער, איז זי אן אנטיילנעמערין אין הרגענען א מענטש. ער אליין מעג, אבער זי, ווי אזוי זאל זי אין דעם אנטיילנעמען?... און... דער מענטש איז איר ליב. און אט דרייען זיך ארום די פאליציאנטן, די זשאנדארן, זי ווערט צעריסן, זי ווייסט נישט וואס צו טאן. און אזוי ווי זי דרייט זיך אין די ספקות, כאפט מען דערווייל דעם בחור, מען בינדט אים די הענט און מען טראגט אים אראפ צום אויטא...

„און דעם גאנצן וועג — דערציילט אונדז בעסלער — האט אין מיר געזאטן די רציחה קעגן איר — כ'האב איר געוווּנטשן אלדאס בייז, דער שווארצער ציגיינערטע."

און אפילו איצט, אז ער איז שוין צוריקגעקומען א לעבעדיקער און האט יוטין דאך צו פארדאנקען דאס לעבן, קאן ער נישט פארגעסן די „עוולה", וואס זי האט אים אפגעטאן און קריגט זיך מיט איר. דאס ערשטע וואס ער האט געטאן, ווען ער איז צוריקגעקומען פון וועג, זענען געווען די טענות, וואס ער האט אויסגעשאטן אויף יוטיס קאפ.

פּאַמעלעך קומט ער אָבער צו זיך און דערציילט.

אין וועג ביז סניאַטין האָבן אַלע, וואָס האָבן געקענט שרייען, געשריגן מיט אַלע כוחות. זיי האָבן געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן די שטאָט אויף דער געשעעניש. זיי האָבן געשריגן „ראַטעוועט, ראַטעוועט, מען שיקט אונדז צו דער געשטאַפּאָ אויף טויט". דער אויטאָ האָט אָבער געיאָגט ווי א רוח און ס'האָט נאָר געשווינדלט פאַר די אויגן.

שטיל אין אויטאָ איז געזעסן דאָס פּאָרפאָלק שמערצער. א פּאָרפאָלק ווי אין יידישן לידל „זיבעציק זי און אכציק ער".

ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז זיי געפינען זיך אויפן צעטל אַרויס־געפירט צו ווערן, האָבן זיי געבעטן דעם פאַרוואַלטער פון שפּיטאָל אײַ־בערצוזעצן די פּאָליציאַנטן זייער בקשה: זיי האָבן געבעטן, מען זאָל זיי נישט שלאָגן, זיי וועלן אַליין גיין, גוטוויליק גיין...

און ווירקלעך. זיי האָבן זיך אָנגעטאָן אין די בעסטע קליידער, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און ווירדיק, געאָרעמט, ווי א קעניג־פּאָר, אַראָפּגע־גאַנגען אַליין פון די טרעפּ, אַרויף אויפן אויטאָ. זיי זענען אַזוי געזעסן די גאַנצע צייט מיט די הענט געשלאָסן, קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. זעט אויס, אַז ביי זיי איז שוין אַלץ אָפּגערעדט געווען. אַזוי זענען זיי אויך געאָרעמט, און אָן איין וואָרט, אַרויס פון אויטאָ און אַריין אין טויטן־צימער.

„איר ווייסט נישט וואָס עס הערט זיך אויף די פּראַנטן?" — דאָס פרעגט א מיידל, וועלכע פאָרט מיט. זי איז געבראַכט געוואָרן פון דער „לעדזשיונע"...

„איצט אינטערעסירן זי די פּראַנטן."

„מען קען פּלאַצן פון אַזאַ פראַגע אויף דעם אָרט! איר וועט נישט קענען שטאַרבן, אַז איר וועט נישט וויסן, וואָס עס הערט זיך אויף די פּראַנטן?"

און עס ברעכט אויס א געוויין, גלייך ווי די דאָזיקע פראַגע וואָלט אויף פריש דערמאַנט, אַז מען וואָלט נאָך געקענט לעבן, ווען די פּראַנטן...

אין סניאַטין האָבן געוואַרט שוואַרץ־מונדירטע ס. ס.־לייט מיט טויטן־קעפּ אָפּצייכנס.

פון דערווייטנס האָבן גויים געגראָבן גריבער. מען האָט אַלע גע־בראכט און אריינגעפירט אין א צימער, אויך א שווארצם. מען האָט גע־הייסן זיך אויסטאָן נאקעט. די קראַנקע און פארסמטע האָט מען אויסגע־לייגט ביי די ווענט...

מער האָבן די צוריקגעקערטע נישט געקענט דערציילן. מען איז אריינגעקומען, אויסגערופן זייערע נעמען, פינף נעמען. זיי געהייסן זיך צוריק אָנטאָן און ארויסגעפירט.

די צוריקגעקומענע צירעלע האָט דאָרט איבערגעלאָזט די שוועסטער, וועלכע זי האָט אָקאָרשט געפונען אויף א האלבער שעה. וועלכע זי האָט אָקאָרשט געפונען אויף א האלבער שעה. וועלכער געפינט זיך נאָך אין א באוווסטלאָזן צושטאנד. עס ווירקט נאָך דער סם. ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט א יונגע בילד־שיינע פרוי פון 23 יאָר. וואָס וועט מען אים זאָגן, ווענקלערן, ווען ער וועט צו זיך קומען און פרעגן אויף איר?

אויפן צווייטן שטאָק ליגט דער יונגער שמערצער, דער זון. דאָס האָט ער מיט אַזויפיל מי דערשלעפט דאָס אַלטע „קעניג־פּאָר — זיינע אַלטע עלטערן, ביז אהער און איצט זיי אזוי פארלוירן.

**
*

דער שפּיטאָל איז פארפּוילישט. דאָס הייסט, דאָס הויז אויף סטע־פאניע־גאַס, נומער 5, וואָס קען אריינעמען ביז 70 קראַנקע, איז איצט געוועזן אין דער גרעסטער טייל באַזעצט מיט אריבערגעקומענע פּוילישע פון דער תפיסה, פון דער „לעדזשיונע", וועלכע מען האָט זיך באמיט דאָ צו ראטעווען. און כאָטש א טייל פון זיי, די גרעסטע טייל פון זיי, איז נישט געווען געפערלעך קראַנק, זענען זיי דאָך אָבער אַלע געווען אין א טויט־געפאַר און קיינער האָט נישט געהאַט קיין פאראיבל, וואָס זיי פאר־נעמען דאָ דאָס גרעסטע פּלאַץ, זיי, די אָנגעלאָפענע.

די נשמה פון שפּיטאָל איז די „אבער־שוועסטער", טשארנע סלאבא־דאניוק. איר קעניגרייך און שטאָלץ איז דער אָפּעראַציע־זאַל פון שפּיטאָל. ביי די איצטיקע אונדזערע באדינגונגען האָט דאָס הייפעלע יידישע דאָק־טוירים און קראַנקנשוועסטער באוויזן צוזאמענצוברענגען און צוזאמענצו־שטעלן א מוסטערהאפטן שפּיטאָל און ספּעציעל אן אָפּעראַציע־זאַל, ווו

עס זענען אדורכגעפירט געווארן די קאמפליצירטסטע אפעראציעס און צו־געטיילט געווארן די דרינגענדיקע הילף פאר די, וועלכע האבן זיך גענייטיקט אין איר. דירעקטאר פון שפיטאל איז געווען, נאך נייבערגערן, דאק־טאר לאנדוי, א רבס א זון, א בארימטער אין דער גאנצער געגנט אויגנ־דאקטאר. א גוטער און ערלעכער מענטש. ער האט מיט לייב און לעבן גע־וואלט העלפן און געהאלפן די פאראומגליקלעכטע ברידער און שוועסטער, סיי פון פוילן, סיי די ארטיקע. די רומענער האבן אים שטארק געדארפט האבן אויך פאר זייער מיליטערישן שפיטאל און דערפאר האבן זיי געדול־דעט א סך זאכן פון אים. ער האט עס אויסגענוצט לטובת דעם שפיטאל.

***

אין דער ערשטער פאלאטע, ווו מען האט מיך אריינגעפירט, האב איך שוין קיין ארט נישט געהאט. צירעלע איז צוריקגעקומען אויף איר בעטל. האט מען מיך איבערגעפירט אין א צווייטער פאלאטע און ווידער אנגעוויזן אויף א בעטל אין דער פולסטער אומארדענונג. און מען לאזט מיך ווידער איבער אליין. איך זע, אז די ארומיקע נעמען מיך אויף מיט אומצופרידנקייט. כ'שטוים מיך באלד אן, אז ווידער דארף איך פארנעמען א בעטל פון א מענטש, וואס האט זיך נאר וואס דא ארומגעדרייט א גע־זונטער און שטארקער און איז איצט אוועק אין אומגליק אריין.

און מען דערציילט מיר טאקע:

דא אויפן טישל, ביי מיין איצטיקן בעטל, האט די אלטיטשקע שמער־צער נעכטן פארנאכט געלייגט א ווייס טישטעכל, אוועקגעשטעלט צוויי לייכטערלעך מיט ליכט, צוגעדעקט עפעס א חלה, געבענטשט ליכט. אליין האט זי זיך אויסגעפוצט טאקע ווי א מלכה, עס האט אויף איר גערוט די פרייטיקצונאכטסדיקע שכינה און... דעם שבת האט זי נישט איבערגע־לעבט. און איצט זיץ איך דא אויף איר בעטל.

עס קומט אריין דינה. איך בעט זי: איך קען זיך נישט אוועקלייגן אויף דעם בעטל. זאל זי מיך ערגעץ אנדערש לייגן. זי מאכט עפעס א קאמבינאציע, עמיצער קומט אויף מיין ארט און איך אויף א צווייטן.

דאס ווייטערדיקע אין דעם טאג איז ווי אין א נעפל. און אויך די נאכט — אן אומענדלעכע און פול מיט יסורים. שווער האט אויך געווירקט

דער גערדיכטער קאמופלאזש אויף די פענצטער, וועלכער האט געזאלט נישט ארויסלאזן קיין איין שטראל אויף דער גאס, אבער האט אויך נישט אריינגעלאזט קיין טראפן לופט אין דעם קליינעם, ענגן צימער. ס'האט מיך געשטיקט. איך האב קוים דערלעבט דעם אינדערפרי. ערשט דעם צווייטן טאג האט מען זיך גענומען צו מיר. עס האט מיך ארומגערינגלט דער גאנצער שטאב דאקטוירים. מען האט מיך באטראכט און ס'האט זיך אנגעהויבן מיין „קראנקן־געשיכטע". מען האט מיר געמאכט מיין טואַלעט, אויסגעפוצט אין א פרישן שפיטאל־העמד, געמאכט דאס בעט און איצט האב איך זיך אנגעהויבן ארומצוקוקן: ווער זענען מיינע שכנים?

ליזא לאנדהיים. די ערשטע פון לינקס איז ליזא לאנדהיים. א יונג פריש מיידל, בלוט און מילך. זעט גארנישט אוים ווי א קראנקע. און זי איז טאקע שוין איצט נישט קראנק. זי איז נאר אין א טויט־געפאר: זי איז א פוילישע. אנטלאפן פון האראדענקא נאך דער „אקציע". אנטלאפן מיט א טאטן, שוועסטער און ברידער. מען האט זיי געכאפט און געפירט פון ארט צו ארט. פון איין פאליציי־פאסטן צום צווייטן, ביז זי, ליזע, איז קראנק געווארן. זי האט געכאפט א לונגען־אנצינדונג און אפשר אויך א טיפוס. אין שפיטאל אריין האט מען זי געבראכט אין א באוווסטלאזן צושטאנד און ווו עס זענען אהינגעקומען דער פאטער, די שוועסטער און ברידער — ווייסט זי נישט. איר האט מען געזאגט, אז מען האט זיי ארויסגעשיקט קיין טראנסניסטריע. דינה שטעלט מיר פאר די דאזיקע שכנה מיינע און זאגט: „דו זעסט די דאזיקע „רויז" — ווען מען האט זי מיר געבראכט, האט זי געמאכט אונטער זיך, געווען פארלייזיקט, אז מען האט זי קוים ארויסגעזען. כ'האב זי אפגעשוירן, אפגעוואשן און עס זענען אונדז אלע דא. געגנוג ארוים די אויגן, איידער מיר האבן דערזען, אז עס וועט נאך פון איר עפעס ארויסקומען. און איצט קוק דאס אן..."
— זאגט דינה מיט א שמייכל און שטאלץ.

ליזע האט דא קיינעם נישט. די מוטער איז אומגעקומען בעת אן „אקציע" און כמעט פאר זיי אין די אויגן. זי האט עס מיר אין דעם זעלבן טאג דערציילט.

דער „סכראן" זייערער איז געווען אויפן בוידעם, גוט פארמאסקירט.

פאַרמויערט אַזוי, אַז מען האָט נישט באַלד געקענט דערקענען, אַז עס איז אַ „סכראָן“, אָבער נידעריק, אונטער דער סאַמע סטרעבע, עס איז געווען אַן אָרט, וווּ די גאַנצע משפחה האָט געקענט אַריין, נאָר נישט שטיין. מען האָט דאָרט געקענט העכסטנס זיצן און אויך בלויז שטאַרק איינגעבויגן. ליגן — האָבן געקענט אַלע.

און עס איז געווען אַ דושנע און שטויביקער טאָג, דער טאָג ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די „אַקציע“. די מוטער איז געווען זייער אַ דיקע פרוי. מען האָט זי קוים מיט צרות אַרויפגעשלעפּט אויפן בוידעם. און אַז זי איז שוין דאָרטן געווען, האָט זי פּלוצים באַשלאָסן, אַז ניין, זי וועט דאָ נישט בלייבן, זי וועט דאָ דערשטיקט ווערן פון ענגשאַפט און דושנע־קייט. זי וויל אַריבער אַקעגן צום פעטער, דאָס הייסט, צו איר ברודער, וווּ עס איז געמאַכט אַ גרויסער און לופטיקער „סכראָן“. און ווי געזאָגט, אַזוי געטאָן. ווי אַזוי עס איז געווען שווער זי אַרויפצושלעפּן אויף דעם בוידעם, אַזוי איז זי איינס־צוויי ווי אַ קאַץ אַראָפּגעשפּרונגען און אַרי־בער צום פעטער אַקעגן.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און צום פעטערס הויז זענען צוגע־קומען אַ גאַנצע באַנדע אָרטיקע גויים, שגצים, מיט דייטשן פון דער געשטאַפּאָ. דער פעטער איז אָנגעגאַנגען אין שטעטל אַלס גביר. מען האָט פון שטוב אַלץ אַרויסגעטראָגן. דאָס איבעריקע צעבראָכן, צעוואָרפן.

מיר, דערציילט ליזע, האָבן אַלץ געזען דורך אַ שפּאַרע פון אונדזער „סכראָן“. זיי האָבן ראַבירט, נאָך דעם „סכראָן“, דאַנקען גאָט, נישט גע־פונען. זיי האָבן געענדיקט זייער פאַרניכטונג־אַרבעט און גענומען אַוועק־גיין. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זעען מיר, ווי איין שגצל קערט זיך צוריק. מסתמא עפּעס פאַרגעסן, אָדער אַוועקגעלייגט עפּעס ספּעציעל פאַר זיך. און עס דויערט נישט לאַנג, מיר זעען, דאָס שגצל לויפט צוריק אַרוים פייל פון בויגן. לויפט נאָך דער באַנדע גזלנים און שרייט: „טאַם סאַן זשידזשי“. און די גאַנצע חברה, מיט געוואַלדן און געשרייען, לאָזן זיך צוריק צום פעטערס הויז.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווען דאָס שגצל האָט זיך צוריקגעקערט, האָט ער דערהערט אַ געוויין פון אַ קינד. אין דעם „סכראָן“, אין דעם באַ־

העלטעניש, פארמויערט צווישן א טאָפּלט-וואַנט, זענען געווען זיבעצן נפשות, דער פעטער מיט זיין פאַמיליע, שוועסטער און ברידער, ליזעס מוטער. מען וואָלט דעם „סכראָן" נישט געווען געפונען, ער איז געווען גוט פארמאַסקירט. אָט האָט מען דאָך אים נישט אַנטדעקט, כאָטש מען האָט גוט אויסגערוימט אַלע ווינקעלעך. ס'האָט זיך אָבער צעשריגן דאָס פּיצע־לע, דעם פעטערס אייניקל. מען האָט דאָס קינד נישט געקענט באַלד איינ־נעמען, בארואיקן און דאָס האָט געקאָסט דאָס לעבן פון זיבעצן מענטשן. די מערדער האָבן אַרויסגעשלעפּט פון „סכראָן" די מענטשן, זיי מערדער־לעך געשלאָגן און אונטער קלעפּ, זידלערייען, באַליידיקונגען, צעריסן אויף זיי די קליידער, געשפּיגן אין פּנים, וויסט חוזק געמאַכט...

מיר האָבן געזען ווי מען האָט אַרויסגעפירט אונדזער מאַמע א צע־שלאָגענע, א צעבלוטיקטע, אין א צעריסן קלייד אויף איר.

***

הארַאדענקאַ האָט מען געריייניקט. מען האָט אַדורכגעפירט אַן אָפּ־קלויב. א טייל האָט מען געלאָזט אויפן אָרט און א טייל, האָט מען גע־זאָגט, וועט מען אַרויסשיקן קיין קאַלאָמיי אין געטאָ אַריין.

און מען האָט געגלויבט, אַז עס איז אַזוי. אַז די אָפּגעקליבענע וועט מען אָפּפירן קיין קאַלאָמיי. מען האָט נאָך נישט געוווּסט, אַז באַלד הינטער דער שטאָט, נעבן סימיאַנקאָוויץ, ביים דניעסטער, איז שוין צוגעגרייט אַ גאַנצער מאָרד־אַפּאַראַט. געשטאַפּאָווצעס און אוקריינער. און עס זענען שוין געווען צוגעגרייט מאַסן־קברים. די דערוואַקסענע האָט מען אויסגע־שטעלט ביים ראַנד פון די דאָזיקע גריבער און דערשאָסן. און נישט גע־קוקט, צי טויט, צי נאָר פאַרוווּנדעט — אַלעמען אַריינגעוואָרפן אין גרוב, אויב זיי זענען נישט אַליין אַריינגעפאַלן. קינדער האָט מען אַריינגעוואָרפן לעבעדיק, אָדער איינגעבונדן אין זעק און געשלאָגן מיט זיי אין דער ערד, איבער שטיינער...

פון וואַנעט מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם? די רוצחים האָבן זיך נאָך דעם אָפּגעטוענעם שטיקל אַרבעט אָנגעשיכורט, נישט באַוויזן צו פאַרשיטן דעם גרוב און פון דאָרטן האָבן זיך אַרויסבאַקומען אין דער

נאכט עטלעכע און צוואנציק מענטשן. זיי זענען צוריק געקומען אין שטאָט און האָבן דערציילט וועגן דעם גרויסן אומגליק. און נאָכדעם זענען געווען נאָך באַווייזן וועגן דעם שרעקלעכן מאַסן־מאָרד.

אינדערפרי האָבן זיך די מערדער דערמאנט, אַז עס איז אַ שאָד די קליידער, וועלכע געפינען זיך אויף די דערמאָרדעטע. האָבן זיי די טויטע קערפּערס, פאַרן פאַרשיטן דעם גרוב, באַרויבט. אויסגעטאָן נאַקעט, צוגענומען די קליידער, דורכגערעווידירט די קעשענעס. מענטשן האָבן געהאַט ביי זיך געלט, וואַלוטע, צירונג, זייגערס — דאָס אַלץ האָבן די מערדער גענומען פאַר זיך. די קליידער האָט מען צוריקגעבראַכט אין שטאָט אַריין. עס איז געווען אַ מנהג אַזאַ ביי די דייטשן: די יידן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון איין „אַקציע“, האָבן זיי, אַזוי צו זאָגן, געלאָזט לויפן ביז אַ צווייטער. אויך דאָסמאָל האָבן זיי די יידן, וועלכע זענען פאַרבליבן, זיך אויסבאַהאַלטן, צורו געלאָזט, גלייך ווי גאָרנישט, גענומען צו דער אַרבעט. און אָט האָט מען גענומען אַ גרופּע יידן צו וואַשן און אויספאַררייכטן די קליידער, וועלכע מען האָט צוריקגעבראַכט פון דעם מאַסן־מאָרד. די בעסערע קליידער האָט מען אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד, די ערגערע — האָט מען ברייטהאַרציק צעשענקט צווישן דער אָרטיקער, אוקראַינישער באַפעלקערונג און מען האָט נישט איינמאָל דערקענט אויף אַ דורכגייענדיקער שיקסע אַ קליידל פון אַ מאַמע, אַן אנצוג פון אַ ברודער. ליזע האָט אויך געוואַשן און פאַרריכט די דאָזיקע קליידער. איר איז געקומען צו דער האַנט דאָס קליידל פון איר בעסטער חברטע און דערנאָך — דאָס צעריסענע קליידל פון דער מאַמען. זי איז געפאַלן חלשות. ס'איז אַריינגעקומען אַן ס. ס.־מאַן, מיט אַ פּאָר העפטיקע קלעפּ זי דערמינטערט.

א מיידל, וועלכע האָט זיך אַרויסבאַקומען פון מאַסן־קבר פון סעמיאַנקאַוויץ, איז געווען אַזוי נאַאיוו, אַז זי האָט געמיינט, אַז דעם מאַסן־מאָרד האָבן אויסגעפירט יענע אויפן וועג אויף אייגענער האַנט און אַז די אָרטיקע מאַכט ווייסט דערפון נישט. איז זי אַזוי, אין די פאַרבלוטיקטע קליידער, מיט די וווּנדן אויפן לייב, געלאָפן אין דער אָרטיקער קאָמענדאַנטור פאַרקלאָגן יענע. זי האָט דערציילט דעם גאַנצן גרוילעכן אמת.

דער שעף פון דער קאָמענדאנטור האָט ארויסגענומען דעם רעוואָלווער: „דאָס איז גרויל-פּראָפּאגאנדע!"

אין שפּיטאָל געפינט זיך אויך אדוואָקאט קאָן פון האראָדענקא. זיי־נער א שוואָגער, א יונגער בחור, איז אויך געווען צווישן די, וועלכע האָבן געמוזט וואשן די פארבלוטיקטע מלבושים פון די אומגעבראכטע. צווישן די זאכן האָט ער דערקענט דעם פאָטערס אנצוג; פון די וועסטל־קעשענ־קעלעך האָט ער ארויסגענומען א פּאָר צעטעלעך, געשריבן מיטן פאָטערס האנט. און דעם פאָטערס פארבלוטיקטע העמד האָט ער ארויסגעגנבעט און פירט עס מיט זיך, האלט עס ווי א רעליקוויע.

***

דאָס דריטע בעטל נעבן מיר פארנעמט נעטי צווידערער, א מיידל פון א יאָר 16-15, א פרישע, שלאנקע. זי איז דאָ מיט א ברודערל, סוניע, 12 יאָר אלט, און מיטן פאָטער. זיי זענען אויך פון האראָדענקא. סוניע האָט אָפּגעפרוירענע פיס. נעטי האָט מען געבראכט אין א שווערן פלעק־טיפוס, דער פאָטער — גלאט קראנק. די מוטער זייערע איז אומגעקומען אין האָ־ראָדענקא, און מען קאָן זאָגן דירעקט אויף איר מוטערלעכן פּאָסטן: זיי זענען געלעגן אויסבאהאלטן אין א „סכראָן", גוט פארמאסקירט, און גע־וואָרט אויף אן אַקציע. די אַקציע האָט „פארשפּעטיקט", איז מען געלעגן אין „סכראָן" א טאָג, צוויי. דערווייל איז אויסגעגאנגען דאָס ברויט. די פאמיליע א גרויסע, קינדער. מען קאָן דאָך נישט לאָזן קינדער הונגערן, האָט די מאמע באשלאָסן אראָפּצוגיין אין שטוב דערווייל אָפּבאקן אן אויוון ברויט. פארטאָג האָט זי געזאָלט צוריקקומען מיטן פרישן ברויט. זי איז נישט צוריקגעקומען, מען האָט זי פון דער היים פארנומען.

מיט טויזנטער אויגן לויערט דער טויט אויף די אנטלאָפענע אהער. יעדער פון די אָנגעקומענע האָט צו דערציילן נאָר פונעם וועג אליין טויזנ־טער שרעק־פאלן. טעג און נעכט אין שנײ אויף די פעלדער, אין די וועל־דער, ביים טייך, אָדער אין סאמע וואסער, אין די גריבער און אין בערג, און דאָס שרעקלעכסטע איז די מורא פאר א באגעגעניש מיט מענטשן. מיט חיות — איז נאָרנישט, מורא האָט מען פאר מענטשן, וואָס זענען

שרעקלעכער, ווי די חיות. און מורא האט מען פארן לאזן די שפורן פון די פיס אין שניי... די שרעקלעכסטע צייט איז דער ווינטער שוין נישט צוליב דער קעלט, נאר צוליבן שניי, וואס קאן ארויסגעבן דאס ארט, וו מען געפינט זיך, די ריכטונג, וווהין מען איז געגאנגען...

און אז מען איז שוין דא, צווישן די „גליקלעך אסקאפעטע", איז מען ערשט אויסגעשטעלט אויף דער געפאר צוריק אריבערגעשטעלט צו ווערן צו די דייטשן...

ליזע האט געענדיקט א פאך־שולע. זי קאן נייען און שטריקן, זי האט גאלדענע הענט. מען האט איר באזארגט עפעס ארבעט פון דער שטאט. פאר די ערשטע טויזנט לעי, וועלכע זי האט פארדינט, האט זי זיך געקויפט לומינאל, אויפן פאל, טאמער, חלילה... מיר אלע ווייסן עס, און עס איז אזוי פארשטענדלעך און נארמאל, מען איז זי נאר מקנא, וואס זי האט געהאט דעם טויזנטער און די מעגלעכקייט זיך צו פארשאפן, זיך צו פארזארגן אויף א שווארצן טאג.

איינעם פון די „גוואַרדיאנס", וואס היטן אפ די קראנקע, וואס ליגן דא פון דער תפיסה, האט זיך אמאל פארגלוסט, צי אין שפאס, צי עפעס מיט א כוונה אפשר ארויסצופרעסן אן איבעריקע פאר לעי, נאר ער איז ארומגעגאנגען צווישן די קראנקע פויל־שע און אויסגעפרעגט זייערע פערסאנאליעס אין פארשריבן, און אז מען לעבט אין שטענדיקער שרעק, האט מען אויך דאס אויסגעלייגט צו שלעכטן און איינער פון די יונגט־לעכע פוילישע, א געוויסער דאלינגער, האט גענומען און באצייטנס אויס־געטרונקען זיין ביסל סם... פיר טעג איז דאס יינגל געווען צווישן לעבן און טויט און א דאנק דעם, וואס די הילף איז געווען א גאלדיקע, איז גע־לונגען אים אפצוראטעווען.

אינזשיניער טייכער, א יונגער און אינטעליגענטער מענטש, איז געקומען אהער נאך אן אקציע אין סטאניסלאוואו. אין וועג האט ער פאר־לוירן די פרוי און דאס קינד זיינס... און נאכדעם גייט נאך א רייע אפגע־ריסענע, פאראיינצלטע, פארוואגלטע. דאס זענען פוילישע.

אבער נישט נאר פוילישע זענען דא אין שפיטאל.

***

פון אן אויסגעהאקטן וואלד פארבליבן אמאָל איינזאמע, אליינשטיי־ענדיקע, איינצלנעביימעלעך — דאָס גאנצע שפּיטאָל אונדזערס באַש־טייט פון אזעלכע פארבליבענע, פאראיינצלטע, איינזאמע אליינשטייענדיקע, ניין, אומגעוואָרפענע, וואָס האלטן ביים אויסשטאַרבן, טרויעריקע, ביימע־לעך, פארבלייבענישן פון אונדזער גרויסן פריש־אויסגעהאקטן יידישן וואלד, פון אונדזער פאָלק.

אָט ליגט אַקעגן מיר אַ יונגע, בלינד־שיינע, די 22יעריקע לאַנדוועד. 22 יאָר אלט און שוין צוויי יאָר אן אלמנה. זי האָט צו 18 יאָר חתונה גע־האָט. דעם מאַן, אַן אינזשעניער, האָבן די רומענער ביים אַריינקומען, דער־שאָסן.

די מוטער האָט מען ארויסגעפירט קיין טראנסניסטריע. דער פאָטער איז ערגעץ אהינגעקומען. מען האָט זי געבראכט אהער מיט אַ סארקאמע, אזא יונגער מענטש און אזא שרעקלעכע קרענק שוין. זי האָט שרעקלעכע ווייטיקן און נאָר מאָרפיום באַרואיקט אירע שמערצן. און אָט קוקן מיר צו, ווי דאָס יונגע שיינע באַשעפעניש גייט איין, ווערט פון טאָג צו טאָג פארזונקען טיפער אין דעמערונג. אָן אינזשעקציעס קאָן זי נישט אויסקו־מען. אוים רחמנות צו איר און פון טיפער סימפּאטיע באַמיען זיך אלע דאָק־טוירים, ווער ווי עס קען נאָר צו ברענגען פאר אירטוועגן מאָרפיום. און זי שלאָפט און שלאָפט, און צאנקט ווי אַ ליכט, זי גייט אוים אויף אונ־דזערע אויגן, איינע אַליין, קיינער פון די נאָענטסטע נעבן איר.

מירעלע עלקין, אַ טאָכטער פון פארמעגלעכע עלטערן פון יעדיניעץ, פון בעסאַראַביע. זי איז געקומען אַ פּאָר טעג פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה קיין טשערנאָוויץ. דאָ אין שפּיטאָל האָט מען געזאָלט פעסטשטעלן איר קראנקהייט, שטעלן אַ דיאגנאָז, וועלכן מען האָט ביי איר אין שטעטל נישט געקאָנט פעסטשטעלן. מען האָט געדאַרפט אדורכפירן אייניקע אנאַ־ליזן. ס׳האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און זי איז אָפּגעריסן געוואָרן פון דער היים. אין יעדיניעץ האָבן די רומענער, ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין שטעטל, איינגעאָרדנט אַ מוראדיקן פּאָגראָם. מען האָט אויסגעשאָכטן כמעט אלע יידן און ווער עס האָט זיך אָפּגעראטעוועט פונעם פּאָגראָם, איז ארויסגעשיקט געוואָרן קיין טראנסניסטריע. מירעלע איז פארבליבן

אין שפּיטאָל, אדורכגעקומען א שווערע אָפּעראַציע, ארויס פון איר נישט איינגאַנצן געזונט, אָבער איצט שוין אויך נישט קראַנק, נישט קיין שפּיטאָל פאַל. אָבער דורכשלאָגן זיך אין לעבן איצט איינע אליין קאָן זי אויך נישט. איז זי אראָפּ אין קיך, ביים שפּיטאָל. זי מיט א פרוי פון אן אינזשיניער פון סעקוראַן און מיט גיטעלען, א מיידל פון בריטשאַן — זענען דאָס פּערסאָנאַל פון דער קיך. בעסאַראַביע, וויצלען זיך דאָ די קראַנקע, האָט אָקופּירט די קיך און דערפאַר האָבן מיר אויף יעדן טאָג באַרשט מיט מאַמאַליגע...

בערטא בערלינג איז פאַרבליבן אין שפּיטאָל פון דער צייט פון געטאָ. די עלטערן האָבן זי, א קינד מיט א שווערן האַרץ־פעלער, אריינגעגעבן אין שפּיטאָל און אליין אוועק קיין טראַנסניסטריע. ליגט זי דאָ איינינקע אליין.

און אָט א דירעקטער קרבן פון דער מלחמה, פון דער באָמבאַרדירונג. מען זאָגט איר אין א שפּאַס נאָך „א באַשערטע זאַך", ווייל זי באַנוצט אָפּט דעם דאָזיקן אויסדרוק, די פרוי, מאַלי הערמאַן, א יונגע פרוי, ליגט דאָ פון סאַמע אָנהייב קריג. זי איז אַן א פוס. אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה, בייטאָג, האָבן באָמבאַרדירט די דייטשן זשוטשקע.

זי האָט געוווינט אין זשוטשקע, איר מאַן האָט געאַרבעט דאָרט אין א פאַבריק. און מערקווירדיק, דערציילט זי, די אעראָפּלאַנען זענען געפלויגן דעמאָלט עטלעכע מאָל איבער זשוטשקע און געוואָרפן באָמבעס. זי מיטן מאַן און מיטן יינגעלע האָבן זיך אין דער צייט אויסבאַהאַלטן אין זייער אייגענער שטוב אין קעלער. אָבער פּלוצים איז אריינגעקומען א שכנה און פאַרגעלייגט צו גיין זיך אויסבאַהאַלטן ביי איר, ווייל דאָרט ביי איר איז א קלענערע שטוב... עס איז נידעריקער, איז זיכערער... דאָס ערשטע האָט א לויף אריבער געטאָן דאָס קינד, די מאַמע איז דעם קינד נאָכגעלאָפן עס צוריק ברענגען. זי האָט דווקא געוואָלט בלייבן אין דער היים, און אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט נאָר געוואָלט אָנכאַפּן דאָס קינד, האָט עס געגעבן א קנאַל און עס האָט זי אומגעוואָרפן. און נאָר זי האָט עס געטראָפן, א שפּליטער פון א באָמבע... עס זענען דאָרט פאַר דער טיר געזעסן נאָך מענטשן, קיינעם נישט, נאָר זי, א שפּליטער אין פוס אריין — „א באַ־

שערטע זאך" זאגט זי. די שכנה האט זיך א מעשה געוואלט אנטאן, גע־פילט זיך שולדיק, „אבער, וואס איז זי שולדיק" — זאגט די הערמאן, — „עס איז א באשערטע זאך".

מען האט די הערמאן גענומען אין שטאטישן שפיטאל, עס זענען נאך געווען די רוסן. מען האט איר געמאכט אן אפעראציע. עס זענען אבער געווען די ערשטע טעג פון דער מלחמה, מען האט זיך נישט שטארק אומגע־קוקט אויף איר... נאכדעם האבן די רוסן עוואקואירט דעם שטאטישן שפי־טאל, זי האט מען איבערגעשיקט אין יידישן שפיטאל אריין. דער פוס האט געיאטערט, מען האט ווייטער געשניטן. און נאכדעם אמפּוטירט דעם פוס ביז אין דער קני. די ערשטע צייט זענען געקומען דער מאן, דאס קינד, די קרובים. נאכדעם האט מען אויפגעריסן די בריק, עס זענען אריינגע־קומען די רומענער, מען האט די יידן פון זשוטשקע ערגעץ, זאגט מען, אוועקגעשיקט... זי ווייסט נישט, וואס עס איז מיט זיי געווארן. און זי ליגט דא. זי דארף א פראטעזע צום פוס. עמיצער האט צוגעזאגט, אז מען וועט איר פון בוקארעשט שיקן א פראטעזע.

ווארט זי דערווייל אויף א פראטעזע, און אויפן מאן און אויפן קינד.

זי האט ליב צו ווארפן קארטן. זי האט פון עמיצן באקומען א צעשווי־בערט, אפגעבליאקעוועט פעשל קארטן, זי ווארפט קארטן פאר אלע פרויען אין שפיטאל. יעדע וויל וויסן, וואס עס וועט פארקומען מיט איר אין דער נאענטסטער צייט. נאר עפטער לייגט זי קארטן פאר זיך אליין. און עס פאלט איר אוים אין די קארטן, אז מען טראכט וועגן איר, דער מאן, א שווארצער קעניג און דאס קינד וואלעט שעל, זיי טראכטן וועגן איר, זי נעמט אפילו מיך פאר אן עדות, אז אט דער קעניג קרייץ און וואלעט שעל געפינען זיך אין א ווייטן וועג — א רויט ניינטל, און טראכטן וועגן איר... א טיפער זיפץ און ווידער פול מיט האפענונג: „ווען מיין מאן וועט קומען, וועל איך נאך פירן א ווירטשאפט. צו די שווערע ארבעטן וועט מען מיר מוזן צוהעלפן, אבער אזוי קאן איך נאך זיין א שיינע באלעבאסטע".

אוודאי קאן זי נאך זיין א שיינע באלעבאסטע. זיי זאלן נאר צוריק־קומען, די ארויסגעריסענע, אויב נישט אונטערגעהאקטע, אויב נאך גאנ־צע, צו דער פאראומגליקלעכטער פארוואגלטער איינזאמער.

**
*

זי הייסט יעוואַטשקאַ העס. א ליכטיק קלאָר פּנים מיט גרויסע ברוינע מאַנדל אויגן. צוואַנציק יאָר אַלט, קלוג ווי דער טאָג און אינטעליגענט. ווען כ'האָב זי דאָס ערשטע מאָל דערזען, האָב איך מיר נישט פאָרגע־שטעלט, אַז אַט דאָס דאַזיקע לעבעדיקע קינד ליגט אַזוי אין אייז און דער זעלבער פּאָזיציע, אויפן רוקן, שוין באַלד אַ יאָר, אַז זי קאָן זיך נישט אויפזעצן, אַז באַוועגן קאָן זי נאָר מיטן קאָפּ, מיטן האַלדז און מיט די הענט, דאָס איבעריקע איז ביי איר אַלץ אין ווונדן.

מען האָט זי געבראַכט אַהער פאַראיאָרן, דעם 7טן יוני, פּונקט אין טאָג, ווען מען האָט פון טשערנאָוויץ אַרויסגעשיקט דעם ערשטן זומער־טראַנספּאָרט קיין טראַנסניסטריע. מען האָט זי געבראַכט פון סאַדעגערע, פונעם לאַגער, און כמעט שוין אין אַזאַ צושטאַנד ווי איצט, אַ ליגנדיקע אין אַ טראַגבעטל. נאָר אויך קיין סאַדעגערע האָט מען זי שוין געבראַכט כמעט אין דעם זעלבן צושטאַנד... זי האָט טובערקולאָז אין די ביינער, די אָפענע ווונדן אויף די פיס און אויפן רוקן האַלטן אין איין יאָטערן...

ווי קומט דאָס דאַזיקע קינד אַהער און פונעם לאַגער, פאַר וועלכע זינד — לאַגער?

זי איז פון כאָטין. ווען מען האָט אַרויסגעשיקט פון כאָטין די יידן, האָבן די עלטערן, שוועסטער און שוואָגער באַשלאָסן — יעוואַטשקאַ איז שוין דעמאָלט געווען קראַנק, אָבער נאָך אין אַ צושטאַנד וואָס מען האָט געהאָפט זי אויסצוהיילן, — האָבן הייסט עס די עלטערן באַשלאָסן מיט־צונעמען יעוואַטשקאַן אויף אַ טראַגבעטל. מען האָט זי אין וועג מיטגענו־מען. אַזוי איז מען צוגעקומען ביז אַטעק. דאָ האָט זיי אָנגעיאָגט אַ ידיעה, אַז דער שוואָגער אַלס עפּעס אַ כפעציאַליסט קאָן בלייבן אין סעקוראַן. די פאַמיליע האָט באַשלאָסן, אַז מיטן שוואָגער און שוועסטער זאָל אויך בלייבן יעוואַטשקאַ. די עלטערן זענען געגאַנגען ווייטער קיין טראַנסניסט־ריע. אין סעקוראַן איז מען אָפּגעווען אַ גאַנצן ווינטער, זומער איז דאָ געווען אַ לאַגער, איצט איז דער לאַגער ליקווידירט געוואָרן. עס איז אין סעקוראַן נישט געווען קיין איין ייד. זיי זענען געווען די איינציקע יידן. נישט אָנגענעם, אָבער דאָך איז מען געווען אונטער אַ דאַך און אין דער וואַרעם. און אין טראַנסניסטריע איז מען שוין אין דער צייט, אין דעם

ערשטן ווינטער, אומגעקומען פון הונגער און קעלט. פון די עלטערן האָט מען באַלד פאַרלוירן יעדן שפּור.

זומער איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג וועגן אַרויסשיקן קיין טראַנסניסטריע אויך די איינציקע פאַמיליע פון סעקוראַן. זענען דער שוואָגער מיט דער שוועסטער אַוועק קיין טראַנסניסטריע און יעוואָטשקען האָט מען אָפּגעשיקט אַלס נישט טראַנספּאָרט־פעאיקע, אויף אַ טראָג־בעטל, אין לאַגער פון סאַדעגערע. דעם זיבעטן יולי האָט מען ליקווידירט דעם לאַגער אין סאַדעגערע און איבערגעשיקט יעוואָטשקען אין טראָג־בעטל קיין טשערנאָוויץ. דאָ האָט מען זי שוין פאַרהאַלטן, ווייטער נישט געשיקט.

מען קען פאַר איר אין שפּיטאָל גאָרנישט טאָן. זי דאַרף אַן אַנדערע קורראַציע. זי דאַרף זון, לופט און אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג. ליגט זי אַזוי, דאָס אומגליקלעכע, פאַראיינזאַמטע, קראַנקע און מוטיקע קינד און גייט פאַוואָלינקע איין. די ווונדן ווערן טיפער און גרעסער און אייטערן אָן אויפהער. איז זי אָבער שטאָלץ כאָטש אַזוי. זי לאָזט אויף זיך נישט דערקענען דעם אייגנטלעכן צושטאַנד אירן, ווי שלעכט עס זאָל נישט זיין מיט איר. זי לאָזט קיינעם נישט צו אַפילו איר איבערצובינדן די ווונדן. ווען עס איז נאָך פינצטער, הייבט זי אַליין אָן איר טואַלעט. זי טאַפּט אָן מיט די פינגער די באַנדאַזשן. צעבינדט זיי און מאַכט דעם נייעם באַנדאַזש. וואָס פאַר אַן אָנשטרענגונג דאָס איז פאַר אַ מענטש, וואָס קען מיטן קערפּער נישט רירן? זי מאַכט דאַן די טואַלעט אַרום זיך און נאָכדעם — אַביסל פּודער, אַביסל שמינקע, און ווען די אַנדערע כאַפּן זיך אויף, באַגעגנט זיי יעוואָטשקאַ אַ פרישינקע, ווי אַ יונגע כלה. און קיינער ווייסט נישט ווי שווער און ווי ביטער עס איז איר אָנגעקומען איר פרישקייט און איר פריילעכקייט.

זי האָט געענדיקט די גימנאַזיע אין כאָטין. קען שפּראַכן. און אַזוי קראַנקערהייט, ליגנדיק פּאַקטיש אין געהאַקטע ווונדן, לערנט זי ווייטער. לייענט זייער פיל. מען קען מיט איר רעדן וועגן וואָס מען וויל. און ס'איז אַ פאַרגעניגן מיט איר צו רעדן. לעבעדיק זענען ביי איר דאָס קלאָרע פּנים, די מאַנדל־ברוינע אויגן. באַוועגלעך — נאָר די הענט. און מיט די פּאָר לעבעדיקע הענטלעך האָט זי שוין אויסגעצערעוועט אַלע זאַכן און

שקארפעטקעס פארן גאנצן שפיטאל. און אלץ מיט א לאך און מיט א שמייכל. און פארנאכט באקומט זי הויכע טעמפעראטור. און נאר לויט די רויטע פלעקן אויף די באקן, וואס מאכן זי נאך שענער, איז צו זען ווי עס האלט מיט איר... אבער אפילו די נאענטסטע שכנים אירע אויף די בעט־לעך האבן נישט געוווסט דעם אמת וועגן איר, נישט געוווסט אין וואס פאר א יסורים זי ליגט און טראגט איר שווערן קרייץ — איר לעבן.

**
*

כ'האב שוין א פאר מאל דערמאנט די פאמיליע סופר. ער איז געווען דער רעדאקטאר פון די „טשערנאוויצער בלעטער", געארבעט אין דזשאינט, א באקאנטער יידישער קולטור-טוער, מחבר פון א ספעציעלן ווערטערבוך פון אלע העברעאישע ווערטער אין יידיש-לשון און בכלל א באקאנטע פער־זענלעכקייט אין טשערנאוויץ.

ווען עס זענען אריינגעקומען די רוסן, האט סופר, ווי א באקאנטער סימפאטיקער פון ראטנפארבאנד, זיך באלד געשטעלט צו דער ארבעט אויף א פאסטן אין דער מלוכהשער באנק. זיינע צוויי טעכטערלעך, בריגיטע און אסתריקע, פון 13 און 15 יאר, זענען אריינגעטרעטן אין דער רוסישער מיטלשול און דארטן מיטגעצויגן געווארן אין אינטענסיוון לעבן פון דער סאוועטישער שול. זיי זענען אריינגעטרעטן אין קאמסאמאל, געשפילט א באדייטנדיקע ראלע צווישן דער שילער-יוגנט. ווען מען האט געדארפט אפ־טרעטן פון טשערנאוויץ, איז סופר, שוין אוים מורא פארן גורל פון די קינדער — יעדער שנצל האט געקענט אנווייזן אויף זיי — אוועק פון טשערנאוויץ מיט דער גאנצער פאמיליע. זיי האבן שוין אבער נישט בא־וויזן ווייט צו אנטלויפן. אין מילניצע, גאליציע, האבן זיי פארכאפט טא־קע די ארטיקע, די מילניצער גויים, מיט נאך א גרופע יידן. זיי האבן די פארכאפטע געפירט מיט זידלערייען און קלעפ איבער דער גאנצער שטאט. נאכדעם האבן זיי זיי פארשפארט. דערנאך, ביינאכט, האבן זיי די גרעס־טע טייל פון דער גרופע בארויבט, געהרגעט און אריינגעווארפן אין א ברונעם. די פאמיליע סופר האט זיך מיט ניסים געראטעוועט און אוועק קיין בארשטשאוו. דא האבן זיי זיך דערווייל פארהאלטן.

מיט א צייט צוריק איז אהער, קיין טשערנאָוויץ, נישט באקאנט מיט וואָס פאַר א וועגן, אָנגעקומען א צעטעלע פון סופרן: „ראַטעוועט!" לויטן פּלאַן, וועלכן ער האָט אָנגעגעבן, האָט דאָס ברענגען אים מיט זיין פאמי־ליע אהער געדאַרפט קאָסטן הונדערט פופציק טויזנט לעי. הונדערט פופ־ציק טויזנט לעי פאַר פיר יידישע נפשות. אָבער אין גאַנץ טשערנאָוויץ, און מען האָט אויך געשריבן קיין בוקארעשט, האָט מען ביי אַלע באַקאַנטע און פריינט נישט געקענט צונויפנעמען קיין הונדערט פופציק טויזנט לעי. דערביי דאַרף מען באַמערקן, אַז דאָס דאָזיקע געלט וואָלט געדאַרפט זיין נאָר א גמילות־חסד. דער דזשאָינט וואָלט שפעטער געווען באַצאָלט די הלוואה. אָבער דערווייל איז די סומע נישט צונויפגעזאַמלט געוואָרן און סופרס ס. אָ. ס. איז געבליבן אָן ענטפער.

דעם פאַרגאַנגענעם שבועות איז, לויט די לעצטע ידיעות, פאַרגעקומען די לעצטע „אַקציע" אין וואַרשע. אין וואַרשע זענען געווען פאַר־זאַמלט די רעשטלעך פון די יידן פון אַלע אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. וועגן דער לעצטער „אַקציע" אין וואַרשע האָט אונדז דערציילט לאַ־זאַרעק יעגענהאָרף, א דרייצן־יעריק יינגל, וואָס מען האָט געבראַכט אין שפּיטאָל אַריין. ער זעט אויס ווי ער וואָלט אַלט געווען א יאָר אַכט. אַזוי אויסגעדאַרט איז ער. און ביים ברענגען אין שפּיטאָל איז ער געווען ווי מיט א פּאַנצער באַדעקט איבערן גאַנצן קערפּער מיט קרעץ און בלאָטערס. מען האָט אים געבראַכט מיט פערציק גראַד היץ. מיר האָבן געוווּסט, אַז ער איז פון וואַרשע. ווי אַזוי דאָס קינד האָט זיך דער־שלאָגן אהער, מיט וואָס פאַר א ניסים — איז געווען שווער צו דערגיין. אין שפּיטאָל האָט מען זיך געגעבן די גרעסטע מי דאָס קינד צו דערהאַלטן ביים לעבן: ווי שרעקלעך דאָס וואָלט געווען, זאָגט טשאַרנע — די „אויי־בער־שוועסטער" — ווען דאָס אומגליקלעכע קינד וואָלט נאָך אַלעמען, וואָס עס איז איבערגעקומען, שוין ביי אונדז געשטאָרבן! כ׳וואָלט דאָס נישט איבערגעטראָגן!

און אַז ס׳זאָל חלילה נישט קומען דערצו, האָט מען בייטאָג און ביי־נאַכט, ביים בעטל פון דעם קינד דיזשורירט. געהיט, אַז ער זאָל נישט אויסהויכן די נשמה. עס האָבן אים געהיט די חולים פון שפּיטאָל, די

דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטער. וווּנדער פון אויסגעהאַלטנקייט און איינגעשפּאַרטקייט, בשום אופן נישט אָפּצוגעבן דאָס דאָזיקע אָפּגעראַטע־וועטע קינד דעם מלאך המות, האָט אַרויסגעוויזן די פרוי דאָקטאָר ווילענ־קאָ. און אין שפּיטאָל האָט זי דווקא געהאַט אַ שם פון נישט קיין נאַר וויכן מענטש. אַ כירורג, לויט איר ספּעציאַליטעט, האָט זי געשמט אַלס אַזעלכע וואָס האָט ליב צו שניידן. געווען אַ פאַרביסענע, האַרטע און אין שפּיטאָל זיך אויסגעקעמפּט אַן אָנפירנדיקע פּאָזיציע. אַלס פרוי איז עס איר וואַרשיינלעך נישט לייכט אָנגעקומען. דערפון אפשר דער שם פון אַ האַרטן און פאַרביסענעם מענטש. און אָט אַ דאָ ביי דעם פאַל, ביי דעם קינד, האָט זי אַרויסגעוויזן אומגעהויערע מענטשלעכע מעלות. ווי אַ מאַמע איז זי פון דעם קינד נישט אָפּגעטרעטן, ביז זי האָט אים נישט געבראַכט צו אַזאַ צושטאַנד, אַז מען האָט שוין געקענט זיין זיכער, אַז ער איז אָפּ־געראַטעוועט, אַז ער וועט לעבן. און אויך שפּעטער נישט אויפגעהערט זאָרגן פאַר דעם קינד. שוין ביזן סוף.

לאַזאַרעק האָט אונדז נאָכדעם דערציילט ווי ס׳איז פאָרגעקומען די לעצטע „אַקציע" אין באַרשטשאָוו.

די יידן האָבן פון פריער געוווּסט, אַז עס גרייט זיך די לעצטע „אַק־ציע", וועלכע זאָל „יודנריין" מאַכן באַרשטשאָוו. זענען זיי זיך צעלאָפן אין די אַרומיקע פעלדער און וועלדער. די דייטשן מיט דער הילף פון די היימישע אוקראַינער האָבן אָרגאַניזירט אַ פאָרמעלע יאַגד נאָך די יידן, ווי נאָך ווילדע. מיט ביקסן, מיט יאַגד־הינט, מיט דרענגער און העק און שטריק. מען האָט געכאַפּט אויף די פעלדער און אין די וועלדער, דערהרגעט אָדער דערשאָסן אויפן אָרט. אויסגעגראָבן טיפע גריבער און צוזאַמען גע־וואָרפן לעבעדיקע און טויטע. אויך דאָ, ווי אין אַ סך אַנדערע ערטער, האָט די ערד, נאָך אַ צייט לאַנג נאָך דעם ווי מען האָט די הרוגים פאַר־שאָטן אין די גריבער, געאָטעמט. די ערד האָט זיך געהויבן, נישט גערוט. און פּלעקן בלוט זענען אַרויס פון אויבן ווי זשאַווער־פּלעקן.

ער, לאַזאַרעק יעגענסדאָרף, איז אַרויס שוין פון אַזאַ מאַסן־גרוב, איי־דער מען האָט אים פאַרשיט און האָט זיך גענומען לויפן. מען האָט אים געכאַפּט, שוין ווייט פון יענעם אָרט, וווּ מען האָט אים געוואָלט באַגראָבן

אַ לעבעדיקן, האָט מען אים צעשלאָגן און פאַרשפּאַרט אין עפּעס אַ שטאַל. ביינאַכט האָט ער, דאָס שוואַכע קינד, אַרויסגעריסן אַ ברעט פון שטאַל — ווו האָט ער גענומען כוח דערצו? — און ווידער געלאָפן. דורך פעלדער און וועלדער געלאָפן, זיך אויסבאַהאַלטן צווישן צווייגן אויף די ביימער און סוף כל סוף געקומען צום טייך, צו דער גרענעץ. עטלעכע טעג אָפּגעלעגן אין וואַסער, מורא געהאַט אַרויסצוקריכן, מען זאָל אים נישט כאַפּן.

„ווען כ'קען רעדן, זאָגט דאָס קינד, האָב איך אויף יאָרן צו דער־ציילן." פיל רעדן לאָזט מען אים אָבער נישט. דאָס קינד איז שוואַך און מען וויל נישט, ער זאָל ווידער איבערלעבן דאָס, וואָס ער האָט איבער־געלעבט.

איך האָב זיך אָבער נישט געקענט איינהאַלטן און נישט פרעגן וועגן די סופרים.

„אוודאי, זאָגט ער, האָב איך זיי געקענט. מיר האָבן אַפילו געוווּסט, אַז ער איז פון רומעניע, אַ סימן — איינע פון זיינע טעכטער האָט גע־הייסן בריגיטאַ."

„אמת, עס שטימט, אפשר ווייסטו, וואָס עס איז מיט זיי געוואָרן?"

„אַ, אַ, — ענטפערט דאָס קינד — איצט זענען זיי שוין נישטאָ. ביז דער „אַקציע" זענען זיי נאָך געווען."

דערליידיקט.

15. יולי 1943.

עס איז אוועק פון אונדז דער טרויעריק־באַרימטער „גאָווערנער" קאַלאַטעסקו מיט זיין המן מאַריניעסקו. אַלס גובערנאַטאָר איז באַשטימט געוואָרן גענעראַל דראַגולינאַ. צום אָנהייב זענען מיר יידן געווען אין פאַר־צווייפלונג. גענעראַל דראַגאַלינאַ איז פונקט דער גענעראַל, וועלכער איז דער ערשטער אַריינגעקומען קיין אָדעס און „יודנריין" געמאַכט אָדעס. עס זאָלן נאָך ביז איצט הענגען אויף די ביימער אין אָדעס טויזנטער שטריק, אויף וועלכע ס'האָבן געהאָנגען די דאָרטיקע יידן.

באַרואיקט מען אונדז אָבער. עס זאָל זיין נישט דער זעלבער דראַגאַ־ליגאַ, נאָר אַן אַנדערער, אַ קרוב. און אַנגעהויבן האָט ער דווקא טאַקע ווי אַן אַנדערער. ער האָט באַזוכט אַלע לאַגערן. אין יעדעניצער לאַגער, אַ שטייגער, זענען געזעסן צענדליקער יידן פאַר נישט טראָגן פעסט אָנגע־נייט די געלע צייכנס, פאַר ארויסגיין מיט אַ פּאָר מינוט פאַר צען אזייגער אין גאַס אַריין, אָדער פאַרהאַלטן זיך מיט אַ פּאָר מינוט נאָך איינס אין גאַס. דער לאַגער איז געווען אַ הכנסה־קוואַל פאַר די פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרמען. זיי האָבן געכאַפּט נשמות, האָט מען זיך געקענט אויסקויפן — איז געווען גוט פאַר ביידע צדדים. האָט מען זיך נישט געקענט אויס־קויפן — איז מען געגאַנגען אין יעדעניצער לאַגער אַריין. דראַגאַלינאַ האָט די אַלע, אויף אַזאַ אופן באַשטראָפטע מענטשן, באַפרייט.

זאָל עס זיין אַן אָנזאָג פון בעסערע צייטן?... האָבן די רומענער דער־פילט דעם פאַרמאַרש פון דער רוסישער אַרמיי אויפן פראָנט?...

***

עס איז אָנגעקומען דער ערשטער שריפטלעכער גרוס פון יענע, וועל־כע זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט די זומער־טראַנספּאָרטן פאַראַיאָרן. געבליבן איז פון זיי זייער ווייניק. די פאַרבליבענע געפינען זיך אין די לאַ־גערן פון טשעטווערטינאַווקאַ, אין שטיינברוך ביי לאַדיזשין און אַרום טולטשין. אויך איך האָב באַקומען אַ בריוול פון מיין קוזינע, פאַניע כוי־רעש, און איר זון, יאַשקע. זיי געפינען זיך אין בערשאַד. פאַניע ליגט מיט אָפּגעפרוירענע פיס, ווייל זי איז ווינטער געלאָפן באָרוועס אין שניי און אין פראָסט פון ברעג פון בוג, כדי מען זאָל זי נישט אַריבערשטעלן צו די דייטשן. זיי זענען נאַקעט און באָרוועס.

מאָטל מיט סימעלען זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם זומער פון מאָהילעוו אין אַ לאַגער קיין סקאַזשיניעץ. מען זאָגט אַז דאָס איז אַ טויט־טן־לאַגער.

***

טשילע איז אַריין אין קריג קעגן דער „אַקס״.

די אַפּיטרופּסות איבער אונדז, פּוילישע יידן, איז איבערגעגאַנגען צו

דער שוווייץ. פאר די אומלעגאלע פוילישע באמיט מען זיך נאך ביז היינ־טיקן טאג, אז זיי זאלן געשיצט ווערן כאטש אזוי ווי מיר דא. מען האט געגעבן האפענונגען דערויף. דער פוילישער קאמיטעט האט איינגעארדנט א קיך. מען באקומט כמעט אומזיסטיקע מיטאגן, ווייל 20 לעי א מיטאג איז קיין געלט נישט און ווער עס האט נישט געקענט צאלן — האט גאר־נישט געצאלט. אין שפיטאל אריין שיקט מען מיטאג אדער טרוקענע פראדוקטן פאר די פוילישע וואס ליגן דארטן. מען האט אויסגעפועלט, אז מען נעמט אן מיטאגן אויך אין תפיסה פאר די פוילישע ארעסטירטע. דער קאמיטעט דעקט אלע אויסגאבן פאר די אומלעגאלע, וואס באהאלטן זיך אוים. און די אויסגאבן זענען גארנישט קיין קליינע, ווייל אויב נארמאל צאלט מען פאר א צימער ביז 500 לעי א חודש, קאסט א צימער פאר אן אומלעגאלן צען טויזנט לעי א חודש. מען הייסט זיך דא באצאלן פאר דער ריזיקע אויסצוהאלטן אן אומלעגאלן...

***

און ווידער א דונער פון העלן הימל. מען האט שוין ווי עפעס פאר־געסן, אז מען קען אריבערשיקן צו דער גרענעץ די אהער געראטעוועטע פוילישע יידן. מיט אמאל אין א מיטן העלן טאג האט דער רוח דאס אנגע־טראגן. מען האט ארומגערינגלט דעם שפיטאל. מיט פאליציי אפגעשלאסן די שטעפאניע־גאס און עס זענען געקומען א קאמיסאר מיט עטלעכע סער־זשאנטן מיט א צעטל פון אכט פערזאן וואס האבן געהערט צו דער „לעד־זשיונע": ליזא לאנדהיים, צווידערער מיט ביידע קינדער, נעטי און סוניא, ביידע ברידער דאלינגער, פרישלינג — אן אלטער, צעבראכענער מענטש מיט צוויי אויסגעקרומטע פים און רוים — א יונגער, אכצן־יעריקער בחור, א העברעאיסט, וואס שטרעבט מיט לייב און לעבן קיין ארץ ישראל. אלזא, אכט מענטשן. פון זיי — זעקס, כמעט קינדער און צוויי עלטערע, צווידע־רער און פרישלינג.

און ס'האט זיך אנגעהויבן. דער ערשטער האט זיך ארויסגעווארפן פון פענצטער רוים. ארויסגעשפרונגען אויף דער גאס צום פראנט, אז

מענטשן זאָלן זען און געבליבן ליגן אויף דער גאַס מיט איבערגעבראָכענע פּיס. אין דער זעלבער צייט האָט זיך דער עלטערער דאַלינגער אַראָפּגעוואָרפן פון באַלקאָן אויפן הויף און זיך איבערגעבראָכן דעם חוט-השדרה. געבליבן ליגן. ליזע האָט אַראָפּגעשלונגען אַלע אירע לומינאַל-טאַבלעטקעס, וואָס זי האָט זיך געהאַט איינגעקויפט פאַר די ערשטע פאַרדינטע טויזנט לעי. די איבעריקע פינף האָבן זיך געוועהרט, געשלאָגן, זיך נישט געלאָזט נעמען, געשריגן, געפּילדערט. די קראַנקע פון שפּיטאָל האָבן געהאַלפן מיט געשרייען און געוויינען. און ווידער איז אַלץ געגאַנגען כּאַדראַם: די „שוועסטער", די דאָקטוירים האָבן נישט געוווסט פון וואָס אָנצוהייבן. אויך די פּאָליציאַנטן האָבן זיך דאָסמאָל עפּעס ווי פאַרלוירן. מען האָט קודם כּל אַרויפגעבראַכט פון דער גאַס רייסן און פונעם הויף דאַלינגערן. און עס איז געוואָרן אַ קנויל: דאָקטוירים, שוועסטער, קראַנקע און פּאָליציי און ווידער — באַנדאַזשן, גיפּס פאַר די איבערגעבראָכענע גלידער... ליזע האָט פאַרהאַקט דאָס מויל און לאָזט זיך נישט ראַטעווען. זי דאַרף נישט דאָס לעבן. אַ לעבן פון אייביקן וואַרטן אויפן בייזן מלאך-המות, אויף די שליחים פון געשטאַפּאָ. זי האַלט פאַרהאַקט דאָס מויל, מען מוז אויספּאָמפּען דעם סם און מען מוז עס טאָן דורך דער נאָז. שווער איז געווען איר פאַל אויך צוליב דעם, וואָס זי האָט איינגעשלונגען די טאַבלעטקעס טרוקן. דאָס אַלץ האָט זיך געדאַרפט אויפלייזן ערשט אין מאָגן און ס'האָט פאַרשווערט דאָס אויספּאָמפּען.

דערווייל האָט מען צווישן געטאָן אין קולטוס-געמיינדע און עס זענען געקומען די הערן לעער, דיזשע. דער דירעקטאָר פון שפּיטאָל, דאָקטאָר לאַנדוי, איז געווען אויפן אָרט. די דאָקטוירים וויזשניצער מיט זיינע אַסיסטענטן האָבן צוזאַמענגעשטעלט און גיפּסירט די אבֿרים פון די צעבראָכענע צוויי יינגלעך. דאָקטאָר האַמבורגער האָט געקעמפט מיט ליזעס פאַרעקשנטקייט און אַלע צוזאַמען האָבן גענומען אַרבעטן, קלינגען, פרעגן, בעטן. עס זענען שוין געווען אַנדערע צייטן, נישט ווי פאַראיאָרן, ווען מען האָט מורא געהאַט אַ פּיפּס צו טאָן. און דאָרט... האָט מען באַרואיקט: מען האָט גאָרנישט געמיינט. מען האָט נאָר געוואָלט אָפּשיקן קיין סאַדעגערע אין אַרבעטס-לאַגער, אָדער קיין טראַנסניסטריע. גאָרנישט קיין

סגיאטין... דער מיין איז געווען צו באפרייען דעם שפיטאל פון געזונטע מענטשן.

אוודאי איז דאס געווען זייער זארג...

די פינף געבליבענע מוזן אבער פארן קיין סאדעגערע. די דריי פאר־וואונדעטע בלייבן אויפן ארט. מיט די פינף וואס מען האט געשיקט קיין סאדעגערע — האט מען מיטגעשיקט א ספעציעלן מענטש צו קוקן, צי מען שיקט זיי ווירקלעך אהין.

**
*

עס איז צוריקגעקומען פון „מונקא" (מאביליזאציע אויף ארבעט) ד"ר הארניק. געווען אין אדעס. א שיינע שטאט — זאגט ער — אדעס. אבער נאר זומער. ווינטער שטערן דעם איינדרוק די אפגעריסענע, אפגע־שליסענע מענטשן. די שמאטעס אין וועלכע די מענטשן וויקלען זיך. אבער זומער איז א פראכט. א פאר ווייסע תחתונים, מיט אדער אן א העמד, א פאר הילצערנע קלאפערס אויף די פיס, ווי צוגעפאסט צו דער הייסער, שיינער שטאט ביים ים.

— נו, און יידן?

— קיין יידן איז נישטא אין אדעס. עס קען זיין, אז ערגעץ באהאלטן זיך צווישן די ארמענער עטלעכע „פארקאמופלירטע" יידן, אבער מען ווייסט נישט פון זיי.

זיבעצן טויזנט יידן — האט מען אים געזאגט — האט מען אויפגע־האנגען אויף די ביימער. איניקע שטריק, האט מען אים נאך איצט גע־וויזן, זענען געבליבן הענגען אויף די צווייגן. וואס פאר א מוח קען דאס פארנעמען? קען מען זיך דאס פארשטעלן: זיבעצן טויזנט מענטשן אויפ־געהאנגען אויף ביימער? און די ביימער וואקסן נאך? און ס'נאך דא אויף זיי צווייגן און בלעטער? און מענטשן האבן דאס געזען און נישט משוגע געווארן?

**
*

עס געפינט זיך דאָ ביי אונדז אין טשערנאָוויץ אַ גאַנצע גרופּע קאַסאווער. זיי איז געלונגען צו אַנטלויפן פון דער לעצטער „אַקציע״ און נישט אַריינצופאַלן צו דער רומענישער זשאַנדאַרמעריע. געפינען זיי זיך אויף דער פריי. ד. ה. זיי זענען אויסבאַהאַלטן אויף פאַרשידענע ערטער אין שטאָט. איך זע מיך מיט אייניקע פון זיי און אָט האָט מיר איינער פון זיי דערציילט, און נאָכדעם האָט דאָס זעלבע באַשטעטיקט אַ צווייטער, אַז ביי זיי אין קאַסאוו האָט זיך פאַר דער לעצטער „אַקציע״ געטראָפן אַזאַ פאַל:

עס זענען פאַרבליבן אין קאַסאווער „יודנראַט״ דריי קינדערלעך: איינס פון אַכט חדשים, וואָס עפּעס אַ קריסט האָט געבראַכט צו פירן. די עלטערן פונעם קינד, דער פאָטער — אַ דאָקטאָר אין דאָרף, האָט מען דערהרגעט און דאָס קינד האָט מען געלאָזט. האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן אויפן קינד רחמנות געקריגן און עס געבראַכט אין יודנראַט קיין קאַסאוו. דאָס צווייטע קינד: אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַנדערטהאַלבן, פון אַנגעזעענע עלטערן פון קאַסאוו. די עלטערן זענען אומגעקומען בעת דער ערשטער „אַקציע״. דאָס דריטע קינד, אַ פיר־יעריקס, האָט זיך גלאַט צוגעבלאָנקעט. עס איז געבליבן אויף דער גאַס און צוגעבלאָנדזשעט צום יודנראַט.

די געשטאַפּאָ האָט זיך דערוווסט, אַז אין יודנראַט געפינען זיך דריי קינדער און געפאָדערט, מען זאָל זיי די קינדער אַרויסגעבן. מען האָט זיך געהאַלטן אַן עצה. עס איז געווען דערביי אַ רב און אַ דאָקטאָר, און מען האָט באַשלאָסן: די קינדער בשום אופן נישט אַרויסגעבן. און עס איז באַשלאָסן געוואָרן און דער דאָקטאָר האָט דעם באַשלוס אויסגעפירט: ער האָט די קינדער איינגעשלעפערט... אויף אייביק...

די לעצטע דריי יידישע קינדער פון קאַסאוו...

***

וועגן די „אַקציעס״ אין קאַסאָוו, קאַסאָוו־הוצולסקי, און וועגן די אַקציעס אין די אַרומיקע שטעטלעך האָט מיר דערציילט און דערלויבט צו פאַרעפנטלעכן ה׳ יהושע גערטנער, אַן אָנגעזעענער בירגער און ציוניסטישער טוער פון קאַסאָוו. ער איז אַנטלאָפן פון דער לעצטער „אַקציע״ אין קאַ-

סאָוו. צום גליק נישט אריינגעפאַלן אין די הענט פון דער זשאַנדאַרמע־ריע, אָבער אַלס אומלעגאַלער געזעסן פאַרשפאַרט אין אַ באַהעלטעניש און ווי אַ פויגל אין שטייג זיך געשלאָגן אין די פיר ווענט און מיט די ווי־זיעס, וועלכע זענען געבליבן אין זכרון. געזעסן איינער אַליין, ס'האָט אים כמעט קיינער נישט באַזוכט, צוליב קאָנספּיראַציע, און איך פלעג פון צייט צו צייט צו אים אַריינקומען.

די יידישע טראַגעדיע אין קאָסאָוו האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פריער, איידער די דייטשן זענען אַריינגעקומען אין שטאָט אַריין. דעם פאַר־טעם פון די שפּעטערדיקע דייטשע „אַקציעס" האָבן געגעבן שוין פון סאַמע אָנ-הייב קריג, אין 1939, די פּאָליאַקן און שפּעטער די אוקראַינער.

ווען עס האָבן פון אָנהייב קריג די דייטשן גענומען שפּאַנען מיט אַזעלכע גיגאַנטישע שריט איבער פּוילן, האָבן יידן אין פּאַניק געוואָלט אַנטלויפן קיין רומעניע. די גרענעץ איז דאָך אַזוי נאָענט, אָבער דער סטאַ־ראָסטע פּיאַלאַ האָט קיין יידן נישט אַריבערגעלאָזט, נישט געגעבן קיין פּאַסיר־שיין. אַלע קריסטן, וועלכע האָבן געוואָלט אַנטלויפן, האָבן געקריגן פּאַסיר־שיינען, נאָר יידן נישט. עס איז דעמאָלט געווען אין קאָסאָוו דר. שוואַרצבאַרט, דעפּוטאַט פון יידישן קלוב אין פּוילישן סיים. אויך אים האָט דער סטאַראָסטע פּיאַלאַ אויף לעגאַל נישט אַריבערגעלאָזט, מען האָט אים געמוזט אַריבערשטעלן אויף „שוואַרץ".

שפּעטער האָט דער סטאַראָסטע פּיאַלאַ גערופן די יידן און זיי גע-לאָזט וויסן, אַז עס ווערט אויף זיי אַרויפגעלייגט אַ „קאָנטריבוציע" אין דער הויך פון דער סומע, וועלכע די שטאָט האָט געגעבן אין יאָר 1939 אויף ל. א. פּ. (אַוויאַציע־הלוואה).

— פאַרוואָס עפּעס אַ „קאָנטריבוציע", און נאָר אויף יידן? האָט מען געפרעגט.

— ווייל פּוילן האָט קיין שום אינטערעס נישט זיך צו שלאָגן מיט דייטשלאַנד און מוז זיך שלאָגן מיט היטלערן. נאָר צוליב די יידן".

די פּאַסיר־שיינען צו דער גרענעץ זענען געווען פאַר דער פּוילישער וואַך, וואָס איז געווען געדיכט אויסגעשטעלט אויף די וועגן. די פּוילישע וואַך האָט אַלע קריסטן אַריבערגעלאָזט, די יידן —פאַרהאַלטן. דורך דער

דאָזיקער גרענעץ האָט געוואָלט אריבערגיין דער גענעראַל־סעקרעטאר פון קרן־קימת של המזרחי, משה רייך. מען האָט אים נישט געקענט אריבער־שטעלן. ער איז פארבליבן אויפן אָרט. שפּעטער זאָל מען אים האָבן דע־פּאָרטירט קיין סיביר.

נאָך א כאַראַקטעריסטישער פאַל: ראש השנה, ווען אלע יידן זענען געווען באַם דאַוונען, איז די פּאָליציי איבערגעפאַלן די בתי־מדרשים און אוועקגעשלעפּט אלע יידן פון דאַוונען אויף אַרבעט. מען האָט געמיינט, אז מען דאַרף זיי צו שוין־גראָבן, האָט מען קיין פּאַראיבל נישט געהאַט. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן גאָר עפּעס אַנדערש: דעם אויפטראָג צו ברענ־גען די יידן פונעם דאַוונען צו אַרבעט האָט אַרויסגעגעבן די פרוי פון אינערן־מיניסטער סקלאַדקאָווסקי: מען האָט געדאַרפט אויסרייניקן איר גאָרטן. די פרוי מיניסטער מיטן געזינדל, מיטן מיניסטער בראש, זענען געקומען אהערצו, זיך איינגעאָרדנט אין א ווילע מיט א גאָר גרויסן פּאַרק און אזוי ווי עס איז שוין געווען הארבסט און בלעטער זענען געפאַלן פון דיביימער, האָט מען געדאַרפט שלעפּן די יידן פון די בתי־מדרשים, אויסצו־רייניקן דעם פּאַרק.

דאָס איז געלעגן אין זינען די רעגירונגס־מענטשן, ווען זיי זענען גע־לאָפן פון וואַרשע אויפן וועג קיין רומעניע.

דורך קאַסאָוו קיין רומעניע איז געלאָפן די גאַנצע פּוילישע רעגי־רונג. אלע באַמטע, און גלאַט מענטשן. נאָר יידן האָט מען נישט אַרויס־געלאָזט, געהיט די וועגן און נישט דורכגעלאָזט.

***

מען האָט אָפּגעאָטעמט פרייער, ווען מען האָט זיך דערוווסט, אז די רוסן זענען אריבער די פּוילישע גרענעץ און פאַרנומען מזרח־גאַליציע. פּטור געוואָרן פון דער מורא פאַר די דייטשן. א געוויסע אַנטוישונג אין די רוסישע צייטן האָט געבראַכט דער אומשטאַנד, וואָס די אַדמיניסטראַציע איז געווען באַזעצט בלויז מיט אוקראַינער און דאָס גאַנצע וואָרט ביי זיי האָבן געהאַט די היימישע אוקראַינער, אפילו ווען זיי זענען געווען שוואַרץ־מאַהניקעס, טונקעלע עלעמענטן. זיי האָבן גערייצט אויף די יידן און נאָר

אַנשטאָט דעם פריערדיקן „ייד-באָלשעוויק" האָט מען איצט געהערט „ייד־ספעקולאַנט". דער רעזולטאַט איז געווען דער זעלבער. איצט האָט מען גערודפט יידן פאַר כלומרשטער ספעקולאַציע, כאָטש ספעקולירן איז בפירוש נישט געווען מיט וואָס.

דעם 30סטן יוני 1941 האָבן די רוסן פאַרלאָזט קאָסאָוו. די היי־מישע אוקראַינער האָבן איבערגענומען די מאַכט. דאָס ערשטע וואָס זיי האָבן געטאָן: צוגענומען ביי די יידן אַלע לעבנסמיטל-קאַרטן און פאַר־באָטן די קריסטן צו פאַרקויפן די יידן פראָדוקטן. די אוקראַינישע מיליץ, אונטער דער אָנפירונג פונעם געוועזענעם שטייער־אמט־אָנגעשטעלטן וואָ־לאַנסקי, האָט אדורכגעפירט אין אַלע יידישע הייזער רעוויזיעס און צו־גענומען אַלע זאַפאַסן פון לעבנסמיטל-פּראָדוקטן. יידן האָבן זיך געווענדט צו די אַזוי גערופענע אוקראַינישע וואָרטזאָגער וויניצקי, קאָשאַק, קיאַטשוק, געבעטן העלפן, אָנגעוויזן, אַז עס דראָעט די יידן אַ הונגער. זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט דערפון. די אָקופּאַציע אין קאָסאָוו און דער אומגעגנט איז פון אָנהייב געווען אַן אונגאַרישע, אָבער די אונגאַרן האָבן זיך אין די אי־נערלעכע ענינים נישט געמישט. געבאַלעבאַטעוועט האָט דער מאַגיסטראַט, די אוקראַינער. דער דאָזיקער מאַגיסטראַט האָט נאָך דעם ווי ער האָט אויס־געליידיקט אַלע יידישע שטיבער פון לעבנסמיטל-פּראָדוקטן, ארויפגעלייגט אויף דער יידישער באַפעלקערונג אַ פליכט צושטעלן פאַר דער אונגאַ־רישער „באַזעצונג" ניין טויזנט קילאָ תבואה. די יידן האָבן עס פאַקטיש נישט פאַרמאָגט און נישט געהאַט וווּ צו נעמען. עס איז דאָך געווען פאַר־באָטן די קריסטן צו פאַרקויפן עפּעס צו יידן. אַ יידישע דעלעגאַציע האָט זיך געווענדט צום אונגאַרישן קאָמענדאַנט, אים דערקלערט די סיטואַציע און ער האָט אין אַ גרויסער טייל די יידן פון דער דאָזיקער לאַסט באַ־פרייט.

יעדן טאָג פלעגט די מיליץ צוזאַמענעמען צען־פופצן יידישע יונגע־לייט און מערדערלעך שלאָגן. איצט אונטערן אויסרייד „יידן-באָלשעווי־קן". ס'האָט נישט געהאָלפן גאָרנישט, קיין אינטערווענצן, קיין געלט. די מענטשן פלעגן ארויסקומען נאָך דעם שלאָגן — קאַליקעס. אַ סך האָבן גע־שפיגן מיט בלוט. מען האָט זיי אָפגעשלאָגן די לונגען. ביים שלאָגן האָבן

זיך אויסגעצייכנט ניקאָלאַי קיאַטשוק, קאַשאַק, רעגוש, ראַמאַן באַלאַהור-ראַ, יוזיפּטשוק, וואָלאַנסקי, קאַזאַק יוזעף און קאַשאַקס טאָכטער — לע-לעט. דער מויערער וואָלאַנטשוק, וועלכער איז פריער געווען אַן אָנגע-זעענער מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. סאַריוק פון זשאַביע — א געווענלעכער גנב, וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון געריכט אין די וועלדער. איצט איז ער אויפגעשטאַנען ווי אַ נאַציאָנאַלער העלד, וועל-כער האָט זיך, כלומרשט, אויסבאַהאַלטן אין וואַלד ווי אַ פּאַטריאָט.

דעם 29סטן יולי האָט דער מאַגיסטראַט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדע-נונג, אונטערגעשריבן דורך דעם אינזש. האַנטיוק, אַז אַלע יידן, מענער, פרויען און קינדער פון 2 יאָר אָן, דאַרפן טראָגן געלע אָרעם-בענדער.

צום סוף יולי האָט דער בירגערמייסטער וויניצקי אין נאָמען פון קרייז־הויפּטמאַן, פּאַלקמאַן, אויפגעפאָדערט די יידן, אַז זיי זאָלן אויס-רעמאָנטירן און אויסמעבלירן קאָמפּלעט און מיטן גאַנצן קאָמפאָרט פינף ווילעס, דעמאָלירטע בעת דער מלחמה. דער בירגערמייסטער האָט גוט גע-ווּסט, אַז עס איז געווען אוממעגלעך צו באַקומען מאַטעריאַלן אויפצו-שטעלן די ווילעס.

די יידן האָבן זיך געווענדט צום קרייז־הויפּטמאַן אליין און ער האָט דערקלערט, אַז עס האַנדלט זיך נאָר וועגן איין ווילע, פון זיינעטוועגן אַליין. די איבעריקע — איז נישט זיין באַפעל. די איבעריקע ווילעס האָבן גע-הערט דער פרוי שטעפּוריאַק, אַ פרוי פון אַן אוקראַאינישן אַרצט, אַ פאַר-ביסענע אַנטיסעמיטקע. זי האָט שפּעטער אַנטיילגענומען אין אַלע „אַק-ציעס" קעגן יידן און זיך ממש געבאָדן אין יידיש בלוט.

פון די פּראָווינץ-שטעטלעך האָט מען אָנגעהויבן באַקומען שרעקלע-כע ידיעות (און דאָס איז געווען נאָך איידער די דייטשן האָבן אָנגעהויבן זייערע „אַקציעס").

אין יאַבלאָניצאַ, ביים טשערעמאַש, האָבן די הוצולן, אונטערן אויס-רייד, אַז עס ווילן אַריינקומען רומענער אויסצוראַטן יידן, און אַזוי ווי זיי זענען אויסן צו ראַטעווען זיי, — צוזאַמענגענומען אַלע יידן, און זיי פאַר-שפּאַרט אין אַ קעלער. ביינאַכט האָבן זיי די יידן געבונדן און אַלע אַריינ-געוואָרפן אין טשערעמאַש. דאָס האָט אָרגאַניזירט דער דאָרטיקער גלח.

מען האָט זיך דערוווסט וועגן דעם אין קאַסאָוו, ווייל איין פרוי האָט ביים אַריינפאַלן פון באַרגיקן ברעג אין טייך אַריין זיך פאַרטשעפּעט אין אַ צווייג און נישט אַריינגעפאַלן. זי האָט זיך באַפרייט פון די פענטעס און געקומען צו לויפן קיין קאַסאָוו.

נאָך דעם אָפּגעטוענעם שמיקל אַרבעט זענען די גויים פון דאָרף געגאַנגען אין אַנדערע דערפער דורכצופירן דאָס זעלבע וואָס אין יאַבלאַניצא. עס זאָל זיך אָבער נישט איבערחזרן אַזוי ווי מיט דער גערעטעוועטער פרוי, פלעגן זיי צוזאַמענבינדן מיט שטעכל־דראָט עטלעכע מענטשן אינאיינעם און אַזוי אַראָפּשטויסן און טשערעמאַש.

אין דאָרף הריניאָווא האָבן די דאָרטיקע הוצולן נישט אַריינגעלאָזט צו זיך די יאַבלאַניצער. זיי האָבן געזאָגט, אַז זייערע יידן געהערן צו זיי. ווייל עס האָט זיך געהאַט איינגעשטעלט אַ מין מנהג, אַז ווער עס הרגעט אַ ייד, באַקומט זיין פאַרמעגן. די הריניאָווער האָבן באַשלאָסן, אַז מיט זייערע יידן וועלן זיי זיך אַליין אַן עצה געבן. די הריניאָווער הוצולן האָבן זייערע יידן נישט דערהרגעט, נאָר פאַרטריבן פון דאָרף און זיך צעטיילט מיט זייער פאַרמעגן. דער יאַבלאַניצער פּאָפּ האָט אויסגעטייטשט: די יאַבלאַניצער, וועלכע האָבן זייערע יידן דערטרונקען, האָבן אָפּגעטאָן אַ גאָטס־זאַך, אַ הייליקע נאַציאָנאַלע אַרבעט, זיי וועלן גלייך אַריין אין גן-עדן. די הריניאָווער אָבער וועלן אַריין אין גיהנום, ווייל זיי האָבן נאָר באַרויבט די יידן און זיי נישט אויסגעהרגעט.

די אוקראַאינישע מיליץ האָט אינצווישן געבראַכט קיין קאַסאָוו די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון דאָרף הריטשקאַ. זיי איינגעשפּאַרט און מען האָט זיך דערוווסט, אַז מען שלאָגט זיי דאָרט מערדערלעך. די קאַסאָווער יידן האָבן אינטערווענירט אין דער מיליץ, האָט מען זיי געענטפערט, אַז זיי זאָלן זיך נישט מישן, אַז דאָס זענען באָלשעוויקעס און אַז אויב זיי וועלן זיך יאָ מישן, וועט מיט זיי זיין דאָס זעלבע.

אין אויגוסט 1941 האָט מען פון אונגאַרן אַרויסגעשיקט פיל יידן פון פוילישער אָפּשטאַמונג און זיי אַריבערגעשטעלט איבערן דניעסטער. דאָס האָט געטראָפן אַן ערך פופציק טויזנט יידן. צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן, אַז זיי זענען פון פוילישער אָפּשטאַ־

מונג. זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס זענען שוין געהאט ארויסגעפארן פון פוילן און זיך באזעצט אין אונגארן. די גרעסטע טייל פון זיי איז דורך די דייטשן אויסגעשאסן געווארן. אין קאמעניעץ־פאדאלסק אליין זענען אויסגעשאסן און דערטרונקען געווארן צוועלף טויזנט פון זיי. א קליינע טייל וואס האט זיך אפגעראטעוועט — איז געקומען צו לויפן קיין קאסאוו, ווייל דורך קאסאוו, דורך די קארפאטן, פירט דער וועג קיין אונגארן. און די געראטעוועטע זענען געלאפן צוריק אהיים — קיין אונגארן. די קאסאווער יידן האבן אפגערעדט מיט דער גרענעץ־וואך און א געוויסע טייל פון זיי אריבערגעשטעלט. אייניקע זענען געבליבן אין קאסאוו און געטיילט דעם שיקזאל פון די קאסאווער יידן.

ערב ראש השנה 1941 האט די אוקראאינישע מיליץ ווידער אונטערן פארוואורף „קאמוניסטן" ארעסטירט אכט יידן, זיי מערדערלעך צעשלאגן און אפגעפירט אין געשטאפא־לאגער, אין פעטשעניעזשין. צווישן זיי איז אויך געווען איינער געוויסער מאטל שויבער. אויף אים האט אנגעוויזן זיינער א געוועזענער חבר, דער אוקראאינער פריסיאזשניק. אין די רוסן־צייט האט דער דאזיקער פריסיאזשניק צוזאמען מיט מאטל שויבער געארבעט אין שטייער־אמט. זיי האבן גוט געלעבט צווישן זיך. די פרוי שויבער איז איצט אין אומגליק געלאפן צו פריסיאזשניקן, צום געוועזענעם חבר, בעטן, אז ער זאל זיך איינשטעלן פאר איר מאן. פריסיאזשניק איז ווירקלעך באלד געגאנגען אין געשטאפא, אבער שויבערן אין די אויגן אים פארגעווארפן, אז ער איז א באלשעוויק, א סאוויעטן־אנהענגער, און ער אליין האט אים געשלאגן און עס האבן אים מיטגעהאלפן שלאגן ניקאלאי קיאטשוק און די לעלעס.

נאך פארשידענע שוועריקייטן האט זיך איינגעגעבן שויבערן פון לאגער ארויסצובאקומען. די איבעריקע האט מען דערשאסן. שויבער מיט דער פרוי זענען אויף ארישע פאפירן אריבערגעפארן קיין לעמבערג. פריסיאזשניק האט זיך וועגן דעם דערוווסט, ער האט זיך נישט געפוילט, אויך אריבערגעפארן קיין לעמבערג, זיי אויפגעזוכט, אנגעוויזן דער געשטאפא און מען האט זיי דארט דערשאסן.

מיט דער דאָזיקער „העלדנטאַט” האָט ער זיך שפּעטער אַליין גע־גרויסט.

די אונגאַרן זענען פון קאַסאָוו אַוועק. די מאַכט האָבן איבערגענומען די דייטשן. מיט די דייטשן און אוקראַאינער איז געוואָרן נאָך שווערער. מען האָט אָנגעהויבן באַקומען נאָך שרעקלעכערע ידיעות פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. פון סניאַטין האָט מען אַרויסגעפירט זיבן הונדערט יידן און מען ווייסט נישט, וווהין זיי זענען אַהינגעקומען. אין סטאַניסלאַוואָוו האָט מען דערשאָסן טויזנט יידן. עטלעכע טויזנט יידן האָט מען דערשאָסן אין שעפּאַראָוויצער וואַלד, נעבן קאָלאָמיי. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין די טעג צווישן יום־כיפור און סוכות.

***

דאָנערשטיק דעם 16טן אָקטאָבער 1941, איז מען געקומען אין יידנ־ראַט אין קאַסאָוו אָנזאָגן, אַז עס איז געקומען געשטאַפּאָ און וויל נעמען אויף אַרבעט 60־70 יידן. און שוין — איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, פאַרט שוין אַדורך אַ לאַסט־אויטאָ מיט געשטאַפּאָ־לייט און אַלע וועגן און אַלע גאַסן ווערן אַרומגעשטעלט מיט אוקראַאינער און דייטשער זשאַנ־דאַרמעריע און מען לאָזט נישט אַדורך קיין איין ייד. די אָנגעקומענע גע־שטאַפּאָ־לייט מיט דער אָרטיקער אוקראַאינער מיליץ גייען פון שטוב צו שטוב און שלעפּן אַרויס די יידן, מענער, פרויען און קינדער, און אין אַ גאָר קורצער צייט פירט מען דורך אַ טראַנספּאָרט פון פיר הונדערט מענטשן און מען שטעלט זיי אויס אויפן רינג־פּלאַץ, אַקעגן יידנראַט. צו־ערשט פאָדערן די געשטאַפּאָ־לייט, אַז אויך די מיטגלידער פון יידנראַט זאָלן אַריין אין דער גרופּע. נאָכדעם רעכענען זיי זיך עפּעס איבער און לייגן פאָר דעם יידנראַט, אפשר ווילן זיי אויסקויפן די פאַרהאַלטענע? דער יידנראַט האָט צוגעזאָגט דעם העכסטן פּרייז, אַז מען זאָל יענע באַפרייען. און שוין זענען איינציקע מיטגלידער פון יידנראַט אַרויסגעגאַנגען איבער דער שטאָט זאַמלען דעם אויסקויף. מען האָט געזאַמלט קילימעס, פעלצן, גאָלד און זילבער. דעם טראַנספּאָרט האָט מען דערווייל אָפּגעפירט הינ־טערן בערגל, וואָס ליגט אינמיטן שטאָט.

דער יידנראַט זאַמלט דעם אויסקויף און פונעם בערגל הערט מען דערווייל שיסן. עס איז אָבער קיינעם נישט געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז דאָרט שיסט מען די מענטשן, וועלכע מען גייט דאָ אויסקויפן. מען האָט געגלויבט, אַז דאָס זענען שאָסן פּראָסט אין דער לופט אַריין, אויף אָפּ־צושרעקן.

יעדע האַלבע שעה קומט דער אָבער־שטורעם־פירער גאַיאַ, וועלכער פירט אָן מיט דער „אַקציע" און פאַרנעמט אַלץ וואָס מען האָט אָנגעזאַמלט צווישן די יידן און פאָדערט נאָך.

ביז 5 אזייגער — זאָגט ער — „ווירד אַלעס גוט זיין". אָבער איי־דער מען קוקט זיך אַרום, פירט מען שוין נאָך א טראַנספּאָרט פון נאָך א דריי הונדערט מענטשן. גאַנצע באַנדעס אוקראַאינער, אפילו שול־קינדער — מען האָט ספּעציעל באַפרייט די קינדער פון די שולן, אַז זיי זאָלן זיך קענען באַטייליקן אין דער דאָזיקער אַרבעט — גייען פון שטוב צו שטוב און שלעפּן אַרויס די יידן צו די טראַנספּאָרטן. אין יידנראַט קומען אַלעמאָל די אָפיצירן הערטעל, דער שעף פון דער „זאָנדערדינסט" אין קאַלאָמיי, און גאַיאַ, וועלכער פירט אָן מיט דער „אַקציע" און מיט זיי נאָך אייניקע אַרטיקע, פאַרנעמען די געזאַמלטע זאַכן און באַרואיקן: די פאַרהאַלטענע וועלן באַלד באַפרייט ווערן. און פונעם בערגל הערט מען אַלץ שיסן.

פאַרנאַכט, ווען עס איז געקומען נאָך עפּעס אן אָפיציר נאָך זאַכן, האָט מען אים געפרעגט, פאַרוואָס באַפרייט מען דערווייל נישט די פרויען מיט די קינדער, מילא די מענער דאַרף מען אפשר צו דער אַרבעט (מען האָט נאָך געגלויבט, אַז מען נעמט צו אַרבעט...), אָבער די פרויען און קינדער קען מען דאָך אָפּלאָזן.

מען האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז די פרויען האָט מען די ערשטע אויסגעשאָסן און די קינדער האָט מען אַזוי, נישט דערשאָסענערהייט, א שאָד געווען די קוילן, לעבעדיקערהייט באַגראָבן.

פאַרנאַכט איז געקומען אן אָפיציר מיט א צעטל אָנגעשריבן אויף אוקראַאיניש מיט די אַדרעסן פון די רייכסטע יידישע הייזער, אַז דאָרטן זאָל מען נעמען זאַכן. מען האָט טאַקע פון דאָרט פאַרנומען זייער פיל ווערטפולע זאַכן, אָבער אויך פאַרנאַרט 3 פון די אָנגעזעענסטע יידן, אונטערן

אויסרייד, אז מען וועט מיט זיי נאָך פאַרהאַנדלען וועגן באַפרייען יענע, די פאַרהאַלטענע. דאָס זענען געווען זיסיע שלאָסבערג, דר. הירש און דר. הירשס א שוואָגער. מען האָט זיי פאַרנאַרט און צעשאָסן צוזאַמען מיט יענע.

קעגנאיבער דעם יידנראט איז געווען א רעסטאָראַן. א גאַנצע נאַכט האָט מען דאָרט געטאַנצט און געהוליעט. עס האָט די אוקראַאינישע יוגנט אונטער דער אָנפירונג פון אינזש. דיוק וויניצקי געפייערט די „אַקציע". און דיוק וויניצקי האָט אַלעמאָל שיכורערהייט אַרויסגעוואָרפן א הונדערט־זלאָטע־שטיק און געשריגן: — „נאָך פאר הונדערט יידישע קעפּ".

אין צווייטן טאָג פון דער „אַקציע" האָבן שוין געאַרבעט בלויז אוק־ראַאינישע באַנדעס. נאָר אין די ערשטע צוויי טראַנספּאָרטן האָט אַנטייל גענומען די דייטשע געשטאַפּאָ. די אוקראַאינישע באַנדעס האָבן זיך איבער נאַכט אויפּסניי אָרגאַניזירט און צוזאַמענגעשטעלט און צוגעשטעלט דער געשטאַפּאָ נאָך פערצן הונדערט יידן.

פּרייטיק פאַרנאַכט האָבן אויפגעהערט די שאָסן. מען האָט אונטער־געצונדן די גרויסע שול. די דאָזיקע שול איז געווען באַרימט אין דער גאַנ־צער געגנט צוליב אירע זעלטענע שניצערייען פון דער מזרח־וואַנט און ארון־קודש.

דעם באַרג, וווּ מען האָט צעשאָסן די יידן, האָבן די דייטשן א נאָמען געגעבן „יודנבאַרג".

ערשט שבת אינדערפרי האָבן זיך די איבערגעבליבענע יידן אין קאָסאָוו דערוווּסט וועגן דעם גרויסן אומגליק.

מען האָט אויסגעשאָסן צוויי טויזנט אכט און אכציק יידן.

ווי עס האָט שפּעטער דערציילט דער דעמאָלטיקער לייטער פון אַר־בעט־אַמט, ניקאָלאַי לעוואַליוק, האָט ער אליין געזען ביים קרייז־הויפּט־מאַן א בקשה פון דעם אוקראַאינישן קאָמיטעט, אַז מען זאָל אין קאָסאָוו אדורכפירן א „יידן־אַקציע". די בקשה איז געווען אונטערגעשריבן דורכן בירגער־מייסטער וויניצקי, זיין פאַרטרעטער סאַלוואַראָווסקי, געמיינדע־בייראַט, באַיעטשקאָ, דעם דירעקטאָר פון דער מילך מייעריי קאַשאַק, פּרוי־

שטעפּוריאַק און די פרוי גאַרדעצקאַ, די אַלמנה פון אַן אוקראַאינישן אַדוואָ־קאַט. אַלזאָ: „אינטעליגענץ".

דער געוועזענער סעקרעטאַר פון דער סטאַראָסטווא אין קאָסאָוו, נאָכדעם בוכהאַלטער פון די עלעקטריציטעט־ווערק, קאַטינסקי, האָט דער־ציילט (זיין ביוראָ האָט זיך געפונען אין מאַגיסטראַט־געביידע), אַז מיט־וואָך, דעם 5טן אָקטאָבער, זיבן אַזייגער אין אָוונט, איז אין מאַגיסטראַט פאָרגעקומען א זיצונג פון געשטאַפּאָ מיט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וו מען האָט אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון דער אַקציע. נאָכדעם האָט מען אין מאַגיסטראַט צוזאַמענגערופן די אוקראַאינישע יוגנט, מען האָט אויפן באַרג אויסגעגראָבן דעם גרויסן מאַסן־גרוב און אָרגאַניזירט די באַנדעס צו הילף דער געשטאַפּאָ דורכצופירן די „אַקציע".

נאָך האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אין פּלאַן פון דער געשטאַפּאָ איז געווען צו דערשיסן זעקס, צי זיבן הונדערט יידן. דאָס איבעריקע האָט גע־נומען אויף זיך די שטאָט־פאַרוואַלטונג און אַזוי זענען דערשאָסן געוואָרן צוויי טויזנט מיט אכט און אכציק יידן. בעת דער „אַקציע" האָט מען אָפּ־געקליבן הונדערט מיט פופציק בעלי־מלאכות און זיי אַלס נוצלעכע, נויטי־קע, געזאָלט לאָזן לעבן. פון מאַגיסטראַט האָט מען אָבער באַפוילן, אַז מען זאָל די הונדערט פופציק אויך דערשיסן.

***

די נעמען פון די אָנטיילנעמער אין פּאָגראָם, די נעמען פון די מיטהעלפער „יודנריין" צו מאַכן דאָס אַזוי־גערופענע „פּאָקוטיע" (דאָס הוצולישע ווינקל פון דרום־גאַליציע), די נעמען פון די אַלע אוקראַאינער, הוצולן און פּאָליאַקן, וואָלט געווען אפשר איבעריק אויסצורעכענען און עס איז אוממעגלעך אויסצורעכענען אַלע יידישע שונאים פון דעם ווינקל. א טייל פון זיי זענען אָבער פאַרשריבן.

עס האָט אפשר שוין איצט נישט קיין באַדייטונג און שפּעטער וועט עס נאָך ווייניקער זיין וויכטיק צו קענען די דאָזיקע נעמען. איך קאָן אָבער די נעמען נישט פאַרשווייגן. איך מוז זיי אָנרופן, אָפּרעדן זיך פונעם האַרצן. ווייל אין א מאָמענט, ווען דאָס האָט יאָ געהאַט א ממשותדיקע באַדייטונג,

האָט מען מיך נישט געוואָלט אויסהערן. אונדזערע אייגענע מענטשן האָבן נישט אויפגענומען דעם געשריי, נישט געוואָלט אויסהערן.

עס איז געווען שוין נאָכן באפרייען פון טשערנאָוויץ דורך דער זיג־רייכער רויטער ארמיי. עס איז געקומען צו אונדז קיין טשערנאָוויץ א יידיש-אוקראַינישער שרייבער, רייצין. איך האָב שוין דעם מאטעריאל געהאט פארצייכנט און אים מיט דעם מאטעריאל באקענט. עס איז אין יענעם מאָמענט געווען זייער וויכטיק צו וויסן די נעמען פון די פּאָג־ראמשטשיקעס, ווייל ביי אונדז, און אין גאנצן באפרייטן אוקראַינישן גע־ביט, האָט זיך געמערקט א טענדענץ צוריקצושטעלן ביי דער ארבעט אויף די פּאָסטנס די זעלבע מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען ביי דער ארבעט אויף די סאָוויעטישע אמטן פריער, ביזן דייטשן איבערפאל. און עס האָט זיך געקאָנט טרעפן, אז אזא מין פּריסיאַזשניק, צי א צווייטער, הריץ האָור־ריש, וועלכער איז פאר דעם איבערפאל פון די דייטשן געווען לייטער און אינספּעקטאָר פון פאָלקסבילדונג-אָפּטייל און וועלכער האָט שפּעטער אי־בערגעגעבן דער געשטאַפּאָ אלע לערער, האָט געקאָנט איצט קומען אין א צווייטער שטאָט מיט זיינע דאָקומענטן פון פריערדיקער ארבעט און ווידער באקומען דעם זעלבן אמט. עס זענען ביי אונדז אין טשערנאָוויץ אָנגעקומען פון דעם געוועזענעם אָקופּירטן אוקראַינישן געביט אויף הויכע סאָוויעטישע פּאָסטנס טיפּן, פון וועלכע עס האָט שטאַרק געשמעקט מיט פּריסיאַזשניק און הארוויש... עס איז אַלזאָ געווען אַן אומבאַדינגטע נויט־ווענדיקייט די דאָזיקע בלוט-הינט באצייטנס צו דעמאַסקירן. די מלחמה האָט נאָך אָנגעהאַלטן. האָב איך דעם יידיש-אוקראַינישן שרייבער באקענט מיט מיינע מאטעריאַלן און געבעטן: פאַרעפנטלעכט דאָס.

און ער האָט מיך גענומען לערנען תורה: — אונדזער אויפגאַבע, אונד־דזער לאָזונג איז „פריינטשאַפט פון פעלקער. מיר שרייבן וועגן פאַלן, ווען אוקראַינער און אנדערע שכנים אונדזערע האָבן אונדז געראַטעוועט, גע־האָלפן"...

כ׳בין מסכים. איינשטימיק. דאָס אויך. — אָבער אונדזער שולד איז עס נישט, אז אזוי ווייניק פריינטשאַפט, אפילו מענטשלעכקייט, האָבן מיר צווישן די ארומיקע שכנים אונדזערע געטראָפן, און אזויפיל אכזריות.

אלזאָ, איך וועל די נעמען דאָ אָנגעבן, אז עס זאָל מיר אראָפּ א שטיין פון הארץ. זאָלן כאָטש די נעמען בלייבן פארצייכנט און פארשאָלטן ווערן אין אונדזער זכרון. איך וועל אויך זיך באַמיען אָנצוגעבן די נעמען פון די, וועלכע האָבן אונדז געהאָלפן.

די קאָסאָווער פּאָגראָמשטשיקעס, וועלכע זענען פארשריבן: טשיבי, פאָטער, זון און אייניקל, דער רייכסטער פויער אין דער געגנט, זיי האָבן פון דער פאָרשטאָט מאָסקאליאָווקא געטריבן, געשלאָגן און גערויבט די יידן. ראָמאן באלאהורא — מיט די רוסן געארבעט אלס באָלשעוויק, איצט געטריבן, געשלאָגן און גערויבט. דער דירעקטאָר פון דער מילך-מייעריי, קאָשאק, א מיטגליד פון אוקראַאינישן קאָמיטעט — האָט אָנגעוויזן דער געשטאַפּאָ, וועלכע האָט גענומען יידן בלויז פון דער בריק אָן, אז נאָך דער בריק ווייטערצו ווינען אויך יידן.

נאָך דער בריק גופא האָט שוין געאַרבעט דער מויערער דאַליבוג און האָט פארנומען פון דאָרטן דרייסיק יידן. קאשאק האָט דעמאָלט אָפּ־געפירט די געשטאַפּאָ צו מאיר דרעזנער און דאָרט פארנומען זיבן פערזאָן. אין דער צייט האָט קאשאקס טאָכטער, לעלעט, און פריסיאזשניק צוזאמען מיט דער געשטאַפּאָ צוזאמענגעשטעלט דעם טראנספּאָרט. דער מויערער פאנצאק האָט אויף זיין געוויסן פינף הונדערט מענטשן. דאָס זעלבע דער בעקער דימיטראָ. די פרוי פון שאָפער באביוק האָט געוווינט ביי משה פליישער. זיי האָבן געלעבט צווישן זיך זייער גוט. די פאמיליע פליישער האָט זיך באהאלטן אין קעלער. זיי זענען געווען צען מענטשן. און די באַ־ביוק האָט אויפגעהאנגען אַ שלאָס פון דרויסן, צו פארמאַסקירן. דערנאָך האָט זי געבראכט די אוקראַאינישע פּאָליציי און זיי אלעמען אויסגעגעבן דער געשטאַפּאָ. דער פאָטאָגראף, וואָס האָט געוווינט ביי מרדכי בארט־פעלד, האָט אָנגעוויזן, ווו עס באהאלט זיך אויס די פאמיליע בארטפעלד און מיט זיי נאָך אנדערע יידן, ראָזענרויך, פאמיליע קארפעל — פופצן מענטשן. פעטראָ באוויטש האָט ארויסגעגעבן די פאמיליע פון משה יוסף פוקס — 22 מענטשן. הריץ האווריש — אן „אלטער באָלשעוויק" (געוועזענער אינספעקטאָר פון פאָלקס בילדונג) האָט ארויסגעגעבן צוויי פאמי־

ליעם וואָס האָבן געוווינט צוזאַמען מיט אים: בערל פריץ און ישראל ראָזנ־רויך — קאָמוניסטן.

דער קאָמענדאַנט פון דער אוקראַיִנישער פּאָליציי — דערזשיצקי, פון קיטעוו, איז זיך גלאַט מערדערלעך באַגאַנגען מיט אַלע, וועלכע זענען אים אַריינגעפאַלן אין די הענט אַריין. די וועלכע ער האָט געפירט צום זאַמל־פּלאַץ, האָט ער שוין געבראַכט האַלב־טויטע. עס האָט זיך געמאַכט אַ פאַל, ווען די געשטאַפּאָ האָט אָפּגעלאָזט דריי יידישע יונגעלייט — האָט ער זיי אויפן וועג דערשאָסן. ניקאָלאַי קאָזלאַניוק האָט אַרויסגעגעבן זיין שכן יוסף קעז מיט דער פאַמיליע און אַלע יידישע שכנים אַרום. ניקאָלאַי קיאַש־טשוק האָט געטריבן צום טראַנספּאָרט דעם דאָקטאָר אַמייזן מיט זיין פרוי. אינזש. דיוק וויניצקי. האָט מיטגעהאָלפן דער געשטאַפּאָ ביים אויסאַר־בעטן דעם פּלאַן און דורכפירן פון דער גאַנצער „אַקציע". דער פּאָסט־נאַ־טשאַלניק פיגלוס האָט גענומען ביי דער פרוי דאָקטאָר סימכע אַ גרויס פאַרמעגן, ער זאָל אויסבאַהאַלטן זי מיט איר קינד, און שפּעטער ביי דער „אַקציע" זיי אויסגעגעבן.

ביי פרוי יוליאַ לעוויצקאַ האָט זיך אויסבאַהאַלטן איר שכן אַבאַ בראַדער מיט דער פאַמיליע און אַנדערע יידישע שכנים. זי האָט זיי אַלע אַרויסגעגעבן.

***

דער זשאַנדאַרם-וואַכמייסטער דענק, אַ דייטש פון אינסברוק, אַ גע־וועזענער קאָמוניסט, האָט זיך געמאָלדן פרייוויליק צום שיסן יידן. דער לייטער פון גרענעץ-פּונקט, לאַנגע, אויך אַ גאַנצער קאָסמאָפּאָליט און פּאַ־ציפיסט, האָט זיך געמאָלדן אין דער „אַקציע" פרייוויליק, צו שיסן. פון רומעניע זענען געקומען „פאָלקס-דייטשן" און אוקראַיִנער. זיי האָט מען צונעטיילט צו דער „זאָנדער־קאָמאַנדאַ". זיי זענען געווען די ערגסטע מערדער.

***

עס וואָלט געווען נישט גערעכט צו פאַרשווייגן די ווייניקע, וועלכע האָבן אונדז אין אונדזער נויט געהאָלפן. דאָס זענען געווען: יוזעף טימיאַק.

דער „געלער פאס" פאר יידן אין טשערנאָוויץ

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די „אַקציע״, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט (קיינער האָט אים נישט געבעטן) ווען דעם) ביי די ווינונגען פון מענדל מאַרמאַראָש, האַזענפּראַץ, סופר, פרענקל און שפּייכער און ווען מען איז געקומען אהער פון געשטאַפּאָ און די באַנדעס, האָט ער געזאָגט, אַז „מען איז שוין דאָ געווען און אַלע פאַרנומען״. אים האָט צוגעהאָלפן אַנטאַסי אַניסקאַוו. ביידע האָבן אין דער גאַנצער צייט פון דער „אַקציע״ געהיטן די יידישע שטיבער. זיין ברודער, ניקאָלאַי טימיאַק, האָט באַלד ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די „אַקציע״ גענומען א וועלאָסיפּעד, געפאָרן איבער דער שטאָט און ווו ער האָט אָנגעטראָפן א ייד, האָט ער אים געוואָרנט און געהייסן זיך באַהאַלטן. ער האָט אויך שפּעטער פיל מיטגעהאָלפן. דר. באַדנאַר האָט ביי זיי אין שטוב אויסבאַהאַלטן 10 מענטשן. די פרוי פון אינזש. האַנטיק האָט אויסבאַהאַלטן 9 יידן. אַנטאַסי שפּאַק האָט אויסבאַהאַלטן זיינע יידישע שכנים. דאָס זעלבע דער שוסטער ווינטאַניאַק. דער קינסטלער שניצער דעוודיוק האָט אויסבאַהאַלטן זיינע יידישע קאָלעגן. דאָס אוקראַינישע מיידל פון פאָרשטאָט סמאַדנאַ, ריפּטיק, האָט צווישן געטאָן די יידן פון דער פאָרשטאָט, אַז זיי זאָלן זיך אויסבאַהאַלטן, ווייל עס גייט אַן „אַקציע״ אין שטאָט.

די אַרויסגעראַטעוועטע און אַנטלאָפענע פון די „אַקציעס״ און באַזונדער פון די „אַקציעס״ נאָכן ליקווידירן פון דעם קאָלאָמייער געטאָ האָבן געהאַט צו דערציילן וועגן א גאַנץ דאָרף, וועלכעס איז געלעגן אויפן וועג צו דער גרענעץ און האָט זיך פריינטלעך באַצויגן צו די אומגליקלעכע. דאָס איז דאָס דאָרף מיקיטינצע, א לינק-געשטימטעס. די איינוווינער פון דאָרף האָבן געהאָלפן, אויסבאַהאַלטן, געגעבן ברויט און אָנגעוויזן דעם וועג צו דער גרענעץ.

וועגן דעם דאָזיקן דאָרף האָבן דערציילט אויך אָפּגעראַטעוועטע קאָסאָווער און פּיסטינער יידן.

***

די עקזעקוציע אין קאָסאָוו איז אַדורכגעפירט געוואָרן אין דעם באַקאַנטן נוסח. מען האָט די מענטשן פאַרזאַמלט אין א גרויסן הויף אויפן

מארק, אויסגעטאָן נאקעט און רעווידירט, צוגענומען דאָס געלט, צירונג, וואלוטע און פארטיעסווייז צו 15־20 מענטשן אָפּגעשיקט מיט א לאסט־אויטאָ אויפן בארג. די פרויען האָט מען אויך אויסגעטאָן נאקעט און רע־ווידירט אפילו אין די אינטימסטע ערטער אין דער קעגנווארט פון אלע מענער. עס זענען געקומען אוקראינער און פּאָליאקן קוקן ווי אויף א טע־אטער־פאָרשטעלונג. די „נאָבעלע צושויער" זענען אויך נישט געשטאנען אומזיסט: האָבן זיי געזען אויף עמיצן א גוטן אנצוג אָדער א גוטע פּאָר שיך, האָבן זיי דאָס אראָפּגעריסן פאר זיך. דערביי נאָך מערדערלעך גע־שלאָגן די קרבנות. צוויי יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך אויסגעריסן און אנטלאָפן, האָט מען געכאפּט. איינעם, שמחה שניידער, האָט געכאפּט א פּאָליציאנט און אָפּגעפירט אין ארעסט. דעם צווייטן, אנטשל טוי, האָט געכאפּט דער אוקראינער יאן פיפטשוק. ער האָט אים שטאַרק געשלאָגן, צוריקגעשלעפּט אויפן בארג און דאָרט האָט מען דעם אומגליקלעכן פארן שיסן אויסגעשטאָכן די אויגן.

דאָנערשטיק ביינאכט, ווען מען האָט געענדיקט דאָס שיסן, האָט מען דעם גרוב מיט די הרוגים נאָר לייכט פארשיט. א סך האָבן נאָך געלעבט, האָבן זיי זיך ארויסבאקומען פון גרוב און געפּרוווט אנטלויפן. דריי פון זיי איז עס געלונגען. די איבעריקע זענען געכאפּט געוואָרן פון אוקראי־נער, וועלכע האָבן זיי צוריקגעפירט אויפן בארג און דערהרגעט. פון די „בארג־העלדן" זענען אויך באקאנט קאזמיערזש קולטשינסקי און יאן סאָ־מיענסקי.

גלייכצייטיק מיט דער „אקציע" אין קאָסאָוו האָט די טאטראווער גע־שטאפּאָ דורכגעפירט אן „אקציע" איז דעליאטין און אויסגעשאָסן 1950 פון די 2200 יידישע איינוווינער.

„אקציעס" זענען אדורכגעפירט געוואָרן אין יארעמטשא, טאטא־ראָוו, מיקוליטשין, יאבלאָניא און וואָראָכטאָ און אומעטום „יודנריין" געמאכט.

די טאטאראָווער געשטאפּאָ איז געווען די געפערלעכסטע. דאָרט איז געווען אן אָפיציר, וועלכער פלעגט ארומפאָרן אין די ארומיקע שטעטלך,

צונויפגענומען צו 15-20 ייִדן און אויף אַ סאַדיסטישן אופן אומגעבראַכט. ווען די שטעטלעך אין זיין באַצירק זענען „יודנריין" געוואָרן, האָט מען אים גענומען צושטעלן טעגלעך קעז, וועלכע ער האָט געמוטשעט און דערהרגעט. אָן דעם האָט ער שוין נישט געקענט לעבן...

***

די שטימונג צווישן די פאַרבליבענע ייִדן נאָך דער „אַקציע" איז געווען אַ שרעקלעכע. עס זענען געבליבן פאַראייַנצלטע, פאַריתומטע מענטשן. אומעטום טרויער. די געשטאַפּאָ האָט פאַרזיכערט, אַז די פאַרבליבענע וועט מען שוין נישט רירן, זיי מעגן צוריקגיין צו זייער אַרבעט. מענטשן האָבן זיך אָבער צו גאָרנישט געקאָנט נעמען. מען האָט געדאַרפט די מענטשן אייַנפאַך אויפמונטערן, אַרויסרופן ביי זיי אַן אינטערעס צום לעבן.

***

„איינמאָל" — דערציילט ה' גערטנער, — „בין איך אַריינגעקומען אין אַ שטיבל, ווו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ מנין מענטשן. כ'האָב פאַרפירט אַ שמועס מיט די מענטשן און אין שמועס איז געפאַלן דאָס וואָרט „גאָט". אין דער זייט איז געזעסן אַ פּראָסטער ייִד, וועלכער האָט געזאָגט תהילים. ווי ער האָט דערהערט דאָס וואָרט „גאָט", איז ער אויפגעשפּרונגען און אין אויפרעגונג, אויסגעשריגן: „אַ גאָט איז דאָס? אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן" און צוגעגעבן: „און אין זיין מאַמען אויך!" און דאָס איז געווען אַ גאָר פּראָסטער, אָבער גאָר פרומער און שטילער ייִד...

***

די „אַקציעס" זענען געגאַנגען ווייטער. אין נאָוועמבער 1941 האָבן די אָרטיקע אוקראַינער, אָן דער הילף פון דער געשטאַפּאָ, פון אייגענער איניציאַטיוו, „יודנריין" געמאַכט דאָס דאָרף הריטשקאַ.

דעם 25סטן דעצעמבער האָט מען אין אַן „אַקציע" אין זאבלאָטאָוו אויסגעהרגעט 1200 יידן פון 2500. אין דער דאָזיקער „אַקציע" האָבן אַקטיוו אנטייל גענומען פּוילישע סטודענטן.

סוף דעצעמבער 1941 איז פאָרגעקומען די „אַקציע" אין זשאביע. פאָרגעקומען מיט אַלע אכזריותן און אָפּנאַרערייען ווי אומעטום. אָנגעפירט מיט דער „אַקציע" האָט דער באַרימט געוואָרענער דורך זיינע אכזריות אָבער-שטורעמפירער ווייסמאַן. ער האָט זיך ספּעציעל איזדיעקעוועט איבער פרויען: ער האָט זיי באַפוילן זיך אויסטאָן נאַקעט און מיט א האַק אַלע מאָל געהאַקט שטיקער.

***

אין טשערנאָוויצער שפּיטאָל האָב איך געטראָפן צווישן די אנטלאָפענע פון די „אַקציעס" א יונגן בחור, מיטן נאָמען פּעלצעל, וועלכער איז געלעגן א שווער־קראַנקער אין דער אָפּטיילונג פאַר לונגען־ליידנדע. האָט מען דערציילט, אַז ער איז דער איינציק־אָפּגעראַטעוועטער פון זשאביע. וועגן זיין משפּחה האָט מען דערציילט, אַז די מוטער האָט געבעטן אַלס חסד, אַז מען זאָל איר דערלויבן צו ליגן און צו שטאַרבן צוזאַמען מיט אירע קינדער. פינף קינדער זענען זיי געווען. זיי זענען אַלע אריין אין גרוב. די מוטער האָט זיי אַלע אויסגעלייגט און זיך אוועקגעלייגט אינמיטן און אַזוי האָט מען זיי דערשאָסן. אַלע אין שפּיטאָל האָבן וועגן דעם געוווּסט, נאָר ער, דער יונגער פּעלצעל, וואָס איז געלעגן דאָ, האָט נישט געוווּסט וועגן דעם. ער איז אנטלאָפן פון דער היים פריער, פאַר דער „אַקציע".

וועגן א צווייטער, א העלדיש מיידל, א געוויסע פייגע שפּיגעל, פירערין פון דער זשאביער ציוניסטישער יוגנט, דערציילט מען, אַז זי האָט צוגעגעבן מוט אַלעמען, איבערצייגט אַז אויב ס'איז זיך נישט מעגלעך צו פאַרטיידיקן, זאָל מען כאָטש ווירדיק שטאַרבן. זי האָט אויסגעפועלט, אַז אַלע פרויען זאָלן אָנטאָן, אַלס סימבאָל פון תכריכים, ווייסע טיכלעך אויף די קעפּ. מען האָט זיך אָפּגעזעגנט און געגאַנגען אין קבר.

אָנהייב 1942 האָט מען פון קאָסאָוו אַרויסגעפירט די דרייסיק אונ־

גארישע און פיר רומענישע פאמיליעס, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען. מען האָט זיי געזאָגט, אז מען פירט זיי קיין קאלאמיי. אין דער אמתן האָט מען זיי צוגעפירט צו שעפּאראוויטשער וואלד ביי קאלאמיי און דאָרט דערשאָסן.

***

דעם 8טן אפּריל 1942 זענען פאָרגעקומען „אקציעס" אין יאבלאָנאָוו און פּיסטין. די געשטאַפּאָ איז באפאלן ביידע שטעטלעך מיט אמאָל און מיט דער הילף פון די דאָרטיקע אוקראַינער דערליידיקט דאָס ביסל יידן. אויפן צווייטן טאָג איז געקומען די ריי אויף קיטעוו. אין קיטעוו, האָבן זיי געוווסט, זענען די יידן גוט אויסבאהאלטן, געהאט צוגעגרייט „סכראנעס". האָבן די מערדער אונטערגעצונדן די יידישע הייזער. עס זענען פארברענט און דערשטיקט געוואָרן 800-900 מענטשן. די איבעריקע, וועלכע מען האָט געכאפּט, א 600 מענטשן, האָט מען ארויסגעפירט קיין קאלאמיי און בעלזשיץ און דאָרט דערליידיקט. אין דער זעלבער צייט האָט מען אויך געפירט די „אקציע" אין קאלאמיי. דאָס קאלאמייער געטאָ איז געווען צע־טיילט אויף דריי חלקים. דעם ערשטן טאָג האָט מען געפירט די אקציע אין איין טייל געטאָ. ווי געוועהנלעך געכאפּט מענטשן און זיי געשאָסן. האָבן זיך די יידן אין די איבעריקע צוויי טיילן אויסבאהאלטן, פארגראָ־בן אין קעלערס און אין "סכראנס". האָט מען, ווי אין קיטעוו, אונטערגע־צונדן ביידע טיילן געטאָ. א סך זענען דערשטיקט און פארברענט געוואָרן. ווער עס האָט זיך געפּרוווט ראטעווען, און באזונדערס קינדער, האָט מען נעכאפּט און אריינגעוואָרפן אין פייער אריין.

פאר קינדער און פרויען איז איבערהויפּט אין דער געגנט קיין אנט־רינונג נישט מעגלעך געווען. א מאן, אן ארבעטער, האָט זיך נאָך אמאָל געקענט ביי דער געשטאַפּאָ אָפּבעטן. קינדער און פרויען זענען געגאנגען אויפן ערשטן פייער.

***

די יידישע באפעלקערונג אין קאָסאָוו האָט זיך אין אָט דער צייט ווידער פארגרעסערט אויפן חשבון פון די, וועלכע זענען אנטלאָפן פון די

פראווינץ-שטעטלעך און דערפער. ווידער האט שוין קאסאוו געציילט א 2000 יידישע נפשות. האט מען דורכגעפירט עטלעכע שטילערע „אקציעס" און „אויסזידלונגען", ביז עס זענען אין שטאט ווידער בלויז געבליבן אן ערך קארגע טויזנט נפשות. סאמע ארבעטער פון דער קאטעגאריע „א".

צו די „אקציעס" פלעגן אפט קומען אויך דייטשע פרויען און מיט פארגעניגן צוקוקן און צוהעלפן.

ווען עס איז צום קרייז-הויפטמאן געקומען צו גאסט פון דייטשלאנד זיין אלטע מאמע — האט ער זי ארויפגעפירט אויפן בארג, איר געוויזן און געגנוי דערציילט, ווי עס איז דורכגעפירט געווארן די „אקציע", ווי „העלדיש ער דינט דעם פאטערלאנד", געוויזן דעם מאסן־גרוב מיט די טויזנטער הרוגים, נאכדעם די פארברענטע שולן און... די מאמע האט הנאה געהאט...

***

מען האט זיך דערוווסט, אז דעם 7טן סעפטעמבער דארף פארקו־מען א נייע רעגיסטראציע פון די ארבעטנדיקע. מען האט זיך באמיט צו דערוויסן וואס זאל דאס באדייטן. פון מאסגעביקע קוועלן, פאר גוט בא־צאלט, האט מען זיך דערוווסט, אז אין קאסאוו זאל מען נאך דער רע־גיסטראציע איבערלאזן 400 ארבעטער פון דער קאטעגאריע „א", א 40 פרויען און א 60-70 אפפאל-זאמלער, אויך א וויכטיקער ארבעט־צווייג.

דעם 7טן סעפטעמבער האבן זיך אויפן פלאץ פארזאמלט נאר די, וועלכע זענען געווען זיכער, אז זיי מיינט מען נישט, דאס הייסט, די אר־בעטער פון דער קאטעגאריע „א", די אפפאל־זאמלער א. ד. ג.

אויפן פלאץ זענען געקומען: דער פארטרעטער פון געשטאפא־קאמאנ־דיר, פראסט, א ווינער, דער טרויעריק־בארימטער ווייסמאן, וואס האט אזוי אכזריותדיק אדורכגעפירט די „אקציעס" אין זשאביע און אויף מא־קרע־גאס אין קאלאמיי. מיט זיי — אן אפטיילונג זשאנדארמעריע און געשטאפא... מען האט געזען, אז די שפיל איז פארטיק. א טייל האבן גע־נומען אנטלויפן. מען האט זיי נאכגעשאסן און צען מענטשן זענען באלד געבליבן אויפן פלאץ. נאך די איבעריקע האבן זיך נאכגעיאגט און זיי

באלד געכאפט די דינסט-גרייטע אוקראינער. און דער קאמאנדאנט פראסט שטעלט זיך אוועק און האלט א רעדע: „ס'איז נאריש צו אנטלויפן, די מענטשן נעמט מען אויף ארבעט, זיי וועלן ארבעטן און באקומען עסן. דער „פירער" האט פארארדנט מער נישט שיסן די יידן"...

און אזוי ווי אלע, אזוי איז אויך דאס געווען אמת. קיין איין מענטש פון די פארהאלטענע איז נישט לעבן געבליבן.

ווידער האט מען זיי אלע פארזאמלט אויף אן ארט און שוין אויפן וועג צו דעם ארט עטלעכע צענדליק דערשאסן. ווידער האט מען אלע אויסגעטאן נאקעט, באגזלט, בארויבט און אפגעשיקט קיין קאלאמיי. אין וועג האט מען אין זייער טראנספארט אנגעשלאסן די לעצטע ארויסגע־כאפטע יידן פון פיסטין, יאבלאנאווע און פון אלע דערפער ארום. קיין קאלאמיי האט מען דעם זעלבן טאג געבראכט די איבערבלייבענישן פון די יידן פון דער גאנצער געגנט: פון האראדענקא, זאבלאטאוו, גוואזדזיץ, פע־טשעניזשין א. א. אלע ארייננעפאקט אין פראכט־וואגאנעס אנשטאט 40 צו 150 און מער מענטשן אין א וואגאן. עס זענען אין די וואגאנעס א סך מענטשן דערשטיקט געווארן, א סך באגאנגען זעלבסטמארד, אייניקע זע־נען אויפן וועג געשפרונגען פון די צוגן. מען האט געפירט קיין בעלזשיץ.

א באזונדער גיהנום האבן ערשט געהאט אויסצושטיין די אויסבא־האלטענע. אין די „סכראנעס" זענען געלעגן צו 20-30 מענטשן. עס איז געווען שווער זיי צו באזארגן מיט עסן און טרינקען. די אוקראינער האבן גענומען ראבירן די יידישע הייזער; אויפרייסן די ווענט און פאד־לאגעס, זוכן פארבאהאלטענע און געלט. זענען זיי געקומען אויף די „סכראנעס", האט מען ארויסגעפירט די מענטשן און איבערגעגעבן דער געשטאפא. נאכדעם איז דער מאגיסטראט אליין געפאלן אויף א שכל און אנגעהויבן ארפנעמען די יידישע הייזער. מען האט אויך אראפגענומען די מצבות פון בית־עולם... פארברענט די יידישע מאטריקול־ביכער, עס זאל פון יידן קיין זכר נישט בלייבן.

דעם 1טן נאוועמבער 1942 איז פארגעקומען די לעצטע און ענד־גילטיקע „אקציע". מען האט איינגעארדנט א וועט־געיעג, איינגעטיילט די שטאט אויף זאנעס אויסצוזוכן די באהעלטענישן. ווייניק־וועמען עס איז

געלונגען זיך צו ראטעווען פון אַט דעם לעצטן גזירה. ביים אויסזוכן די „סכראנעס" האָבן זיך אויסגעצייכנט לאַיוק, יורי וואָרדאָווסקי און יאַן דעבענטשוק. דער לעצטער האָט אויסגעפונען א „סכראן", ווו עס האָבן זיך געפונען דרייסיק פערזאָן. ס'איז אָבער געווען שווער צוצוקומען צו זיי. האָט ער גערופן געשטאָפּאָ־לייט. האָט מען אריינגעלאָזט א רער מיט גאַז דורך א שמאָלער עפענונג וואָס האָט געפירט טיף אונטער דער ערד צום „סכראן". אַלע וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, זענען פארגאזירט געוואָרן.

די געגנט איז „יודנריין". פון גאַנץ קאסאוו מיט די ארומיקע שטעטלעך האָבן זיך געראטעוועט קיין רומעניע 29 נפשות; קיין אונגארן — 14; קיטעווער האָבן זיך געראטעוועט קיין רומעניע — 70; דאָס איינגאנצן, דאכט זיך, איז געבליבן פון די יידן אין גאנצן „ פאקוטיע".

***

שימעלע הויזנער, א בחור'ל פון א יאָר צוועלף, וועלכער געפינט זיך איצט אין יידישן יתומים־הויז אין טשערנאָוויץ, איז פּ.ל מ.ט פּאַראַכטונג צו די יינגלעך אונדזערע, רייס און דאַלינגער, וועלכע זענען געשפרונגען פונעם שפּיטאָל דורכן פענצטער און באַלקאָן און דערביי געבראָכן האַלדז און נאַקן...

„אַט אזוי ווי איך — זאָגט שימעלע — געשפרונגען פונעם לויפנדיקן צוג איין מאָל און צוויי מאָל און ארוים גאַנץ!"

שימעלע איז ארויסגעשפרונגען פון צוג אין וועג נעבן ראַווא־רוסקאַ. מען האָט אים געכאַפּט, צוריקגעזעצט אין וואַגאָן און שוין פאַרן לאַגער איז ער ווידער אַנטלאָפן. עס זענען געשפרונגען פון צוג א סך. מען האָט זיי נאָכגעשאָסן. זענען טאַקע אויפן וועג געווען א סך טויטע און פאַרוווּנדעטע.

„איך בין — דערציילט שימעלע — געקראָכן אויף אַלע פיר, א לאַנגע צייט, מען זאָל מיך נישט באמערקן, נישט ארויסזען, און שוין ווייט אין פעלד אָנגעטראָפן אויף זאַך א יינגל, אָבער א קלענערס, פון א יאָר 8־9. יענער איז געווען היים ווי א שטיק פּייער, און ווי כ'בין צו אים צוגע־

קראָכן, האָט ער געמיינט, אַז איך בין זיין טאַטע און ער האָט מיר געזאָגט: „טאַטע, נעם מיך מיט.״

„האָב איך אים דען געקענט מיטנעמען? — פאַרענטפערט זיך שימעלע — כ׳בין אַליין געווען אַזוי צעשלאָגן, צעקלאַפּט און האַלב טויט פאַר שרעק.“

די דאָזיקע באַגעגעניש, זעט אויס, לאָזט שימעלען נישט רוען. ער האָט מיר די מעשה דערציילט אפשר צען מאָל.

כדי צו באַרואיקן דאָס קינד, האָב איך אַרויסגעזאָגט מיין סברא: אַז עס איז מעגלעך, אַז זיין טאַטע, דער טאַטע פון דעם קינד אין פעלד, איז אויף אַן אמת נאָך אים צוריקגעקומען...

שימעלע האָט זיך צוערשט אָנגעכאַפּט אין דעם געדאַנק, אָבער דאָך זיך נישט באַרואיקט. ער פלעג זיך שטענדיק צוריקקערן צו דער טעמע.

***

אַ צווייטער בחור איז געקומען אַהער צופאָרן אָנגעטשעפּעט אונטער אַ וואַגאָן פון אַ צוג, וואָס איז געקומען פון לעמבערג...

אויך ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ צוג, וואָס האָט אים ערגעץ געפירט, ער ווייסט נישט וווהין. מען האָט אים געכאַפּט און אַריינגעשליידערט צוריק אין וואַגאָן אַריין, איז ער ווידער געשפּרונגען. האָט מען אים געכאַפּט, אַוועקגעפירט ערגעץ און אָפּגעציילט — עס קלינגט ווי אַ גוזמא, עס איז אָבער אמת, אַ שרעקלעכער אמת — 125 שמיץ!...

ווי לאַנג ער איז נאָך דעם אָפּגעלעגן — געדענקט ער אויך נישט, נאָר נאָך דעם האָט ער זיך געפונען אין עפּעס אַ לאַגער און ווי נאָר ער האָט זיך דערפילט אַביסל בעסער, האָט ער ווידער גענומען אַנטלויפן. דאָס ערגסטע זענען געווען די לאַגער-קליידער (פּאַסיאַקעס — אין פּאַסן...), לויט וועלכע עס וואָלט אים יעדער געקע׳ט דערקענען. ער האָט זיך צוגעשלאָגן צו אַ באַן-סטאַנציע און זיך אָנגעטשעפּעט אונטן, צום וואַגאָן. צום גליק איז דער צוג באַלד אַוועקגעגאַנגען. און אַזוי איז ער געקומען קיין זשוטשקא. עס זאָגט זיך אַזוי „געקומען קיין זשוטשקא“. מען דאַרף אים הערן דערציילן, ווי עס האָבן אים געגליווערט די פינגער פון די הענט, ווי ער האָט

מוראַ נעהאַט יעדע רגע, אַט־אַט לאָזט ער אַרויס דעם אָנהאַלט און אַט פאַלט ער אַראָפּ. און אויסרעכענען: פאַלן גלייך, פּאַראַלעל די רעלסן... פאַלט ער אָבער אויף די רעלסן — איז איידער אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן, איז גלייכער דער טויט...

***

און ביי אונדז שמעקט עס גאָר מיט פרילינג. אונטערן איינדרוק פון מוסאָליניס אָפּדאַנקען אוודאי האָבן זיך די פאַשיסטן פון אַלע שאַטירונ־גען דערפילט נישט זיכער. צו אונדז אין שפּיטאָל איז געקומען מיט אַ וויזיט דער „קעסטאַר" (פּאָליציי־שעף) אָקסמאַן. געמאַכט אַ באַזוך די צע־בראָכענע ייִנגלעך אונדזערע און זיי „פּאַטערלעך" געמוסרט: הלמאי זיי זענען געשפּרונגען פון די פענצטער. און מבטיח געווען, אַז אַזעלכע זאַכן וועלן מער נישט פּאַרקומען, מען וועט שוין מער אין ערגעץ נישט שיקן. אויך ליזען איז בעסער. זי וועט זיך אויסדרייען. ער, דער „קעסטאַר", האָט זיך אינטערעסירט אויך מיט איר געזונט־צושטאַנד. ער האָט צוגעזאָגט צוריקברענגען אויך די 5 פון סאַדעגערע.

דעם 30סטן יולי האָט מען ווירקלעך צוריקגעבראַכט די 5 פון סאַ־דעגערע.

אויגוסט 1943.

און ווידעראַמאָל משיחס צייטן:

אין סאַדעגערער לאַגער האָט זיך געפונען אַ גרופּע ייִדן, רומענישע בירגער, וועלכע האָבן פאַר דער מלחמה געוווינט אין דייטשלאַנד. די דייטשן האָבן זיי צוערשט, ווי אַלע ייִדן, געוואָלט אַרויסשיקן קיין פּוילן, וווּ עס אַרבעט שוין אַזוי געשיקט די ייִדן־אויסראָטונגס־מאַשין. יענע האָבן זיך אָבער געכאַפּט און באַצייטנס זיך געווענדט אַלס רומענישע בירגער, פונעם רעגאַט, צום רומענישן קאָנסול אין בערלין, און עס איז געלונגען (נישט אומזיסט, פאַרשטייט זיך) אויסצופועלן, אַז מען זאָל זיי, אָנשטאָט

קיין פּוילן, אריבערשטעלן אהער. פון דאנעט האָט מען זיי אַריבערגעשיקט קיין סאדעגערע אין לאַגער און מען האָט זיי אָנגעזאָגט, אז פונעם לאַגער וועט מען זיי אריבערשטעלן איבערן דניעסטער קיין טראַנסניסטריע, הייסט עס, און אויב טראַנסניסטריע, קען שוין זיין אויך איבערן בוג, ווידער צו די דייטשן... דאָס בינטל יידן איז געזעסן, נעבעך, דאָרט מיט דער נשמה אין די הענט, און געוואַרט אויפן יום־הדין, און פּלוצים — משיחס צייטן! מען האָט זיי פון סאדעגערער לאַגער פאַרנומען און אָפּגעשיקט אין רעגאַט, טאַקע קיין רומעניע, אהיים, און ווייטער פונעם דייטש!

און נאָך אַ פאַקט:

אַ מיידל איז אַנטלאָפן פון לאַגער פון טראַנסניסטריע און זיך מיט עפּעס פאַרשידענע וועגן דערשלאָגן אהער. מען האָט זי דאָ געכאַפּט. זי האָט געוואַרט אויף אַ טויט־אורטייל. דערווייל האָט מען אויך זי אָפּגעשיקט אין לאַגער קיין סאדעגערע. אָבער דעם לאַגער אין סאדעגערע לייזט מען שוין אויף, און דאָס מיידל האָט מען באַפרייט!

משיחס צייטן!

**
*

פון טראַנסניסטריע האָבן מיר באַקומען אַ צעטעלע, שרייבן זיי:

„מען האָט אונדז באַפוילן צו זיין גרייט אין וועג אריין, מען שיקט אונדז ווידער ערגעץ ארויס, אפשר ווייסט איר וווהין?“

און וואָס ווייסן מיר? מיר ווייסן גאָרנישט. קלאַנגען ביטערע, אז מען שיקט זיי קיין לובלין. אַ טייל זאָגן — איבערן בוג... וואָלט עס געווען גאָר ביטער. קומט עפּעס אַ גוי פון בעסאַראַביע און דערציילט, אז מען גרייט גאָר לאַגערן אין בעסאַראַביע פאַר די יידן, וועלכע געפינען זיך אין טראַנסניסטריע... דאָס וואָלט שוין געווען דער בעסטער אויסגאַנג, אָבער נעמען אין באַטראַכט אפילו אָט דעם בעסטן אויסגאַנג: ווידער רירן פון אָרט די אומגליקלעכע, ווידער זיי ערגעץ וואַרפן, ווידער זענען זיי אויסגעשטעלט אויף נייעם מאָרד און רויב...

אַ צווייט צעטעלע פון טולטשין.

נעבן טולטשין איז געווען אַן ארבעט-לאַגער, וווּ עס האָבן זיך געפונ־

נען א 200 יידישע משפחות. איז מען געקומען אין לאגער אריין, דווקא מיט פורלעך, און באפוילן זיך ארויפזעצן אויף די פורלעך און פארן אין שטאט אריין. דער לאגער ווערט אויפגעלייזט. איז געווארן א גדולה, א שמחה. א קלייניקייט — אוים לאגער, מען גייט אין שטאט אריין, קיין טולטשין. די גדולה האט אבער נישט לאנג געדויערט. אין שטאט האבן שוין געווארט לאסט־אויטאס מיט דייטשן און מען האט די מענטשן פאר־שלעפט איבערן בוג. ס'הייסט אויף ארבעט. אזוי ווי די פאמיליעס זענען געווען מיט קינדער, און די טרויעריקע דערפארונג האט באוויזן, אז די קינדער זענען ביי די דייטשן באשטימט אויסגעשטעלט אויף טויט, מיט דערוואקסענע קען נאך פאסירן, אז מען זאל זיי ווירקלעך דארפן צו דער ארבעט, אבער קינדער וועט מען געווים באלד דערליידיקן, האט מען אנ־געהויבן די קינדער ארויסצוווארפן אויפן וועג פון די אויטאס. ס'האבן די עלטערן ארויסגעווארפן פון די אויטאס זייערע קינדער. נאכדעם האבן די גויים פון די ארומיקע דערפער און די יידן פון טולטשין אויפגעקליבן די קינדער. עס זענען א סך געווען צעקאליעטשעטע, עטלעכע טויטע.

דאס צעטעלע ענדיקט זיך:

„טולטשין איז רייכער געווארן איצט מיט 43 יידישע קינדערלעך".

***

און ווידער פון פוילן. עס האבן זיך ווידער דערשלאגן אהער פון דארטן צוויי יונגעלייט: איינער א קאסאוועד, דער צווייטער פון בארשטשאוו. זיי האבן געהאט אהער א לאנגן וועג, דורך פעלדער, דורך וועלדער. דער קא־סאוועד האט דערציילט מיט פרטים וועגן דער ליקווידאציע פונעם לעצטן „סכראן", ווו עס זענען געווען באהאלטן 30 מענטשן. דער אריינגאנג איז געווען דורכן קוימען און האט געפירט טיף אין דער ערד. זיי האבן געהאט דארט אריינגעפירט עלעקטרישע באלויכטונג, וואסער און אנגעגרייט עסן אויף א לענגערער צייט.

די שכנים האבן אבער זיך דערפון דערוווסט. האט מען געבראכט גע־שטאפא און טאקע דורכן קוימען האט מען אריינגעפירט גאז.

נאכדעם האט מען מיט באמבעס אויפגעריסן די איבערגעבליבענע

יידישע שטיבער, פארברענט און אויב עס זענען ערגעץ געווען „סכראנעס", זענען די, וועלכע האבן זיך אין די „סכראנעס" געפונען, אונטער די חור־בות באגראבן געווארן. דערליידיקט. איצט האט דער קאמאנדאנט פון „דיסטריקט גאליציע" געקענט זאגן: „דיסטריקט גאליציען איסט יודען־פריי!"

אבער דאך נישט „יודען־פריי", האבן איבערגעגעבן די איצט אנגע־קומענע. אין די פעלדער, אין די וועלדער האבן זיך פון די איינצלנע אנט־לאפענע געבילדעט גרופעס, זיי האבן זיך צוזאמענגערעדט מיט דער לינק־געשטימטער קריסטלעכער יוגנט, מען האט פון ערגעץ געשאפן געווער, און מען לאזט שוין פון זיך הערן! א טייל פון די דאזיקע גרופעס האבן זיך שוין אדורכגעשלאגן צו דער אונגארישער גרעניץ. אויפן וועג האט מען זיך אביסל אפגערעכנט מיט די שונאים. מען האט אונטערגעצונדן סמא־דאלעס און כאטעס, אפילו דערפער, וועלכע האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע מעשים טובים. און אט איז נישט לאנג געמאלדן געווען דורך ראַ־דיא, אז א צוג מיט דייטשיש מיליטער איז אראפגעלאזט געווארן פון די רעלסן און באשאסן געווארן פון „אומבאקאנטע" אויפן וועג קיין אונ־גארן... די „אומבאקאנטע" זענען אונדזערע באקאנטע, האבן צוגעגעבן די יונגעליים...

אלזא: „דיסטריקט גאליציע" איז נישט „יודען־פריי", הער קאמאנ־דאנט! און דאס גיט א שטיקעלע באפרידיקונג.

***

26. סעפטעמבער.

כסדרדיקע שרעק שטייט ביי דער טיר. שרעק און שרעק; מורא און מורא. ס'איז שוין נמאס אזא לעבן. שטענדיק גיין און זיך מורא האבן אומ־צוקומען. מורא האבן פאר דער ליכטיקער שיין. מען איז שוין מיד פון דעם שטענדיקן ווארטן אויף עפעס נאך ערגערס... אונדז איז עס הייסט עס גוט; נאר עס קען קומען עפעס נאך ערגערס!

צונויפטרייבן, ארויסשיקן — צו דעם געדאנק האט מען זיך שוין לאנג צוגעוווינט. איצט איז די מורא אן אנדערע און נאך מער באגרינדעטע: די

דייטשן טרעטן אַפּ. איז דאָך גוט. אָבער דער פראָנט דערנענטערט זיך צו אונדז און מיטן פראָנט די דייטשן. די דייטשן — דאָס איז אַ פּחד, אַ בייזער גרויל! איצט איז דער פראָנט ביי קיעוו. די רויטע אַרמיי איז אַריבער דעם דניעפּר. דער פראָנט ציט שוין צום דניעסטר. און וואָס וועט זיין איצט מיט די, וועלכע געפינען זיך אין טראַנסניסטריע? ווי מען גיט אונדז איבער, לאָזן די דייטשן קיין לעבעדיקן נפש נישט אין די רוסישע שטעט, וועלכע זיי פאַרלאָזן. קיין יידן זענען שוין דאָרט פון לאַנג נישטאָ, די יידן האָט מען ליקווידירט ביים אַריינקומען אין די שטעט. איצט ליק־ווידירט מען די אָרטיקע קריסטלעכע באַפעלקערונג. די גרעסטע טייל שלעפּן זיי מיט זיך מיט. זיי דאַרפן שקלאַפן, אויף אַרבעט. אונדז וועלן זיי נישט מיטשלעפּן. דערלייידיקן אויפן אָרט: „קורץ אונד גוט" אַזוי הייסט עס ביי זיי.

27. אָקטאָבער.

אין אָנבליק פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע וואָס פאַר אַ באַדיי־טונג האָט איין מענטש? — איין־און־איינציק אָרים, שוואַך און בלאַס יינגל. און אָט גיי איך אַרום ווי אַ דולע און קען צו זיך נישט קומען, צו־ליב דעם יינגל, שאַרפשטיין, מיט וועלכן כ'האָב נעכטן גערעדט אַ פּאָר שעה, און היינט האָט מען אים אַרויסגענומען פון שפּיטאָל, נאָר אים אַליין, און אַריבערגעשטעלט איבער דער גרעניץ, קיין סניאַטין!!!

אָט האָסטו דיר אַלע צוזאָגענישן פון „קעסטאַר" און פון אַנדערע רוחות, אַז מען וועט מער נישט שיקן צו דער גרעניץ.

שאַרפשטיין איז דער גאָר לעצטער, וועלכער איז געקומען אַהער, אַנטלאָפן פון די „אַקציעס". ער איז אַ מילניצער. נאָך דער „אַקציע" אין מילניצע איז ער מיט די רעשטלעך פאַרבליבענע אין מילניצע געקומען קיין באַר־שטשאָוו. ביי דער לעצטער „אַקציע" אין באַרשטשאָוו איז אים געלונגען צו אַנטרינען פונעם געיעג, וועלכן עס האָבן איינגעאָרדנט די געשטאַפּאָ מיט די אוקראַאינער אויף די אַנטלויפנדיקע יידן. ער מיט זיינע עלטערן האָבן זיך אַ שטיק צייט אויפגעהאַלטן אין אַ וואַלד. ער ווייסט נישט גענוי אין

וואס פאר א וואלד, ווייל ווי עס האט זיך אים אויסגעוויזן, זענען זיי ווייט אנטלאפן. און איינמאל ווען עס האט שטארק דערקוטשעט הונגער און דורשט, איז ער געגאנגען, געגאנגען, פארבלאנדזשעט און נישט גע־קענט צוריקקומען אויפן ארט, פון וואנעט ער איז ארויסגעגאנגען. האט ער געבלאנדזשעט ווייטער. געקומען צו א טייך און באשלאסן, אז דעם טייך דארף ער אריבערגיין.

„שווימען קען איך נישט, האט ער מיר דערציילט, האב איך פאר־מאכט די אויגן און אריין אין וואסער אריין. דאס וואסער איז מיר אלע־מאל געגאנגען העכער, כ׳האב עס שוין געפילט ביים האלדז... און ווי א ייד, מיטן „שמע ישראל״ און פארמאכטע אויגן בין איך געגאנגען ווייטער... און פלוצים דערפילט, אז איך גיי שוין צו יענעם, צום צווייטן ברעג.״

און איז אנגעקומען צום רומענישן ברעג, קיין כאטין.

אין כאטין זענען נאכן ארויסשיקן די יידישע באפעלקערונג קיין טראנסניסטריע נעבליבן עטלעכע יידישע פאמיליעס. דאס יינגל האט זיך אזוי לאנג געדרייט ארום די שטיבער, ביז ער איז דערגאנגען, ווער די יידישע פאמיליעס זענען און האט זיך מיט זיי פארבונדן. זיי האבן אים ארויסגעהאלפן מיט קליידונג און שפייז. די פאליציי איז אבער איינגיכן דערגאנגען, אז עמיצער דרייט זיך ארום די יידישע שטיבער. מען האט די יידן ארעסטירט און אנגעהויבן נאכפרעגן, ווער און וואס. זיי האבן דערציילט: א יידיש יינגל, אן אנטלאפענער פון די „אקציעס״ אין פוילן.

„איז וואס זשע האט ער מורא? — האט מען געזאגט אין דער „סי־גוראנצע״ — אויב נישט קיין דיווערסאנט און נישט קיין שפיאן, האט ער נישט וואס מורא צו האבן, קיין סניאטין שטעלט מען שוין צוריק נישט אריבער, דאס העכסטע, וואס דראט אים איז לאגער טראנסניסטריע.״

לאגער, צי טראנסניסטריע איז ביים יינגל געווען א חלום. ער איז שוין אזוי מיד געווען פון וואלגערן זיך אין פעלד און וואלד, פון אויסבאהאלטן זיך, ווי א חיה... ער האט זיך אליין צוגעשטעלט צו דער פאליציי. ער האט דערביי, ווי ער האט דערקלערט, אויך אין זינען געהאט, אז עס זאלן צוליב

אים נישט ליידן די כאטינער יידן, וועלכע האבן אים ארויסגעהאלפן און איצט געדארפט זיין פאראנטווארטלעך פאר אים.

מען האט אים אין דער סיגוראנצע אויסגעהערט און אפגעשיקט קיין משערנאוויץ. דא האט זיך באלד פאראינטערעסירט מיט אים דער פוילי־שער קאמיטעט. עס האט זיך געפונען עפעס א ווייטער קרוב. מען האט, ווי געוועגלעך „אפגעבעטן" ווו מען האט באדארפט און דאס ייִנגל ארויס־גענומען פון דער תפיסה אין שפיטאל אריין.

דא האב איך אים נעכטן געטראפן.

ער איז געשטאנען אויפן באלקאן, אויף דעם זעלבן, פון וועלכן עס האט זיך מיט א פאר וואכן צוריק אראפגעווארפן דער יונגער דאלינגער. ער איז געשטאנען איינגעהילט אין א קאלדרע, עס זײַען שוין קילבלעכע טעג, און אנגעשפארט אין דער אייזערנער פארענטשע פונעם באלקאן. א בלאס, דורכזיכטיק בלאס און ווי א מארמאר גלאט ריין פנים און קויל־שווארצע, מידע, טרויעריקע יידישע אויגן. דער גאנצער איינדרוק פון א פארמוטשעטן קינד.

„כ'קען אייך די האנט נישט געבן, לאזט ער הענגען מײַן אויסגע־שטרעקטע האנט צו א שלום־עליכם, איך האב קרעץ." און ער שטעקט ארויס פון אונטער דער קאלדרע זיין האנט פול מיט ווונדן און קרעץ. ער איז אין גאנצן פול מיט ווונדן און בלאטערס און נאר דאס פנים איז ריין ווי אלאבאסטער... די בלאטערס זענען פונעם וואלגערן זיך אין די גרי־בער, פעלדער, פונעם וואסער און פון הונגער.

ווער עס שלאפט יעדע נאכט אין זיין בעט, אויף זיין געלעגער, שטעלט זיך נישט פאר דאס לעבן, חדשים לאנג אין פעלד, אין וואלד. די הונגעריקע טעג, און הונגעריקע און קאלטע נעכט פון א פארפאלגטער חיה... די שטענדיקע מורא צו לאזן א סימן נאך זיך, עס זאל עמיצער נישט פאלן אויף די שפורן. ווינטער איז מען וואכן לאנג געזעסן אין גרוב און מורא געהאט ארויסצוגיין אפילו צו שטילן דעם דורשט, וואס מאטערט ערגער ווי הונגער... ווינטער איז די ערגסטע צייט נישט צוליב קעלט, נאר צוליב דעם שניי, וואס לאזט שפורן, דער שניי איז דער ערגסטער

פארדעטער... שוין דאָס צווייטע מאָל הער איך דאָס פון וואלד־מענטשן...
האָט מען אסיען־צייט, אין די פינצטערע נעכט, אנגעטראָגן פון די פעלדער פאפעשאָיעס (קוקורוזע), בערעקעס, דיניעס...
מיר שטייען אזוי אויפן באלקאָן אין דעם קילן נאָכמיטאָג, ער דער־ציילט מיר דאָס אלץ, ער דערציילט וועגן טעם און ריח פון רויער, אלטער פאפעשויע, פון נאָך גרינע בערעקעס און אנדערע קרייטעכצער און וועגן בענקען נאָך א טרונק, ווינטער־צייט, און וועגן דער מורא פון א באגעגע־ניש מיט א מענטש... נישט מיט קיין חיה, נאָר מיט א מענטש, וואָס איז שרעקלעכער פון יעדער חיה... און פּלוצים פאלט דער געשפּרעך אויף דער פאמיליע סופר. יאָ, זיי זענען געווען באפריינדעט די גאנצע צייט, אין בארשטשאוו האָט מען זיך געטראָפן. ער איז געווען באפריינדעט מיט די קינדער, מיט בריגידען, מיט אסתרקען, מיט די עלטערן, מיט סופרן און מיט זיין פרוי. סופר, זאָגט דאָס יינגל שארפשטיין, האָט די גאנצע צייט געוואַרט אויף א צייכן, אויף עפּעס פון טשערנאָוויץ. ער האָט גע־גלויבט, אז מען וועט קומען נאָך אים פון טשערנאָוויץ „און מיינע על־טערן האָבן אויך דערויף געוואַרט, זיי האָבן געזאָלט מיטנעמען מיט זיך די סופרס, עס איז געווען אזוי אָפּגערעדט"...
מיר זענען אָפּגעשטאַנען א לענגערע צייט. ער איז געשטאַנען און אריינ־געקוקט אין טונקל־בלויעם, פארנאכטיקן, קילבלעכן הימל, איינגעהילט אין דער קאָלדרע. עפּעס א מאָדנע געפיל פון רחמנות צו דעם אויסגעמוטשעטן קינד האָט מיך ארומגענומען. עפּעס האָט ער מיר אויסגעזען מיט זיין פּנים, געווענדט צו דער פארגייענדיקער זון, ווי ווייט אָפּגעשיידט פון אונדז, אויך עפּעס אָן אָפּגעריסן פון זיין שטאַם און דורך ווינט צו אונדז פארטראָגן איינזאַם פארוואָגלט בלעטל...
מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט.
מער האָב איך אים שוין נישט געזען...
ביינאכט איז מען געקומען נאָך אים, נאָך דעם איינעם אומ־גליקלעכן פארפאָלגטן קינד. מען האָט אזוי בליץ־שנעל דורכגעפירט דעם באפעל אים ארויסצונעמען, אז מען האָט נישט באוויזן אויפן אָרט מיט־צוטיילן, וועמען מען האָט באַדאַרפט, ווער עס וואָלט געקענט העלפן. און

מען האָט אים אריבערגעשטעלט די גרעניץ קיין סניאטין, און א געמו־כשעטן טויט אריין.

6. דעצעמבער.

עס איז ווירקלעך אדורכגעפאָרן דורך טשערנאָוויץ א טראַנספּאָרט בים די רעשטלעך פון טראַנסניסטריע, ארויסגעשיקטע פון דאָראָהאָיע און פון כטראָזשיניעץ, צוריק אין זייערע היימען... מען האָט זיי געדאַרפט זען די דאָזיקע רעשטלעך פון געוועזענע מענטשן, נאַקעטע, באָרוועסע, אָפּגעריסענע, אויסגעמאַטערטע, אויסגעמוטשעטע. אונדזער קולטוס־געמיינדע האָט זיי אָפּגעפירט ברויט צום צוג. זיי האָבן זיך געוואָרפן אויפן ברויט ווי לאַנג אויסגעהונגערטע ווילדע באַשעפענישן. מען האָט די וואַגאָנען נישט געעפנט, זיי אויפן פּעראָן נישט ארויסגעלאָזט. דאָס ברויט האָט מען אריינגעוואָרפן דורך די פענצטער. און יענע פון אינעווייניק האָבן געהאַלטן אין איין יאָגן פון די פענצטער די קינדערלעך, וועלכע זענען געווען אינגאַנצן נאַקעט, און האָבן זיך דווקא געשטופּט צו די פענצטער. ס׳האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי א בינטל ווייסע ציגיינער אין שמאַטעס, ווי א גרופּע אָפּגעריסענע בעטלערס... און דאָס זענען דאָך געווען אונדזערע נאָענטע, אונדזערע קרובים און באַקאַנטע! א שרעק, וואָס עס איז פון זיי געוואָרן.

אָט שטייט אין פענצטער אונדזער ניוניע שוואַרצמאַנס ברודער, דאָקטאָר ש. מיט זיין פרוי און קינד. ער וואַרפט ארויס, אין איין אָטעם, גריסן פון דאָרטן, פון די פאַרבליבענע, פון די אומגעקומענע: דער און דער — געשטאָרבן פון הונגער; דער דערשאָסן, דעם איבערגעלאָזט א פאַרחלשטן אין וועג, די זענען פאַרפרוירן געוואָרן א. א. וו. אַלץ וועגן אונדזערע נאָענטסטע... און ווען ער האָט דעם שוואָגער זיינעם, גרישע שוואַרצמאַן, דערציילט, אז דער טאַטע זיינער, מאיר קיטאַרעדער, אזוי האָט מען אים גערופן ביי אונדז אין בריטשאַן, איז געשטאָרבן אין וועג, אויסגעגאַנגען פון הונגער, האָט גרישע אויפן אָרט געחלשט. ווען מען זאָגט: טויזנטער מענטשן זענען געשטאָרבן פון הונגער, פון קעלט, דערפרוירן געוואָרן, מאַכט

דאָס אַן איינדרוק, ווי סטאַטיסטיק; אָבער, ווען מען דערוויסט זיך, אַז דער אייגענער אַלטער קראַנקער טאַטע איז געגאַנגען איבער וועגן, איבער פעלדער, געיאָגט דורך ווילדע בעסטיעס, און נאָכדעם געבלאָנדזשעט איבער פרעמדע ערטער, געלעכצט נאָך אַ שטיקל ברויט, און עס האָט אים דאָס שטיקל ברויט קיינער נישט דערלאַנגט און ער איז אַנגעשוואָלן געוואָרן פון הונגער און נאָכדעם געשטאָרבן מיט אַ הונגער־טויט, אָ, דאָס איז שוין נישט קיין סטאַטיסטיק, דאָס איז דער טאַטע, געשטאָרבן פון הונגער!

***

ווי באַלד עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די דירעקטע געפאַר פאַרן נאַקעטן לעבן איז אַריבער, האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַ לעבעדיק וואָרט. עס האָט זיך געוואָלט צוזאַמענקומען און צווישן אייגענע מענטשן אויסהערן אַ יידיש וואָרט.

מיר האָבן איינגעאָרדנט „ליטעראַרישע טייען".

אין אונדזערע „ליטעראַרישע טייען" האָבן אָנטיילגענומען פון 8 ביז 10 מענטשן. עס איז פאַרבליבן ביי אַלע טשערנאָוויצער יידישיסטן אַ געפיל פון פאַרערונג צו אַליעזר שטיינבאַרג, וועלכער האָט געלעבט, געשאַפן און געשטאָרבן אין טשערנאָוויץ. דער גרעסטער חסיד פון אַליעזר שטיינבאַרג, חיים גינינגער, אַ יונגער, זייער בעאַיקער פילאָלאָג, אַספּיראַנט פון דער ווילנער ייוואָ, ער פלעג געוועלנלעך פאָרלייענען שטיינבאַרגס משלים און מעשהלעך. רבקה שטיינבאַרג, די אַלמנה פון אונדזער „דיעדושקאַ קרילאָוו", האָט קאָמענטירט, דערציילט, ווען, ביי וועלכע אומשטענדן עס איז געבוירן געוואָרן דער אָדער יענער געדאַנק, אַנגעשריבן געוואָרן דאָס אָדער יענע מעשהלע, אָדער משל. עס פלעגן קומען פון שפּיטאָל די שוועסטער טשאַרנע סלאָבאָדניוק, דינה רויטמאַן, פריידעלע שוואַרצער־העכט, מיינע אַ בריטשאַנער לאַ־דסמאַנקע, אַליין אַביסל אַ דיכטערין, די פרוי ד"ר שוט, פון יעדעניץ, פרוי ד"ר אַנאַ פּוקס, די ברידער סעגאַל און אַנדערע. מען האָט גערעדט, געלייענט הויפּטזעכלעך וועגן שטיינבאַרג, אַ מין שטיינבאַרג־גרופּע, אָבער אויך וועגן פּרץ, וועגן שלום־עליכם, וועגן די נייע, היינטיקע שרייבער און דיכטער. קיין ביכער האָבן מיר כמעט נישט

געהאט. מען האט ציטירט פון אויסנווייניק ווער וואס עס האט געדענקט. איך האב געהאט מיין ספּעציאַליטעט: אַזוי ווי איך האָב פּערזענלעך גע־קענט און געווען נאָענט מיט קאדיע מאַלאַדאָווסקי, מיט רחל קאָרן, מיט מרים אוליאַנאָווער און אַנדערע פּרויען־דיכטערינס, האָב איך געהאַט אַן אויפגאַבע צו דערציילן וועגן זיי אַון פון זיי, וואָס עס איז מיר געבליבן אין זכרון.

***

דער פּוילישער קאָמיטעט האָט אונטערגענומען זייער אַן ערנסטע און וויכטיקע אַרבעט: אַוועקצושיקן וואָס ווייטער פון דאַנעט די אומלעגאַלע פּוילישע „גליקלעך אַסקאַפּעטע" פון די דייטשע „אַקציעס". דאָ זענען זיי געווען אין צו נאָענטער שכנהשאַפט מיט סניאַטין, מען איז נישט געווען זיכער מיט דער שעה. האָט מען באַשלאָסן, אַז ווייטער, טיפער אין רעגאַט וועלן זיי זיין זיכערער. מען האָט אָרגאַניזירט אַ גאַנצן אַפּאַראַט אַריבער־צופירן די אומלעגאַלע. מען מוז נעמען אין אַכט, אַז קיין בוקאַרעשט האָבן אויך קריסטן געקענט פאָרן נאָר מיט ספּעציעלע דערלויבענישן. און דווקא קיין בוקאַרעשט האָט מען אַריבערגעשמוגלט אַלעמאָל אַ גרופּקעלע פון אַ פּאָר אומלעגאַלע. מען האָט געדאַרפט דערצו ספּעציעלע פירערס, אונדזערע האָבן דאָך די שפּראַך נישט געקענט. מען האָט געדאַרפט פאַר זיי דאָקו־מענטן מיט פאָטאָגראַפיעס, און דערלויבענישן אויף אַרויסצופאָרן אויף די דאָזיקע פאַלשע דאָקומענטן. עס איז געווען נישט קיין קליין און נישט קיין לייכט שטיקל אַרבעט און געלט דערויף האָט מען אויך געדאַרפט אַ סך. אין דער הילפס־אַרבעט פאַר די אומלעגאַלע פּוילישע יידן, וועלכע זענען אַריבערגעקומען פון יענער זייט, האָבן פיל מיטגעהאָלפן די אָרטיקע, די טשערנאָוויצער פּאַליאַקן, די אינטעליגענץ און דער קשיאַנדז. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז דאָס ביסל יידן, וועלכן עס איז געלונגען זיך אַרויסצובאַקו־מען פון די דייטשישע „אַקציעס", מוז מען פאַר יעדן פּרייז ראַטעווען. און אויך אין בוקאַרעשט האָבן דעם גורל פון די אָנגעקומענע אַהין אומלעגאַלע, גענומען אין זייערע הענט די „אימקאַ"־מיטגלידער", אַן אַמעריקאַניש־פּוי־

לישער קריסטלעכער ספּאָרט־פּאראיין, וועלכער האָט שטענדיק געשמט ביי אונדז אלס אנטיסעמיטיש. די „אימקא" האָט באַזאָרגט די אָנגעקומענע אהין אומלעגאלע מיט פּאַפּירן, האָט זיי „לעגאליזירט".

מען האָט אין משך פון די ווינטער־חדשים אריבערגעשטעלט קיין בוקארעשט די גרעסטע טייל אומלעגאלע פּוילישע יידן פון טשערנאָוויץ.

XI

דאָס יאָר 1944

דער יאַנואַר 1944 האָט געבראַכט עפּעס זייער גוטס.

דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט און מען יאָגט די דייטשן.

די היגע פּאָליציי און באַאַמטע האָבן באַקומען אַן אויפטראָג צו עוואַקואירן זייערע ווייבער און קינדער פון דאַנעט. אין די שולן האָבן זיך נאָך די פעריעס נישט אָנגעהויבן צוריק די לימודים. מען פּאַקעוועט די אַרכיוון, מען קלאַפּט די קאַסטנס און קעסטלעך. זיי לויפן פון דאַנעט, א פּאַניק איז ביי זיי... אָבער אין דער פּאַניק פאַרגעסן זיי נישט מיטצונעמען מיט זיך דאָס אָנגעראַבעוועטע יידישע האָב און גוטס. גאַנצע קאַראַוואַנעס לאַסט־אויטאָס מיט אויף א ספּעציעלן אופן פּאַרפּאַקטע, אין ברעטער פאַרקלאַפּטע, מעבל־שטיק, קילימס, דיוואַנען, בילדער, טשעמאָדאַנעס, קאַסטנס, קעסטלעך, ציען אָן אויפהער אַראָפּ צום וואָקזאַל. אָפּמאָנטירטע פאַבריק־טיילן, מאַשינען, דאָס רוי־שטאָף, פּאַרטיקע מאַטעריאַלן: מען פירט, מען פירט... און יידן דערציילן וועגן א רעדע, וואָס סטאַלין האָט געהאַלטן און געוואָרנט, אַז אויף די פּלייצעס וועלן „זיי" אַלצדינג, וואָס זיי פאַרשלעפּן — צוריק ברענגען...

אָבער עס באַמיען זיך אויך יידן מיטצופאָרן.

מען האָט מורא פאַר דעם זיך דערנענטערנדיקן פראָנט, און מיטן

פראנט, די דייטשן. מען האט מורא פארן חורבן, וואס זיי מאכן ביים פארלאזן א שטאט.

נאר דאס איז גאר אן אנדערע מורא, שוין נישט די פאראיאריקע שטיקנדיקע מורא, דער פחד נישט נאר פאר טויט, נאר פאר דערנידערונגען, פארניכטונג און מאטערניש.

מען עוואקויִרט טראנסניסטריע. מען עוואקויִרט די אמטן, די אנגעפרעסענע, אנגעזויפטע רומענער אויפן חשבון פון יידישן אומגליק, מיטן אנגעראבעוועטן פארמעגן. מיט די רומענער עוואקויִרט מען די רוסן און אוקראינער, וועלכע האבן געטריי מיטגעארבעט די גאנצע צייט. מען האט שוין עוואקויִרט פון אדעס די אפערע, דעם טעאטער און אוניווערסיטעט מיט די „געטרייע" ארטיסטן און פראפעסארן, מען האט שוין עוואקויִרט אליץ, וואס עס האט געהאט א ווערט, פון מאהילעוו, טיראספאל, זשמערינקע, און אנד. און מען האלט אין איין פירן.

און איצט איז די רייע אויף טשערנאוויץ, יאסי און גאלאץ. און דאס אלץ לויפט אין רעגאט! וווהין וועט זיך דאס אלץ אהינטאן? זאגט מען טאקע, אז עס וואלגערן זיך דארט מענטשן אויף די גאסן, און אויף די גאסן וואלגערט זיך אויך דאס אנגעראבעוועטע האב און גוטס.

אבער יידן ווילן אויך אנטלויפן און מען לאזט נישט. ווער עס האט אבער געהאט די מעגלעכקייט גוט צו באצאלן, האט זיך דאך ארויסבאקומען. עס האבן זיך שוין ארויסגערוקט אייניקע טעלער־לעקער פון דער „קולטוס־געמיינדע".

און שטילערהייט, ווי שטענדיק, אן א ספעציעלער פאראָרדענונג נעמט מען ביי אונדז איצט אראפ אונדזערע געלע אפצייכנס. אבער כדי נישט צו „רייצן די געגנדן", טוט מען דאס נישט מיטאמאל, נאר שטופנווייז: היינט מעגן אראפווארפן די געלע אפצייכנס די מענטשן מיטן פאמיליעןנאמען „א", מארגן אויף א „ב" א. א. וו. עס וועט געדויערן א חודש און עס וועלן שוין נישט זיין קיין געל־אפגעצייכנטע יידן אין גאס...

מיר האבן אזוי לאנג געווארט אויף דעם חסד. פונעם ערשטן טאג אן, ווען מען האט אונדז באשיינט מיט די געלע לאטעס, האבן יידן נישט אויפגעהערט יעדן טאג אנצוזאגן, אז אט נעמט מען זיי אראפ, אט איז

שוין גרייט אזא פאראָרדענונג, און נאָר צוליב דער אָדער יענער סיבה איז די פאראָרדענונג צייטווייליק פארהאלטן געוואָרן... און אָט איז עס איצט א פאקט, מיר דרייען זיך ארום אין גאס מיט אַלע מענטשן גלייך, נישט קיין אָפגעצייכנטע און עס איז ביי אונדז איצט נישט קיין באַזונדערע שמחה. איצט קען מען שוין זיין אָפגעצייכנט, מען מעג שוין זיין נישט מיט זיי גלייך.

און אין דעם פריידיקן מומל אָ פרישער ס. אָ. ס.

א רוף פון טולטשין, מען זאָל ראטעווען די רעשטלעך פון די פארבלי־בענע נאָך די דייטשע „אקציעס", אריבערגעשטעלטע פון טראנסניס־טריע איבערן בוג. מען באשרייבט דערביי די „אקציעס" מיט אַלע פרטים אזוי אדורכגעפירטע ווי אין פוילן: געצוווּנגען אויסצוגראָבן גריבער, דער־שאָסן, לעבעדיקע צי טויטע באגראָבן, פאר קינדער געשפּאָרט א קויל... מאַסן־קברים, וועלכע האָבן נאָך א צייט נאָך דער קבורה „געאָטעמט", גע־ריירט זיך. פון 5.000 מענטשן האָבן זיך געראטעוועט עטלעכע צענדליק...

פעברואַר.

„לוטי" — הייסט דער חודש אויף פוילישׁ, א גרויזאמער חודש. האָט ער זיך טאקע אָנגעהויבן אזוי גרויזאם: מען האָט ווידער געכאפּט און אריבערגעשטעלט צו די דייטשן זעקס פוילישע יידן. פיר פון זיי, מיינע באקאנטע. די צוויי אומבאקאַנטע האָט מען געכאפּט נאָך אויפן וועג אהער. די פיר זענען פון דאנעט אריבערגעשיקט געוואָרן, ווי לעצטנס פיל אומלעגאלע פוילישע, קיין בוקארעשט, און צוליב א פּראָוואָקאציע האָט מען זיי פארהאלטן שוין אויפן בוקארעשטער וואָקזאל, ווען זיי זענען פון דאנעט אָנגעקומען. עס האָבן זיך דאָ צעקריגט צוויי אונטערוועלט מענטשן, און כדי נקמה צו נעמען איינער אין אנדערן, האָט מען אויסגעגעבן דערוויילֿ די אומגליקלעכע.. און גענומען האָבן דאָס יידן.

די פארהאלטענע אויפן בוקארעשטער וואָקזאל האָט מען קודם כל צוריקגעבראכט אהער. דאָ האָט מען זיי „פארהערט" און ביי דעם פאר־

הער שוין האָבן זיי קיין האָניק נישט געלעקט... זיי האָבן זיך אָבער געהאַלטן פעסט, נישט אַרויסגעגעבן, נישט ווער עס האָט זיי דאָ געהאָלפן אַרויס־פאָרן און נישט צו וועמען זיי זענען קיין בוקאַרעשט געפאָרן. עס איז טאַקע געווען אַ שטאַרקע מורא, עס זאָל נישט פאַרשיט ווערן די גאַנצע אַק־ציע מיטן אַוועקשיקן די אומלעגאַלע אין רעגאַט, און אַלע מענטשן, וועל־כע האָבן דערביי מיטגעהאָלפן. דאָס איז נישט געשען. די פיר, וועלכע מען האָט געכאַפּט: אינזש. טייכער, דעם האָב איך געקאָנט פון שפּיטאָל, ער איז געקומען פון סטאַניסלאַוואָו; שאַצבערג, פון האַראַדענקאַ, אויך פונעם שפּיטאָל; ניימאַן און אייזנער, דאָס זענען געווען פון די אויסבאַהאַלטענע אין שטאָט.

28. פעברואַר.

אַ באַפעל: מען זאָל נישט עוואַקואירן קיין יידן און ציגיינער... נישקשה, אַז עס וועט קומען דערצו, וועט מען זיך אַליין אַן עצה געבן.

***

מען האָט אין בערשאַד דערשאָסן 120 יידן אונטערן פאָרוואורף, אַז זיי האָבן געהאָלפן פּאַרטיזאַנער. צווישן זיי עטלעכע עלטערע מענטשן, וועלכע זאָלן האָבן געקליבן געלט און קליידונג פאַר די זעלבע פּאַרטי־זאַנער.

נייע צייטן, נייע לידער... קרבנות, כאָטש מיט אַ פאַרוואָס...

2. מערץ.

„יידן אין בוקאַרעשט", דערציילט איינער פון דאָרטן אַן אָנגעקומע־נער, „לעבן זיך איצט אויך ווי גאָט אין אדעס... מען גייט אין טעאַטער, אין קינאָ"... מיר דאָ קאָנען עס נישט פאַרשטיין, עס זעט אונדז אויס ווילד, ווי קאָנען זיי עס, ווען דאָ, באַלד אונטער זייער נאָז, הערשט אַזאַ אומ־

גליק? זעט אויס, אז ווען מען דער אומגליק טרעפט, דער פילט עס. די ווייטערע טוען נאָר א קרעכץ און מען לעבט ווייטער. און בוקארעשט איז דערווייל ווייט פון פראַנט, לעבט מען דאָרט, ווי ווייט פון פראַנט...

***

גענוי וועגן דעם יסוד פון די פאַלעסטינע-רייזעס ווייס איך נישט. עפּעס איז פאַראַן א פאָנד און א מעגלעכקייט צו פאָרן קיין פאַלעסטינע. מיר פּראָסטע מענטשן קענען נאָר קוקן און זיך באַלעקן. לויט אונדזער פּראָסטן שכל וואָלט מען געדאַרפט ארויסשלעפּן קודם-כל פון טראַנסניסטריע די אומגליקלעכע רעשטלעך פאַרבליבענע. עס דערציילט א שטייגער דאָקטאָר ווינער פון זיין פאַראַאָרידיקער ווינטערדיקער פּראַקטיק, אז ווען ער איז אריינגעקומען איינמאָל אין א שטוב צו א קראַנקן, איז אין דער שטוב שוין געווען 5 טויטע. ביז ער האָט פאַרענדיקט זיין וויזיט, זענען שוין אין שטוב געווען 10 טויטע. כדי ער זאָל קענען אדורכגיין — האָט מען צוזאַמענגערוקט די טויטע, און די לעבעדיקע האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער... אין דער איינער שטוב זענען געווען 60 מענטשן. טויזנטער האָבן זיך געוואַלגערט אויף די גאַסן, נאַקעטע, באָרוויסע, אָנגעשוואָלענע פון קעלט און פון הונגער...

אָבער אפילו דאָרט, אין יענער צייט, זענען געווען יידן, אויסנאַמען, מיטגלידער פון דער „קולטוס-געמיינדע" און אנדערע אזעלכע, וועלכע עס האָט גאָרנישט געפעלט, און זיי האָבן זיך קנאַפּ אומגעקוקט אויף די, וועלכע זענען אויסגעגאַנגען אויף די גאַסן פון הונגער...

איז פאָרט מען איצט קיין פאַלעסטינע. ווער זשע פאָרט?

קודם-כל יידן, וועלכע קענען איינצאָלן ביז א מיליאָן לעי. פאַראַן אזעלכע. עס זענען צווישן זיי אפילו פאַראַן עטלעכע אזעלכע געוועזענע גוטע פריינט פון דער אומגעקומענער פאַמיליע סופר. מען האָט נישט געקענט צוזאַמענקלויבן קיין 150 טויזנט לעי צו ראַטעווען די פיר נפשות סופר, און איצט האָבן זיך ארויסגעוויזן מיליאָנערן. עס זענען פאַרשריבן צום ארויספאָרן אלע ציוניסטישע קאָפּ-לעפל... עמך בלייבט אויפן אָרט. עמך איז שטענדיק אויסגעשטעלט אויף „שמעלץ".

אונדזערע פּוילישע קאָך־לעפל האָבן זיך אויך געמאָן א לאָז צום פאַרן, זיי נעמט מען אָבער נישט מיט. מען זאָגט, אַז די פּוילישע יידן לאָזן די דייטשן נישט אריבער, די פּוילישע יידן, דאָס איז זייער אייגנס, זאָגן די דייטשן. און זיי זאָלן האָבן אַראָפּגענומען אין בולגאַריע, שוין אויפן וועג קיין פּאַלעסטינע, א גרופּע פּוילישע יידישע קינדער, וועלכע מען האָט צוזאַמען מיט אַנדערע אַרויסגעשיקט, און מען ווייסט נישט וואָס עס איז מיט די קינדער געוואָרן.

17. מערץ.

איצט זענען מיר שוין טאַקע אויף אַן אמת גאָר אין דער רייע. דער פראָנט איז שוין דאָ, כמעט אויפן האַלדז. די רויטע אַרמיי איז אַריבער דעם בוג, פאַרנומען די שטעטלעך לאַדיזשין, טראָסטיניעץ, בערשאַד, אָבאָ־דאָווקאַ, וואַפּניאַרקאַ און טולטשין — אַלע אונדז אַזוי באַקאַנטע, אַזוי ווייטיקלעך פאַרשריבענע אין אונדזער זכרון, צוליב די גרויסע צרות פון אונדזערע נאָענטסטע... פונעם אומקום פון אונדזערע דאָרטן... דער גרויסער קבר פון די בעסאַראַבער און בוקאָווינער יידן.

און די רעשטלעך? וואָס איז מיט זיי געוואָרן, האָבן זיי זיך אָפּגע־ראַטעוועט, צי האָט מען זיי נישט ליקווידירט, איידער עס איז אַריינגע־קומען די אויסלייזונג, די רוסישע אַרמיי?

מיר ווייסן דערוויילע גאָרנישט.

דער פראָנט רוקט זיך צום דניעסטער. די פאַרבליבענע אין מאָהילעוו יידן האָט מען געמאָלדן, אַז זיי זענען פריי און קענען גיין, קיין כאָטין און ביעלץ — די בעסאַראַבער, און קיין טשערנאָוויץ און סטראָזשיניעץ — די בוקאָווינער. און מען גיט אונדז איבער, אַז זיי זענען שוין אויפן וועג...

און אָט שטעל איך מיר פאָר, ווי זיי גייען איבער די וועגן און די פעלדער בלאָטיקע, און ערטערווייז נאָך מיט שניי באַדעקטע, זיי גייען, די אומגליקלעכע, האַלב נאַקעטע און באָרוויסע, אויסגעשטעלט אויף אָנפאַלן מצד די באַנדעס און כוליגאַנעס, וועלכע האָבן זיך אין משך פון די לעצטע

יאָרן אויסגעלערנט צו קוקן אויף א ייד, ווי אויף עפּעס „ווילד", וואָס געהער צו זיין יאגד, ער איז פריי צו טאָן מיט אים, וואָס אים נאָר גלוסט... איך זע זיי, די פאַרהונגערטע, פאַרחלשטע איבער די האַלב פאַרפרוירענע פעלדער. ווי אזוי וועלן זיי דערגיין אהער? די אויסגעמאַטערטע נאָך די אוממענטשלעכע יסורים, וועלכע זיי האָבן איבערגעטראָגן. און אז זיי וועלן שוין קומען אהער, איז דאָך מעגלעך, אז מאָרגן זאָלן זיי מוזן מיט אונדז לויפן ווייטער. ווייל, וואָס ווייסן מיר, וואָס עס וועט מאָרגן זיין מיט אונדז? אפשר וועט מען הייסן אוועק פון שטאָט, אפשר פאַלן מיר אריין אין דער פאַרטיידיקונגס־ליניע פונעם דייטשישן פראָנט.

די רומענער לויפן ווי די מייז בעת א שיפסברוך.

א מאָדנע געפיל: טויט־שרעק, מיר גיבן זיך אָפּ א קלאָרן דין וחשבון, אז מיר געפינען זיך אין א טויט־געפאַר, און דערביי א ווילדע פרייד, וואָס עס האַלט שוין אזוי ווייט.

20. מערץ.

דאַכט זיך, אז דערמיט זענען מיינע נאָטיצן פאַרענדיקט. עס איז שוין, דאַכט זיך, ענדגילטיק דער אָנהייב פונעם סוף.

עס האַלטן אין איין אָנקומען דייטשן. מאָטאָריזירטע אָפּטיילן. עס הערט נישט אויף צו טאַראַראַכקען אויף די גאַסן, אז עס ציטערן די ווענט, עס קלינגען די שויבן אין די פענצטער טאָג און נאַכט אָן אויפהער; עס גייען אויטאָס, טאַנקען, מאָטאָציקלעטן. די שטאָט איז פול מיט דייטשן. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, ווי עס איז אונדז אויף דער נשמה. ווער עס קען, פאַרנעמט זיך ווייטער מיט די רומענער אין רעגאַט... פאַר א נאָרמאַלער „אויטאָריזאַציע" צו פאָרן מיט זיי האָבן אונדזערע כלל־טוער, די נאָך איבערגעבליבענע ביז איצט מיטגלידער פון דער קולטוס־געמיינדע, געצאָלט צו 30.000 לעי...

דער „פלעבס" בלייבט, און מאָרגן קען מיט אונדז זיין ווער ווייסט וואָס.

און אַ מאָדנע געפיל איז דאָס, עפּעס נישט צום איבערגעבן: אַ מורא, אַ פּחד, עס ווילט זיך נישט שטאַרבן און עפּעס אַן אינערלעכע שטילע, טיפע פרייד, וואָס עס האַלט שוין אַזוי ווייט, וואָס זיי לויפן, זענען אַזוי צערודערט און פאַרלוירן...

איך מאַך מיך איצט פאַרטיק אויף יעדן פאַל. עס קען זיין אַ דייטשי־שע „אַקציע"...

מיינע נאָטיצן גייען אין דער „ערד אריין", אַ „סכראָן" פאַר מיינע פאַרשריבענע העפטן. ווו וועל איך זיין מאָרגן, ווייס איך נישט.

28. מערץ.

כ'קער צוריק צום העפט, ווייל אָט לעב איך נאָך...

די שטאָט איז קיינעמס נישט און ליגט שטיל, איינגעשלאָסן הינטער טיר און טויער, אַז מען קען זיך נאָר אָנשטויסן, מען קען זיך נאָר משער זיין, אַז אין די הייזער, אין די שטיבער, אין די קעלערס און אין די באַהעלטענישן איז פאַראַן לעבן, זענען פאַרשטעקט מענטשן.

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן קומען אַהער אין גרעסערע מיליטערישע מחנות מיט אַ 8־10 טעג צוריק. עס איז באַלד געווען קענטיק, אַז זיי לויפן, נאָר דאָס לויפן האָט פון אָנהייב נאָך געהאַט אַ געוויסן סדר. מיט דער דייטשישער פּינקטלעכקייט און סיסטעמאַטישקייט זענען באַלד אין אַלע אָנגעזועענסטע ערטער ,אויף די ראָגן פון די גאַסן, אויפן רינג־פּלאַץ א. ד. ג. ארויסגעשטעלט געוואָרן ווייזערס: הענט מיט ווייז־פינגער, וווהין מען דאַרף פאָרן צום קאָמאַנדאַנט, צו דער אָרט־קאָמאַנדע; וועלכע גאַס, אויף וועלכן וועג, צו וועלכן שאָסיי, צו וועלכן פּונקט... אָרדענונג! אָבער אַז ווייז איז שוין געווען צו אָט דער אָרדענונג זייערער... עס זענען טאָג און נאַכט געגאַנגען אויטאָ־מאַשינען, טאַנקען, טאַנקעטקעס, פאַרבלאָטיקטע, צעמזיקטע, איין גאַנצע מאַשין און עס שלעפּט זיך נאָך 6־5 צעבראָכענע, און אַלץ, זעט מען, איז אַרויסגעשלעפּט פון טיפער בלאָטע.

און אויך די מאַנשאַפט זייערע. ווו איז אַהינגעקומען זייער ביז אַהער־

ריקע פּאַרפּוצטקייט? פאַרבלאַטיסטע, פאַרמורזעטע, אין זייערע שוץ-קליי־דער, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי גרינע פּאַרביקע שמוציקע שלאַנגען-פעל, שמוציקע און... הונגעריקע...

דער דאָזיקער „נאַרמאַלער" שטראָם האָט געדויערט ביז שבת דעם 25סטן מערץ. שבת איז עפּעס געשען, מיר ווייסן נישט וואָס, נאָר וואר־שיינלעך עפּעס אומפּאַראויסגעזעענס, ווייל שבת האָט דאָס לויפן אָנגע־נומען אַ כאַראַקטער פון אַ פּאַניק... אונדזערע יידן האָבן שפּעטער גע־זאָגט, אַז די רויטע ארמיי איז זיי פּלוצים אָנגעקומען פון אַן אַנדערער, נישט דערוואַרטער זייט, פון זאַליעשטשיק, אַז מען האָט פּלוצים געמאַכט אַ פּרישן דורכברוך צווישן טשאָרטקאָוו און זאַליעשטשיק...

און איצט ערשט האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן, די דייטשן. ביז אַהער איז מען אויך געלאָפן, נאָר איצט איז מען געלאָפן אין פּאַניק, אין איין אָטעם, געלאָפן איבער הענט און פיס, איבער קעפּ. אויף די דורכפאָר־גאַסן האָבן זיך געשאָפן פּראָפּקעס: נישט אַהין און נישט אַהער, האָט מען אוי־בערגעלאָזט די מאַשינען און געלאָפן צופוס... אויף דער סטעפּאַן־טשעל־מאַרע, איבער דער גאַנצער ברייט פון גאַס צו 4, 5 אויטאָס, אויף די טראָ־טואַרן מאָטאָציקלעטקעס און פורן און פוסגייער... און געיאָגט איינער דעם אַנדערן אין האַלדז און נאַקן... עס איז געווען אַ „געטלעך" בילד, עס איז ווערט געווען צו לעבן און צו זען די דייטשן אָפּטרעטן אין אַזאַ „אָרדענונג"...

צו מיינע באַקאַנטע, צו די אויסלענדערס, ווייל זיי וווינען אין אַ פּראָנט־דירה אויף סטעפּאַן־טשעל־מאַרע, איז פּלוצים אַריינגעפאַלן אַ דייט־טשישער סאָלדאַט. זיי האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן, אָבער עס איז געווען אומזיסט די שרעק, ער האָט געבעטן אַביסל וואַסער און אַ שטיקל ברויט... ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַן עסטרייכער און אונדז געוואָרנט:

„אין איינער שטונדע האָבן זי היער די רוסן."

דערביי האָט ער זיך אַרומגעקוקט, גלייך ער וואָלט געזוכט אַן אָרט זיך אויסצובאַהאַלטן... ביז דער „רוס" וועט קומען. ער האָט בפירוש. ווי יענער סאָלדאַט אין דעם יידישן אַנעקדאָט, געזוכט דעם „פּלען" (גע־פאַנגענשאַפט). מען איז פון אים קוים פּטור געוואָרן...

זונטיק אינדערפרי האט מען געהערט דאס ערשטע מאל שיסן, האר-מאטן־שאסן, און גאנץ נאענט. עס האט נישט לאנג געדויערט און עס איז ווידער שטיל געווארן. און אין אט דער שטילקייט האט מען אנגע־הויבן פלינדערן די געשעפטן אויף די הויפט־גאסן און אויסרוימען די אי־בערגעלאזטע, דורך די באלעבאטים, שטיבער. דאס זענען נאך געווען די לעצטע דייטשן, וועלכע האבן זיך נאכגעשלעפט נאך די אדורכגעלאפענע הויפט-טיילן. דאס האבן זיי אויפגעבראכן די געשעפטן, ווו עס האט זיך געפונען אלקאהאל. זיי האבן זיך אנגעשכורט און ווייטער געעפנט א קלייט נאך א קלייט, און באלד זענען אויסגעוואקסן שגצים, מיט גויים, מיט גויעס מיט זעק און מען האט געשלעפט און געטראגן און גערוימט אלץ, וואס עס איז געקומען אונטער דער האנט.

יידן זענען, פארשטייט זיך, געזעסן טיף פארבאהאלטן און קיין נאז אויף דער גאס נישט ארויסגעוויזן.

פון די רומענער זענען די לעצטע אוועק שבת אינדערפרי די פאליציי. עס זענען שוין שבת אין דער ריכטונג קיין בוקארעשט קיין צוגן נישט געגאנגען, א סימן, אז די ליניע איז שוין געווען איבערגעריסן, זע־נען די פאליציאנטן אוועק אין די גרויסע פורן, אין וועלכע מען פלעגט פון טשערנאוויץ ארויספירן דאס מיסט... עס איז געווען ווי א סימבאלישער צוג: די גרויסע מיסט-פורן און אין זיי די טשערנאוויצער פאליציי... פארן אוועקפארן האבן זיי אונטערגעצונדן די פרעפעקטור, איינע פון די גרעסטע געביידעס אין טשערנאוויץ. קיין וואסער צום לעשן איז נישטא, און ס'האט אויך נישט ווער צו לעשן, ברענט די דאזיקע געביידע... מען האט אויפ־געריסן און אונטערגעצונדן אין זשוטשקא די צוקער-פאבריק און אויך איי־ניקע אנדערע... עס ברענט אויף רינג־פלאץ א הויז נעבן דער הויפט־באנק, עס ברענט די „קארטע ראמאניאסקא", א גרויסע ביכער־האנדלונג אויף הערן־גאס. עפעס א הויז האט מען אונטערגעצונדן אין טעמפל־גאס, און עס ברענט ביז איצט די רעזידענץ. צוליב וואס זיי האבן אונטערגעצונדן די רעזידענץ איז שוין גארנישט פארשטענדלעך, זייער א היילקטום. די רוסן האבן ביים אפטרעטן געשוינט דאס היילקטום זייערס, די רעזידענץ

פון זייער פאטריארך, און א חוץ דעם א בנין פון זעלטענער ארכיטעקטור און מאזאאיק, זיי אליין אבער האבן עס נישט געשוינט און אונטערגע־צונדן... ביים קומען האט מען אונטערגעצונדן און פארניכטעט דעם יידישן טעמפל, אויך א זעלטענע ארכיטעקטור און מאלעריי, מאזאאיק, און איצט די אייגענע רעזידענץ.

א מאדנע געפיל: עס ברענט ארום און ארום, עס גייט א רויך, א פלינדעריי, מען הערט די געשרייען פון דער גאס, און דאס גייט אן ווי א פאראיאריקער שניי. וואס עס ארט און באאומרואיקט איז דאס, וואס עס איז שטיל געווארן, מען הערט נישט מער שיסן. אט די דאזיקע שטיל־קייט איז אומדערטרעגלעך: אפשר האט מען צוריקגעשלאגן די אטאקע?

דאס וואלט געווען דאס שרעקלעכסטע. איצט הערשן אויף דער גאס די איבערגעבליבענע שכורע דייטשן מיט די שגצים, וואס פלינדערן... מען זיצט הינטער פארהאקטע טיר און טויער און מעןווארט, און מען בעט, א שטילע תפילה: עס זאל זיך אנהייבן די שיסעריי, און א סוף זאל נעמען די שטילקייט איז אומדערטרעגלעך...

מיטוואך, 29. מערץ.

אריבער! מיר לעבן, און די רוסן זענען שוין אין שטאט!

נעכטן פארנאכט האט זיך עס אנגעהויבן, עטלעכע ארטילעריע־שאסן האבן אויפגעטרייסלט די שטאט, עס האבן אויפגעציטערט די הייזער, זיך גענומען שיטן די שויבן פון די פענצטער.

מיר האבן אויפגעלעבט! אפגעאטעמט מיט פארלייכטערונג: ענדלעך האט זיך עס אנגעהויבן און כאטש עס איז נישט קיין גרוים פארגעניגן צו געפינען זיך אין א שטאט, וואס ווערט גענומען אונטער אן ארטילעריע־פייער, האט דאס דונערן פון די קאנאנען איצט אונדז נישט געשראקן, גלייך מיר וואלטן פון עמיצן געקריגן א פארזיכערונג, אז אונדז וועט דאס נישט טרעפן. ארום 1 אזייגער ביינאכט, א פאר ספעציעלע קנאלן, פון וועלכע מיר זענען שוין אויך אויפגעשפרונגען, אבער דאס איז ערשט גע־

ווען גאַרנישט... מען האָט אויפגעריסן די בריקן... און ווידער שטיל...
דאָס ערגסטע איז געווען די שטילקייט...

דעם אינדערפרי האָבן מיר באַגעגנט מיט אומצוטרוי: וואָס וועט אונדז נאָך ברענגען דער היינטיקער טאָג. און דאָ קומט אריין גרעטא סאַגאַן, אונדזער ליבע גרעטא, וואָס ווייסט אַלץ מיט אַ פּאָר מינוט פריער פון אַלע, און זאָגט אָן די בשורה: די רוסן זענען שוין אין שטאָט. מיר גלויבן נישט, מיר גלויבן נישט אין דעם גליק! מיר קוקן אַרויס דורכן פענצטער און זעען, ווי עס רוקן זיך אַרויס, פּאַוואָלינקע, מיט גרויס פאַרזיכט, איינצלנע מענטשן, מיר דערקענען אונדזערע שכנים יידן... און אין אַ פּאָר מינוט אַרום... יאָ, זיי זענען דאָ, עס לויפן אַרויס יונגוואַרג, עס לויפן נאָך זיי די עלטערע, אַלץ צום רינג־פּלאַץ, ס'איז אַ פאַקט, זיי זענען אין שטאָט, אונדזערע רעטער, אונדזערע אויסלייזער, די רוסישע אַרמיי...

פון דער גאַס הויפּט-שטראָסע צום רינג־פּלאַץ פאַרט פּאַוואָליע אַ גרופּע רויטאַרמייער. עס רינגלט זיי אַרום אַן עולם, די אָנגעקומענע טיילן פּאַפּיראָסן, שאָקאָלאַד פאַר די קינדער... געקומען אין שטאָט אַריין. ווי אייגענע, טאַקע ווי ברידער, ווי אויסלייזער...

עס האָט זיך נישט ווילנדיק דערמאָנט דער אַריינקום פון די דייטשרומענישע בעסטיעס און דער וועג זייערער איבער דער רוסישער־גאַס ביזן רינג־פּלאַץ אויסגעלייגט מיט הרוגים... און עס האָט זיך געצויגן אַ ברכה אויף די קעפּ פון די איצט אָנגעקומענע...

פאַר אונדז האָט זיך דער פראָנט געענדיקט, פאַר זיי נאָך נישט, זיי זענען געגאַנגען ווייטער...

געבענטשט זאָל זיין זייער וועג!...

רעגיסטער פון נעמען

א) פערזאנען

אימבער ש. י. 49, 50, 67, 70, 71, 82, 83, 98.
אימבער ניושא 49.
אשענדארף י. 51, 99.
אדעלמאן מ. 102.
אנטאנעסקו יאן 141, 160, 169, 170.
אויסלענדער רעגינא 145, 147, 254.
אמייזן דר. 224.
אקסמאן 234.
אוליאנאווער מרים 244.
אניסקאוו א. 225.

באמבוע נ. 51.
בערלינסקי ש. 51, 57.
ביטער מלך 59, 85, 102.
באי־זשעלענסקי 61, 66, 70.
בארייזשא יעזשי 61, 66.
בארוויטש־בארוכאוויטש מ. 61, 66.
בערעזניאק 84.
בעל שם טוב 99.
ביקל שלמה 111.
בארסוק 135.
בעריק רחל 137, 146, 148.
בעריק מישא 137, 146, 148.
ברייטמאן משה 149.
באלבאשענקא א. י. 153.
בערשטיין עכפיר א. 162.
בעסלער 171, 187, 188.
בערגנער דר. 181.
באלאהורא ראמאן 215, 223.
באיעטשקא 220.
באביוק 223.
בארטפעלד מרדכי 223.
באוויטש פעטרא 223.
בראדער אבא, 224.
באדנאר דר. 225.
בערלינג בערטא, 199.

גרין ירחמיאל 51, 99.
גורסקא האלינא 61.
גאלאן 61.
גרינבערג אורי צבי 96.
געלפענשטיין זינא 128.
גאטעסמאן 144.
געלטנער 174, 175.
גערטנער י. 211, 227.
גאיא 219.
גארדעצקא פרוי 221.
גינינגער חיים 243.

דאבאש 59.
דע קאמפא סאמועל 134.
דאלינגער 197, 208, 209, 232, 240.
דראגולינא, גענעראל 206, 207.
דיזשע 209.
דאליבורה 223.
דרעזנער מאיר 223.
דימימרא 223.
דערזשיצקי 224.
דעבענטשוק יאן 232.

הירשפעלד צעשיא, 21, 22, 32, 35, 41, 44, 56, 59.
הירשפעלד סאליע, 44.
האמער 52.
האפשטיין דוד 62.
הארעוויץ בער 99.
האלענדערסקי מוטעק 101, 102.
האלענדערסקי אריה לייב 101.

הימלער 157, 169, 212.
הערמאַן מאַלי 199, 200.
העם יעוואַטשקאַ 201, 202.
האַמבורגער דר. 209.
האַרניק דר. 210.
האַנטשוק אינזש. 215, 225.
הערטעל 219.
הירש דר. 220.
האַווריש הריץ 222, 223.
האַזענפריץ 225.
הייזנער ש. 232, 233.

וויינבערג 17.
וואַשילעווסקאַ וואַנדאַ 61,66,87,88.
וויעלעדניצקי 62, 94.
וועבער הערש 66, 98.
וואַלשטיין מעבעלע 118.
וואַלשטיין לוסיק 118.
ווייסהויט, פרוי 158.
וועגקלער 186, 187, 190.
ווילענקאַ דר. 205.
ווישניצער דר. 209.
וואַלאַנסקי 214, 215.
וויניצקי אינזש. 214, 215, 220, 224.
וואַלאַנטשוק 215.
וויגטאַגיאַק 225.
ווייסמאַן 228, 230.
וואַרדאַווסקי יורי 232.
ווינער דר. 250.

זשעראַמסקי ס. 17.
זיינפעלד אַברהם 49, 50, 71, 82, 98,
100.
זיינפעלד לובאַ 49, 67, 83.
זשיטניצקי ה. 5. 51.
זילבעריטאַץ 144.

טשעמפעלינסקאַ עליזשביעטאַ 61, 66.
טודאַר 61.
טאַלאַליעווסקי 62.
טימצאַווע 140.
טייכער אינזש. 197, 249.
טשיבי 223.
טימיאַק יוזעף 224.
טימיאַק ניקאַלאַי 225.
טוי אַנשעל 226.

יעגענסדאָרף לאַזאַרעק 204, 205.
יוטי 188.
יוזיפטשוק 215.

כאַשצעוואַצקי 62, 94.
כאַיריש פאַניע 128, 207.
כאַיריש יאַשקע 128, 207.

לענט הירש 85, 102.
לעז ראַפּעק 100, 101.
ליכטענשטיין ראַפּעק 101, 102.
ליכטענשטיין ישראל 101.
ליכטענשטיין גוטקע 101.
ליכטענשטיין אַלעק 101.
לענט שאַנאַנעק 102.
לערנער 111.
לויפער פרוי 183, 186.
לאַנדוי דר. 191, 209.
לאַנדהיים ליזע 192, 194, 195, 197,
208, 209.
לאַנדוועהר 198.
לעער 209.
לעווקאַליוק ניקאַלאַי 220.
לאַנגע 224.
לאַליוק 232.
לעוויצקאַ יוליאַ, 224.

מיטלבערג בער 59, 85, 102.
מיעדזשינסקי-לענט 59, 85.
מעלמאַן 60.
מאַרקיש פּרץ, 96, 97, 98.
מיכאַעלס שלמה 99.

מארק ראבינער 117, 164.
מארינעסקו 141, 143, 144, 178, 180, 206.
מאקס ב. 165, 166, 167.
מעלצער 171, 186, 187.
מארמאראש מענדל 225.
מאלאדאווסקי קאדיע 244.

גאטאן שמחה 60.
גאטאנזאן 61.
גאכט נ. 61.
גייבערגער דר. 125, 133, 191.

סטאזשינסקי סטעפאן 31, 33.
סטאלין 46, 47, 113, 246.
סויפער 111, 203, 204, 206, 225, 241, 250.
סים הארא 170.
סלאבאדאניוק טשארנע 190, 204, 243.
סאריוק 215.
סאלאוואראווסקי 220.
סימכע דר. פרוי 224.
סעגאל ברידער 243.

ערעלשטיין פרוי 182, 183.
עלקין מירל 198.

פוקס לאזאר 21, 22, 54, 72, 74.
פוקס געניא 32, 34.
פוקס לעאן, דר. 32 75.
פערלע יהושע 51, 98.
פאגעל דבורה 51.
פרידמאן סאניע 52, 53, 98.
פוטראמענט 61.
פאסטערנאק לעאן 61.
פעפער איציק 62.
פאליאנקער 62,
פאניטש פיאטר 62.
פוקס אלעקסאנדער 76, 77.
פוקס יאשעק 76.
פוקס קובא 78.
פראנקא איוואן 88.
פרענקעל דר. 117, 225.
פאפאוויטש ט. 134, 136, 142, 178.
פילדערמאן דר. 141.
פעקלער 178.
פיינזינגער דארא 185, 186.
פרישלינג 208.
פיאלא 212.
פאלקמאן 215.
פריסיאזשניק 217, 222, 223.
פאנצאק 223.
פליישער משה 223.
פוקס משה יוסף 223.
פיגלום 224.
פיפטשוק יאן 226.
פעלצעל 228.
פראסט דר. 230.
פוקס אנא דר. 243.

ציקערט סטעפא 17.
צוידערער נעטי 196.
צוידערער סוניע 196, 208.

קארן רחל 44, 49, 66, 99, 244.
קעניגסבערג דוד 52, 70, 71.
קאציזנע אלטער 52, 60, 61, 66, 92, 95, 98, 99, 105.
קרופסקאיא נ. ק. 53, 54.
קאמינסקא אידא 60, 67.
קארמאנסקי 61.
קארנעיטשוק 62.
קאזלאניוק ניקאלאי 61, 224.
קאלאטעסקו 133, 141, 176, 180, 206.
קוזא פראפ. 133.
קילינגער פ. פאן 169, 170.
קאזשוקאר 176.
קאן אדוו. 196.
קיאשוק ניקאלאי 214, 215, 217, 224.
קאשאק 214, 215, 220, 223.
קאזאק יוזעף 215.

קאשאק לעלעס 215, 217, 223.
קאמינסקי 221.
קארפעל 223.
קולטשינסקי קאזמיערזש 226.
קאמיענסקי יאן 226.
קיטאַרעדער מאיר 242.
קאגאן גרעטא 257.
קראַפט 111.

ראזענבלאט 32.
רעזניק מלכה דר. 32.
רומקאווסקי מרדכי 36, 37, 86.
רומקאווסקי ראזא 36.
רובינשטיין 51, 57.
רודניצקי 61.
רילכקי 62.
ראַפּאַפּאָרט ה. 92.
רזשאווינסקי אשר 131, 147, 149.
רויטמאן דינה 144, 181, 191, 192, 243.
רזשאווינסקי שבע 148.
רייס 208, 209, 232.
רייך משה 213.
רעגוש 215.
רייצין 222.
ראזענרויך 223, 224.
ריפּסיק 225.

שפּער יונה 22.
שימעל משה 51, 55.
שולמאן יאניע 38.

שנאַפּער בער 51, 98.
שודריך יאנקל 52, 64, 67, 69, 99.
שענוואלד לוציאן 61, 66.
שטיינבערג 82.
שמיאטשער אסתר 96.
שטיינבארג אליעזר 100, 110, 127, 243.
שטיינבארג רבקה 110, 127, 243.
שווארץ 111.
שווארץ ליוסיק 120.
שימאנאָוויטש דר. 134, 143, 176.
שילער זיסל 145, 147.
שום דר. 162, 163, 243.
שמאַדלער יאנקל 171, 183, 186.
שטאַדלער צירל 171, 182, 184, 185, 186.
שאַטנער 178.
שמערצער 189, 190, 191.
שווארצבארד יצחק, דר. 212.
שטעפּוריאַק פּרוי 215 221.
שויבער מאַטעל 217.
שלאַסבערג זיסיע 220.
שפּייכער 225.
שפּאַק אנטאַסי 225.
שניידער שמחה 226.
שפּיגעל פּייגע 228.
שווארצמאן דר. 242.
שווארצמאן ניוניע 242.
שווארצמאן גרישע 242.
שווארצער־העכט פריידע 243.
שאַרפשטיין, 238, 241.
שאצבערג, 249.

ב) שטעט און שטעטלעך

אריאל 53.
אָרשע 114.
אָדעס 114, 141, 173, 206, 210, 247.
אווידיאַווקע 173.
אַטעק 201.
אַבאַדאַווקא 251.

בזשעזשין 23.
ביאַליסטאָק 72, 73, 74, 75, 78.
ברעסט־ליטאָווסק 75.
ברימשאַן 109, 110, 113, 119, 120, 122,
128, 147, 190, 242, 243.
בוקארעסט 111, 132, 134, 141, 144, 150,

162, 168, 169, 170, 175, 176, 220,
204, 244, 245, 248, 249, 250, 255.
בעלזשיץ 162, 163, 229, 231.
בעריאזאווקע 173.
בארטשאוו 203, 204, 205, 236, 238,
241.
בערשאד 207, 251.
בערלין 234.
ביעלץ 251.

גוואזדזיץ 231.
גאלאץ 247.

דאנציג 39,40.
דניעפּראפּעטראווסק 95.
דאראהאיע 124, 242.
דעליאטין 226.

הרובנע 119.
האראדענקא 171, 192, 194, 196, 231,
249.
הריניאווא 216.
הריטשקא 216, 227.

וויעלון 16.
ווארשע 20, 25, 30, 31, 32, 33, 48, 59,
96, 104, 123, 213.
וועסטערפּלאטע 31.
וואראכטא 226
ווילנע 35.
וואפּניארקא 251.

זגעזש 17.
זדונסקא־וואליא 19.
זשעזשאוו 40.
זאקאפּאנע 49, 59.
זאליעשטשיק 158, 254.
זשוטשקע 199, 200, 233, 255.
זשאביע 215, 228, 230.
זאבלאטאוו 228, 231.
זשמערינקע 247.

טשערנאוויץ 108, 115, 119, 122, 125,
132, 136, 139, 143, 144, 147, 150,
152, 154, 156, 159, 162, 163, 174,
176, 178, 187, 198, 201, 204, 211,
222, 228, 232, 240, 245, 247, 251,
255.
טראנסניסטריע 122, 124, 130, 137, 142,
152, 157, 162, 163, 164, 167, 168,
173, 192, 202, 209, 235, 238,
239, 242, 247, 248, 250.
טשעשעווערטינאווקא 207.
טולטשין 207, 235, 236, 248, 251.
טאטאראוו 226.
טשעניזשין 231.
טיראספּאל 247.
טראכטיניעץ 251.
טשארטקאוו 254.

יאראסלאוו 40, 42.
יעזשיערנע 50.
יעדיניעץ 119, 122, 198, 207, 243.
יאנעוועץ 147.
יאבלאניצא 215, 216.
יארעמטשא 226.
יאבלאניא 226.
יאבלאנאווע 229, 231.
יאסי 247.

כעלמי 17.
כארקאוו 95, 169.
כאטין 113, 122, 162, 163, 201, 202,
239, 240, 251.

לאדזש 9, 10, 15, 24, 26, 32, 36, 37,
48, 50, 54, 71, 72, 73, 86, 96,
101, 109, 110, 112, 123, 141, 164.
לאסק 19.
לוויוויטש 30.
לעמבערג 40, 48, 89, 94, 96, 102, 104,
106, 108, 111, 217, 233.

ליטשאקאוו 51.
לייפציג 110.
ליפקאן 120, 122, 128.
לאנדאן 180.
לאדיזשין 207, 251.
לובלין 235.

מאסקווע 30, 36, 53, 54, 76, 91.
מינסק 75.
מורמאנסק 114.
מאגילעוו 114, 121, 122, 140, 153, 207,
247, 251.
מעלניצע 145, 203, 238.
מאסקאליאווקא 223.
מיקיטינצע 225.
מיקולינטשין 226.

ניקאלאיעוו 166.

סמאלענסק 75, 114.
סמאגיסלאוואוו 99, 159, 197, 218, 249.
סעוואסטאפאל 114.
סעקוראן 119, 120, 122, 199, 201, 202.
סטראזשיניעץ 124, 242, 251.
סניאטין 171, 176, 180, 181, 184, 187,
189, 210, 218, 238, 239, 242, 244.
סאראקע 185.
סעמיאנקאוויץ 194, 195.
סאדעגערע 201, 202, 209, 210, 234, 235.
סקאזשיניעץ 207.

פאביאניץ 19.
פזשעמישל 32, 35, 38, 42, 44, 45, 47,
48, 51, 57, 58, 99.
פעטשענעזשין 217.
פיסטין 225, 229, 231.

קאבאניוועק 17.
קוטנע 30.
קיעוו 33, 92, 95, 97, 99, 104, 105,
109, 114, 238.
קראקע 44, 48, 49, 50, 83.
קלעפאראוו 51.
קאזאן 53.
קאזיעלסק 75.
קאסאוו 183, 211, 236.
קאסאוו־הוצולכקי 221, 223.
קאלאמיי 194, 218, 219, 225, 229, 230,
231.
קאמענעץ־פאדאלסק 217.
קיטעוו 224, 229, 232.

ראווגע 59, 85.
ראווא־רוסקא 162, 232.
ראסטאוו 169.
ראדאאוץ 175.
ראזשנאוו 183.

שיעראדז 19.
שטיינברוך 207.
שעפאראוויצע 218.

*

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן ־ י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש
6) זרובבל: בארג חורבן (קאפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (איינדרוקן פון א רייזע)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון ווארשעווער געטאָ
16) קינדער־מארטיראָלאָגיע (זאמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּארטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פארצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: ווארשעווער הייף
24) טאָניאַ פוקס: א וואנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

ש. ל. שניידערמאן: צווישן שרעק און האָפענונג
ש. איזבאן: „אומלעגאלע" יידן שפאלטן ימען
לעאָ פינקעלשטיין: מגילת פוילן
יאָנאס טורקאָוו: אזוי איז עס געשען... (חורבן־ווארשע)
שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
שמחה פאָלאקעוויטש: כ'בין געווען אין טרעבלינקע
ר. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאמען (טאָג־בוך)
יעקב פאט: הענעך (טאָגבוך פון א קינד)
א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פאוויאק

עס גרייט זיך צום דרוק:

יוסף אפאטאָשו: פוילן
יוסף אקרוטני: אין קלעם
משה אונגער: רביישע הייף
רחל אויערבאך: מאטעריאלן פונעם רינגעלבלום־ארכיוו
מיכאל באָרוויטש: אַרישע פאפירן (דאָקומענטן)
הרב אברהם ביק: צען דורות פוילישע גאונים
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאזאוויע
פ. בימקאָ: אמאָל אין פוילן
נח גריס: קינדער אינעם קאמף (דאָקומענטן)
יאנינא העשעלעס: מיט די אויגן פון א 12־יעריק קינד
הערשעלע: שבת אויפן טראקט
עוזר ווארשאווסקי: שמוגלארס
יוסף וואָלף: לייענענדיק פרצן
ד"ר יוסף טענענבוים: דער לעמבערגער פאָגראָם
ה. לייוויק: דער נס פון געטאָ
יחיאל לערער: מיין היים
נחמן מייזיל: דיכטער־מארטירער
צפורה קאצענעלסאָן־נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
א. נחתומי: דאָס לעבן רופט
מ. נודעלמאן: אָפגעשפילט...
יהושע פערלע: יידן פון א גאנץ יאָר
ד"ר יוסף קערמיש: אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ
מ. קאָסטרינסקי: פינסק
ד"ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פוילן
בער י. ראָזען: טלאָמאצקע 13
מיכאל און צבי ראיאַק: חורבן גלובאָק
ד"ר יצחק שיפער: קאפיטלעך געשיכטע
מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
ד"ר ח. שאָשקעס: א לעבן, וואָס איז פארביי...
ל. שפיזמאן: די חלוצישע באוועגונג אין פוילן

פּרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

יוסף מענדעלסאָן שרייבט אין צוזאמענהאנג מיטן דערשיינען פון די ערשטע צוואַנציק בענד פון דער ביכער-סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום” („די אידישע צייטונג”, בוענאָס־איירעס, 25טער אויגוסט 1947):

מיט די דריי ביכער, וואָס זענען די לעצטע טעג דערשינען — קאַטשערגינסקיס „פּאַרטיזאַנען גייען”, פרידע זרובבלס „נע ונד” און מרדכי שטריגלערס „מאַידאַנעק” — האָט דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין ארגענטינע דערגרייכט די צאָל פון 20 ביכער, פון דער ביבליאָטעק „דאָס פּוילישע יידנטום”, וואָס האָט אָנגעהויבן ארויסגעבן אונטער דער לעמא „דאָס פּוילישע יידנטום”, מיט, בערך, אכצן חדשים צוריק.

דאָס איז א פארלעגערישע דערגרייכונג און אָנשטרענגונג, וואָס איז, דוכט זיך, ביז איצט נישט איבערגעשטיגן געוואָרן פון קיין שום יידישן פארלאַג, אפילו אין „אלטע, גוטע צייטן” אין ווארשע און ווילנע, אין די בעסטע יאָרן פון דער צייט צווישן ביידע וועלט-מלחמות, ווען עס איז געווען „נאָרמאַל” און ווען דער „קלעצקין־פארלאַג” האָט אנטוויקלט א ברייטע און פרוכטבארע טעטיקייט.

אין אונדזערע איצטיקע צייטן זענען יידישע פארלאַגן, אין דעם אייגנטלעכן זינען פון דעם וואָרט, פארלאַגן, וואָס זאָלן אָנפירן א ברייטע און פארצווייגטע טעטיקייט, מיט א פאָראויס-אויסגערעכנטן פּלאַן וועגן וואָס ארויסצוגעבן און נישט צופּעליק, נאָר — א זאַך, וואָס עקזיסטירט כמעט אויסשליסלעך אין ארץ-ישראל און נאָר אין העברעאיש; אין דער גרויסער ניו-יאָרק איז אזא פארלעגערישע טעטיקייט: א גרויסע און א פארצווייגטע, א ברייטע און א פּאָפּולערע, דערווייל נאָך אַלץ א זאַך פון טרוים און פון גוטן ווונטש.

דער דאָזיקער פאַקט, וואָס אין אזא שווערער צייט פארן פארלאַגס-וועזן אין גאָר דער וועלט, און ארגענטינע איז נישט קיין אויסנאַם, האָט ביי אונדז געקענט דערגרייכט ווערן אזא מערקווירדיקער אומפארגלייכלעכער אויפטו ווי ארויסגעבן צוואַנציק ביכער אין אכצן חדשים און ביכער וואָס געהערן אינהאלטלעך צו דעם, וואָס באַשעפטיקט אמטיפסטן און אמפיינלעכסטן, ווי די יידישע שרייבער, דענקער און וויסנשאַפטלער אַזוי אויך די מאַסן לייענער — דער חורבן פונעם פּוילישן יידנטום און זיין רומפולע פארגאַנגענהייט — שטעלט פאַר דער גאַנצער יידישער וועלט אין די תפוצות און אויך אין ארץ־ישראל די דערגרייכונג פונעם היגן צענטראַלן פארבאַנד פון פּוילישן יידנטום אין דער מדרגה פון א וווּנדער.

די ביבליאָטעק „דאָס פּוילישע יידנטום" (די פאַרלעגער רופן עס באַשיידן מיטן נאָמען „ביכער־סע־ריע") איז ווירקלעך א וואונדער. עס וואָלט אויך געווען א וואונדער, ווען דאָס דאָזיקע זאָל געוועזן געשען אין דער גרויסער ניו־יאָרק מיט אירע דריי מיליאָן יידן, וואָס באַזיצן אומ־דערשעפּלעכע מאַטעריעלע מיטלען; און אז דאָס איז געשען אין דעם קליי־נעם ישוב אין אַרגענטינע, ווו קיין יידישער פאַרלאַג־וועזן פון א געהער־ריקן אָנגעזעענעם פאַרנעם איז, בכלל, נישט געווען, פאַר דעם — איז דער פאַקט פון די מערקווירדיק שוין א־רויסגעגעבענע צוואַנציק ביכער „דאָס פּוילישע יידנטום" א... וואונדער איי־בער וואונדער.

קיין נסים אָבער זענען פאָרט נישטאָ; און דאָס, וואָס צוואַנציק בי־בער פונעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן האָבן געקענט זען די ליכטיקע שיין און ווערן פאַרשפּרייט אין אַלע תפוצות ישראל פון אַרגענטי־נע ביז ארץ ישראל און פון נאָרד־אַמעריקע ביז די לאַגערן, ווו עס שמאַכטן און לעבן צווישן אַנגסט און האָפענונגען א פערטל מיליאָן יידן, איז אויך נישט קיין נס. דאָס איז צו פאַרדאַנקען דער איניציאַטיוו און אָנ־שטרענגונג פון... צוויי מענטשן: דער איניציאַטיוו און דער דינאַמישקייט פון חבר מאַרק טורקאָוו און דער געוואַלטיקער איבערגעגעבנקייט און אומדערמידלעכער אַרבעט פון פריינט אַברהם מיטלבערג, צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך איבערגעגעבן מער ווי בלב ונפש, נאָר פשוט אינגאַנצן אריינ־געטאָן זיך אין דער דאָזיקער אַרבעט. טורקאָוו אַלס רעדאַקטאָר און מיטעל־בערג אַלס פאַרלאַגס־לייטער, האָבן געמאַכט, אז דער דאָזיקער נס פון 20 ביכער „דאָס פּוילישע יידנטום", זאָל קענען געשען אין בוענאָס־איי־רעס בדרך הטבע.

ווען א זאַך ווערט פאַר מענטשן א לעבנס־אידעאַל און זיי ווידמען פאַר דעם כוחות, ליבע, ווילן, ענערגיע, פעאיקייט און צייט אָן א שיעור — איז נישטאָ אויף דער וועלט אַזא שוועריקייט, וואָס זאָל קאָנען שטערן, וואָס זאָל זיין ביכולת צו קאָנען אָפּ־האַלטן די רעאַליזירונג פון דעם אָנ־געצייכנטן פּלאַן; און אז עס האָבן זיך געפונען צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַלס אידעאַל צו פאַר־אייביקן דורך א ביבליאָטעק ביכער „דאָס פּוילישע יידנטום" דעם עבר, דעם שרעקלעכן חורבן, זיין ראָל אין דער יידישער געשיכטע א.א.וו. האָט

זיך שוין געפונען די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט די איניציאַטיוו אויפגענומען און איר אונטערגעשטעלט א פּלייצע, אַזוי צו זאָגן און עס זענען געפונען אויך די גרויסע געלט־סכומים, וואָס זענען נייטיק פאר אזא אינטענסיווער, אימפּעטפילער און געדיכטער פארלאַגס־טעטיקייט ווי די, וואָס ווערט אנטוויקלט ביים ארויסגעבן די ביבליאָטעק „דאָס פּוילישע יידנטום".

עס איז פאראן א מערקווירדיקער צורך השעה אין אזעלכע ביכער ווי די צוואנציק ביז איצט דערשינענע. דאָס פּוילישע יידנטום איז אין אונדזער גלות־געשיכטע געווען — יאָ, צו אונדזער גרויסן צער און פּיין מוז מען שוין רעדן וועגן אים אין לשון עבר — דער פולשטענדיקסטער טיפּ פון א נאציאָנאַל־יידישער עקסטעריטאָריאַלער גאנצקייט, ווי דאָס איז געווען פאַר אים דאָס יידנטום אין בבל, פונעם ערשטן ביזן צענטן יאָרהונדערט, ווי דאָס איז געווען אויך בשעתו דאָס ספרדישע יידנטום, הגם נישט אין אזא פולער נאציאָנאַלער מאָס, היסטאָריש גענומען, ווי די פאָריקע צוויי.

דאָס פּוילישע יידנטום האָט אין טויזנט יאָר פון זיין געשיכטע אלס אָרגאַניזירטער יידיש - נאַציאָנאַלער איינס, ישראל אין דער מיט פון די פארשידנסטע גילגולים און פּאָליטישע פארוואנדלונגען און פּראָצעסן, וואָס פּוילן גופא האָט דורכגעמאַכט פון דעם 9טן ביזן 20סטן יאָרהונדערט, באוויזן צו שאפן אין אונדזער יידישער געשיכטע אזעלכע קנינים פון גרויסן נאַציאָנאַלן ווערט און באַדייטונג אויף אלע געביטן פון נאַציאָנאַל־יידישן קיום און שאפן, וואָס וועט פארבלייבן אייביק אין גאנצן פאָלק אונדזערן, און אזעלכע, וואָס האָבן, ווייל זיי זענען לאנג שוין געוואָרן דער קנין און א טייל פון דעם מהות זעלבסט און פון דעם כאראקטער פון אונדזער פאָלק אין גאנצן, נישט דווקא פונעם פּוילישן יידנטום זעלבסט.

דאָס פּוילישע יידנטום איז, ווי דאָס יידנטום פון בבל, ווי דאָס יידנטום פון שפּאניע בשעתו, חרוב געוואָרן. עס זענען געקומען שטורעמווינטן און אים צעשמעטערט. עס האָט זיך איבערגעחזרט — צום וויפלטן מאָל? — דער פּראָצעס פון חורבן פון ישובים און תפוצות ישראלס.

מוז מען קומען איצט און אונטערציען סך־הכלען, און זאמלען דאָקומענטן, און פארשרייבן און רעסטאווירן דורך היסטאָרישע דאָקומענטן ווי דורך שיינער ליטעראטור דאָס געוועזענע, פון דעם ערשטן אָנהייב ביז צום סאמע לעצטן סוף פון פּוילישן

יידנטום — און דאָס וואָרט „פּוילי־שער יידנטום פאַרשטיי איך אין זיין היסטאָריש - געאָגראַפישן פאַרנעם: פּוילן, ליטע, וואָלין, גאַליציע, פּויזן אאז״וו. — דער ועד ארבע הארצות; דאָס יידנטום ביז דער ערשטער צע־טיילונג פון פּוילן און צווישן סוף פון דער ערשטער און סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — כדי עס זאָל נישט פאַרשווינדן ווערן און פאַר־געסן ווערן פאַר די קומענדיקע דורות „מה פּעל ישראל״, וואָס דאָס פּוילי־שע יידנטום, וועלכער האָט צום 15טן און 17טן יאָרהונדערט פאַרמאָגט מער ווי א העלפט פון אונדזער גאַנצער נאַ־ציאָנאַלער דעמאָגראַפיע אין זיין איינער תפוצה, האָט אויפגעטאָן דער־גרייכט, איבערגעלעבט בעת זיין אויפ־בלי און אין די שרעקלעכע יאָרן פון דעם חורבן, און וואָס ער לאָזט איבער אלס נאַציאָנאַלער קנין פון אונדזער אייביק פאָלק.

עס איז א מערקווירדיקער צורך השעה, די ביבליאָטעק „דאָס פּוילישע יידנטום״; און די ערשטע 20 ביכער, וואָס זענען ביז איצט דערשינען, (איך באַצי מיך דאָ און דערווייל צו דער סעריע אלס גאַנצע) האָפן, אז זיי זענען דער אָנהייב נאָר. און עס ווילט זיך האָפן, אז נאָך, נאָך ביכער אין די צענדליקער וועלן דערשיינען.

אלנפאלס, די סעריע פון די ערש־טע צוואַנציק ביכער דערוויזן שוין, אז די איניציאַטאָרן האָבן טיף אָפּ־געשאַצט זייער אויפגאַבע און פירן אוים פאַרנעמפול די פּאָראויסגעצייכנטע פּראָגראַם.

פּנחס ביזבערג שרייבט וועגן דעם דערשיינען פון די ערשטע 20 בענד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום״ אין זיין אַרטיקל א״ג „דער נס פון בוענאָס־איירעס״ („דער שפּיגל״, בוענאָס־איירעס, סעפּטעמ־בער 1947):

אויב עמיץ פאַרדינט שבחים פאַר גרויסע אויפטוען, אויב עס איז בכלל פאַראַן א מאָס צו מעסטן דערגריי־כונגען, מוז מען רעדן וועגן די אויפ־טוען פון מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטעלבערג מיט לויטער סופּערלאַ־טיוון.

קיין מאָל זענען קיין גרויסע זאַכן, ווי ס׳איז דער פאַל מיטן פאַרלאַג פון פּוילישן יידנטום, נישט געוואָרן אָפּ־געטאָן מיט אַזאַ מין ענערגישער אַנט־שלאָסנקייט.

דאָס איז טאַקע א נס, ביי דער אומנאָרמאַלער סיטואַציע פון יידישן

פארלאג-וועזן, ווען ארויסגעבן איין און איינציק בוך פון א יידישן שרייבער הייסט שאפן א קאמיטעט, שלעפן מענטשן ביי דער פאלע, שרייבן נאטיצן וועגן נישט פארגעקומענע זיצונגען, מוטשען זיך מיטן פארקויפן (ס'רעדט זיך נאר אזוי „פארקויפן"): — זענען 20 ביכער אין משך פון בלויז 18 חדשים ממש א ווונדער.

כאטש די ביכער ארויסגעגעבן פון דעם ענערגישן פארלאג דורך צוויי אימפראוויזאטארן זאגן מיר לשבח זענען בלויז אימפראוויזאציע, הערשט דאך אין זיי א געוויסע פלאנמעסיקייט. זיי קענען איינגעטיילט ווערן אין סעריעס, כאטש על פי רוב זענען די ביכער געהייליקט דעם גרויסן חורבן, האט דער פארלאג זיך אויך געשטעלט די אויפגאבע צו שילדערן אין א ריי ביכער די סטאטיק, דאס פוילישע יידנטום אין זיין אויפבלי, כדי מען זאל זיך קענען מאכן א באגריף וועגן דעם גרויס פון אומקום, כדי מען זאל געדענקען נאך וואס מיר טרויערן.

די דאקומענטארישע ווערק אין דעם פארלאג פארנעמען גאר א גרויסן פלאץ. אין איצטיקן מאמענט איז דאס פון דרינגענדיקער נויטיקייט. די שאנד פון די פעלקער, וואס האבן דערלאזט, אז מען זאל אומברענגען מיט מיתות משונות מיליאנען יידן מוז ווערן פיקסירט אין דער געשיכטע. די ווערק וועגן טרעבלינקע, מאידאנעק, וועגן דער קינדער-מארטיראלאגיע, דאס טאג-בוך פון ווארשעווער געטא זענען ברענענדיקע שאנד-פלעקן אויפן גוף פון די מערדערישע פעלקער און נישט בלויז פון די אונטערמענטשן-פעלקער נאר אויך פון די נאציעס, וואס האבן דערלאזט אויפקומען אזא גיפטיקן שרץ אין דער וועלט. די שאנד פון דער מענטשלעכער ציוויליזאציע ווערט קאנסערווירט אין די אלע דאקומענטן, וואס „דאס פוילישע יידנטום" גיט ארויס. ס'איז וויכטיק צו וויסן דעם גאנצן, גאנצן אמת, צו וויסן וואס פאר א בעסטיעס עס האבן זיך געפונען פארשטעקט אין די קאנטס, געטעס, וואגנערס, העגעלס, און די גאנצע וויסנשאפטלערס, וואס האבן דערצויגן זייער פאלק צו אזעלכע מערדערייען, וואס דעגראדוירן דעם מענטשלעכן מין צו דער נידעריקסטער מדרגה, נאך נידעריקער פון דער רויב-חיה. זאל די וועלט געדענקען און וויסן וואס עס האבן אפגעטאן קינדער-מערדער, וואס צווינגען א יינגעלע צו דערמארדן אייגענע טאטע-מאמע, וואס ווארפן מאמע און קינד אין קרעמאטאריומס פון ריזיקן פארנעם, דאס האבן די „דיכטער און דענקער" פון דייטשן פאלק אויסגעטראכט א מאסן-כליה אויף א פאלק וואס האט ביי זיי גארנישט צוגענומען, נישט קיין טעריטאריע, נישט קיין פארמעגנס.

מיט גליענדיקע אייזנס וועלן מיר אן אויפהער אויסברענען די אמתע געשיכטעס פון אונדזערע לײדן אויף די פעטע גופים און פארפעצטע נשמות פון די צופרידענע פעלקער. דאס איז דער זין פון די דאקומענטן, וואס מוזן קומען צו דער עפנטלעכקייט און אפשר וועלן זיי א טאג אויך אנקומען צום געהער פון די פעלקער, אין וועלכע עס וועט זיך אויפוועקן דער געוויסן וועגן די עוולות, אין וואס זיי זענען דירעקט אדער אומדירעקט באטייליקט.

צו די דאָקומענטן געהערן די שיל-
דערונגען פון דעם כסדרדיקן נע-ונד,
פון דער היימלאָזיקייט פון די אויס-
געוואָרצלטע, פון דער שארית-ההרגה,
— אויך שרייענדיקע עוולות וואָס די
משוגענע וועלט באַגייט קעגן די אומ-
גליקלעכסטע פון די אומגליקלעכע בכל
יום ויום.

א גאָר באַזונדערן פּלאַץ וועלן פאַר-
נעמען די ביכער פון טרייסט, די בי-
כער וואָס שילדערן דעם ווידער-
שטאַנד, די נקמה, כאָטש אין א קליי-
נער מאָס, איבער דעם אומווירדיקן
שונא.

די ביכער זכרונות פון ווייטן און
נאָענטן עבר, די היסטאָרישע ציקלען,
די מאָנאָגראַפיעס פון שטעט און
שטעטלעך וועלן מיט זיך פאָרשטעלן
פּנקסים, וואָס פאַראייביקן די שענ-
סטע קיבוצים פון אונדזער קרעפטיק,
אומפאַרגלייכלעך פּויליש יידנטום.
דאָס וועלן זיין הייליקע ספרים, וואָס
וועלן אריינגענומען ווערן אין אנטאָ-
לאָגיעס, קינדער וועלן זיך מיט דעם
באַגייסטערן און זיך אָננעמען מיט
נאַציאָנאַלער אינספּיראַציע.

אויך זענען פון אומגעהויערער וויכ-
טיקייט די בעלעטריסטישע ווערק,
וואָס דער פאַרלאַג גיט ארויס, און
וואָס האָבן א שייכות מיטן לעבן פון
דעם אומגעקומענעם זאַפטיקן צווייג
פון יידנטום. דיכטונג איז ביי אונדז
תמיד געווען וואַרהייט. די פּלעיאַדע
פון יידישע דיכטערס און שרייבערס
האָבן אין זייערע ווערק אריינגעפּלאָכ-
טן שטיקער ווירקלעך לעבן. דעריבער
זענען די בעלעטריסטישע ווערק, וואָס
דער פאַרלאַג נעמט אריין אין זיינע
אויסגאַבעס א וויכטיקער ביטראָג צו
דער רעקאָנסטרוקציע פון יידישן לע-
בן אין פּוילן, א צוגאָב צו דער פיל-

מאָרביקייט, טיפקייט, שיינקייט און
הייליקייט פון דעם יידישן שטאָם
אין פּוילן.

און נאָך אמאָל אונדזערע הייסטע
ווונשטן די ליבע ענטוזיאַסטן און
קרעפטיקע בויערס פון יידישער קול-
טור אין אַרגענטינע, די פריינט טור-
קאָוו און מיטעלבערג, וואָס האָבן
מיט זייער אומפאַרמאַטערלעכער
פאַרלאַג-אַרבעט דערגרייכט רום ווייט
ווייט אַריבער די גרעניצן פון אונדזער
לערך קליינעם יידישן ישוב. זאָלן זיי
ווייטער אזוי פאָרזעצן און זעלבן
טעמפּאָ, מיט דער זעלבער ליבשאַפט
און איבערגעגעבנקייט פאַר דעם יידי-
שן געדרוקטן וואָרט.

זאָל דער נס פון בוענאָס-איירעס
ווייטער אָנגיין, ווייל ער איז דאָס
וווּנדער פון אונדזער געפייניקטן יידי-
שן לעבן, דער נס פון דעם יידישן
בוך, וואָס קען ניט ווערן פאַרברענט.

Este libro se terminó de imprimir el día 24 de Octubre de 1947, en los Talleres Gráficos **JULIO KAUFMAN** - Corrientes Nº 1976 - Buenos Aires